STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05721

FUN KRILOVS MESHOLIM

Ivan Andreevich Krylov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון קרילאָװס משלים



איוואן אנדרייעוויטש קרילאָוו

ל. אַליצקי

פון קרילאָווס משלים

פארלאג „ידיש בוך"
ווארשע - 1950

הילע געצייכנט פֿון :

הענריק העכטקאָפּ.

אילוסטראַציעס פֿון :

א. קאַניעווסקי;

א. לאַפּטיעוו;

ג. יעטשעאיסטאָוו;

ב. באַיוסקין;

י. וואסנעצאָוו;

מ. גאָרשמאַן;

א. סאַפּאָזשניקאָוו;

ק. קרוטקאָווסקי;

א. טאַראַנאָוו א״א.

L. OLICKI
FUN KRYLOWS MESZOLIM
(Baśnie)
Wyd.: „Idisz Buch“, przy CKŻwP
Warszawa 1950

Druk. „Nowe Życie“ Warszawa, ul. Tłomackie 5.
Form. A5. Nakł. 3 000. B-1107-855.

אי. א. קרילאָוו

(ביאָגראַפיע)

דער גרויסער רוסישער משלים־שרייבער איוואַן אַנדריייעוויטש קרילאָוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1769 אין א פאַמיליע פון אַן אַרמייאישן אָפיציר.

קרילאָווס פאָטער איז נישט לאַנג פאַר זיין טויט איבערגעגאַנגען אין ציוויל־דינסט. ער איז געוואָרן א קליינער באַאַמטער אין טווער. ער איז געשטאָרבן, ווען זיין זון, איוואַן, איז אַלט געוואָרן ניין יאָר.

פאַר דער פאַמיליע איז אָנגעקומען א צייט פון האָפנונגלאָזער אָרעמקייט. צוליב דוחק אין מיטלען האָט איוואַן אַנדריייעוויטש נישט געקאָנט באַקומען קיין געהעריקע ריכטיקע בילדונג. ער האָט זיך געלערנט מיט הפסקות אין א הויז פון איינעם א גוטסבאַזיצער, צושאַרנדיק זיך אַלס חבר צו די פּריצישע קינדער.

אומגעפער צו עלף־צוועלף יאָר האָט קרילאָוו אָנגעהויבן דינען ווי א שרייבערל אין א קאַנצעלאַריע. עס איז אים פאַרגעשטאַנען א לעבנס־וועג פון אַן אומבאַמערקט, קליין מענטשל.

די אָרעמע, אומגעבילדעטע, אָפּגעשטאַנענע באַאַמטן־סביבה, אין וועלכער קרילאָוו איז אויפגעצויגן געוואָרן, האָט אים געלערנט, אַז מע הארף בייגן דעם רוקן פאַר די באַלעבאַטים פון לאַנד, פאַרן שטאַרקן מאַכטהאָבער, פאַרן רייכן גוטסבאַזיצער, פאַר יעדן נאַטשאַלניק. די דאָזיקע סביבה האָט אים נישט געקאָנט אויסלערנען צו אַכטן און ליב האָבן די גוטסבאַזיצערישע אָרדנונג. די שווערע קינדהייט האָט באַוויזן קרילאָוון צו האַסן די מאַכטהאָבער פון לאַנד, וועלכע ער האָט געדאַרפט דינען און זיך אונטערטעניקן.

אַלט ווערנדיק דרייצן יאָר, האָט זיך קרילאָוו צוזאַמען מיט דער מוטער אַריבערגעקליבן קיין פּעטערבורג. אין א יאָר אַרום האָט ער

אָנגעהויבן שרייבן פּיעסן: קאָמישע אָפּערעס, טראַגעדיעס, קאָמעדיעס. פון יאָר 1787 האָבן זיך קרילאָווס ווערק — צווישן זיי אויך זיינע ערשטע משלים — אָנגעהויבן באַווייזן אין זשורנאַלן. און נאָך אין א צוויי יאָר אַרום איז ער, א צוואַנציקיעריקער בחור, אַרויסגעטרעטן מיט אַן אייגענעם זשורנאַל, וועלכן ער האָט וואַרשיינלעך איינגאַנצן אַליין אָנגעשריבן. דער דאָזיקער זשורנאַל האָט געהייסן „די פּאָטשט פון גייסטער".

אין זיינע ווערק איז קרילאָוו שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם לייבאייגנטום - רעכט און די גוטבאַזיצער־לייבאייגנטימער, געשילדערט די מאָראַלישע צעליגונג פון דער אדל־געזעלשאַפט. די טעאַטער־נאַטשאַלסטווע האָט נישט געוואָלט שטעלן זיינע פּיעסן; די שרייבער פונעם אדל זיינען געווען באַליידיקט פון די אָנפאַלן, וואָס זיי האָבן געפונען אין קרילאָווס פּיעסן. נאָר קרילאָוו האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זיך צעקריגנדיק מיטן טעאַטער־נאַטשאַלניק, דעם פריץ סאָמאָילאָוו, וואָס אונטער זיין נאַטשאַלסטווע האָט ער געדינט, איז ער אוועק פון זיין אמט און אָנגעשריבן צוויי בייסיקע בריוו־פּאַמפלעטן קעגן זיינע פיינט. די דאָזיקע בריוו זיינען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין אָפּשריפטן. אַ בחור אָן אַ פאַמיליע, אָן משפחה, אָן א פאָסטן, אָן געלט און אָן פאַרבינדונגען איז אריינגעטרעטן אין קאַמף מיט די מעכטיקע לייט פון דער אַדל־מלוכה.

אין פּעטערבורג האָבן אין יענע יאָרן עקזיסטירט קרייזלעך פון ליטעראַטור־ליבהאָבער, אין וועלכע עס זיינען אריינגעטרעטן אויך שרייבער, אומצופרידענע מיט דער טיראַניי פון דער צאַרין; און די לייבאייגנטימער. צווישן דער יוגנט, וואָס האָט פאַרקערט אין די דאָזיקע קרייזלעך, צווישן די יונגעלייט, אומפאַרזיכטיקע, אַנטשלאָסענע, היציקע, האָט זיך טיילמאָל באַוויזן א מענטש, וואָס האָט זיי אַלע איבערגעשטיגן סיי מיט דער עלטער (ער איז שוין געווען א פערציקער), סיי מיט גרויסער געלערנטקייט, סיי מיט דער טיפקייט פון רעוואָלוציאָנערער אָנשויונג, סיי מיט דער רייפער קלאָרקייט פון געדאַנק. דער דאָזיקער מענטש, וועלכער איז זעלטן אַרויסגעטרעטן אין דער ליטעראַטור, האָט שוין א סך יאָרן געאַרבעט איבער שאַפן א ווערק, וואָס האָט אים אין א יאָר אַרום געבראַכט אין פעסטונג־תפיסה און קיין סיביר, אין ווייטער פאַרשיקונג, וואָס האָט פאַראייביקט זיין נאָמען, זיין רום אַלס רעוואָלוציאָנערן שרייבער. דאָס איז געווען ראַדישטשעוו, דער אויטאָר פון „רייזעס פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע". ער איז געווען דער לערער פון דער פאָרגעשריטענער פּעטערבורגער יוגנט פון יאָר 1789 — דאָס זעלבע יאָר, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בורזשואַזע רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, ווען ס'האָבן זיך אויף איר אָפּגערופן מיט אומרו און באַגייסטערונג

א סך, א סך אין רוסלאַנד, ווען דער יונגער קרילאָוו האָט אַרויס־געגעבן זיין „די פּאָטשט פון גייסטער".

קרילאָוו איז געווען אַ מיטגליד פון איינעם פון די קרייזלעך, צו וועלכן ראַדישטשעוו איז געווען נאָענט. די גליענדיקע רייד פון ראַדישטשעוון, זיין רייזיקער געדאַנק האָבן נישט געקאָנט נישט מש־פּיע זיין אויפן יונגן קרילאָוון. איז אָט איז ער אין זיין „די פּאָטשט פון גייסטער" אַרויסגעטרעטן אין קאַמף מיטן סאָציאַלן בייז. אין סאַטירישע פאַרצייכענונגען האָט ער דעמאַסקירט די מאַכטהאָבער, די צאַרישע מאַכט, די מאַכט פון די רייכע גוטבאַזיצער. ער האָט אַרונטערגעריסן די ריכטער און טשינאָווניקעס, די צבועקעס און חונפים, די אַדל־לייט, וואָס דריקן אַרויס געלט פון זייערע לייב־קנעכט פאַר זייערע אומגעצוימטע תאוות.

„די פּאָטשט פון גייסטער" האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, נישט דערציענדיק ביזן סוף יאָר, — אַמוואָרשיינלעכסטן צוליבן דרוק פון דער רעגירונג. נאָר אין צוויי יאָר אַרום, אין יאָר 1792, האָט זיך קרילאָוו ווידער גענומען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל. דאָס מאָל האָט ער שוין נישט געאַרבעט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע שרייבער. דער דאָזיקער זשורנאַל האָט געהייסן „דער באָאַבאַכטער" און ער איז אויך געווען אַזאַ בונטאַרישער און דרייס־טער, ווי „די פּאָטשט פון גייסטער". דאָ האָט קרילאָוו פאַרעפנט־לעכט אַ ריי זיינע לידער און דערציילונגען, צווישן זיי די אויסגע־צייכנטע דערציילונג: „קאַאיב". אין דעם דאָזיקן ווערק דער־ציילט ער וועגן אַ געוויסן מזרחדיקן צאַר, וועלכער „האָט גאָרנישט אונטערגענומען אָן דער איינשטימונג פון זיין דיוואַן (דאָס הייסט זיין ראַט); נאָר אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט שלום, פלעגט ער, כדי אויסצומיידן מחלוקתן, אַזוי אָנהייבן זיינע ריידעס: „הערן! איך פאַרלאַנג האָס־און־דאָס; ווער עס האָט עפּעס קעגן דעם, דער קאָן עס פריי אַרויסזאָגן, און תיכף־ומיד וועט ער קריגן פינף הונדערט שמיץ מיט אַן אָקסן־אָדער איבער די זוילן, און נאָכהער וועלן מיר באַטראַכטן זיין שטים (דאָס הייסט מיינונג)". מיט אַזאַ טרעפלעכער פאָרריידע האָט ער אונטערגעהאַלטן די פולשטענדיקע איינשטימי־קייט צווישן זיך און דעם ראַט.

דער ראַט פונעם צאַר קאַאיב האָט לעבעדיק דערמאָנט די מיט־ציטלער דעם ראַט פון יעקאַטערינע דער צווייטער: קאַאיבס פלאַכ־קעפּיקע און נידערטרעכטיקע מאַגנאַטן — אַסלאַשיד, דורמאַן, הראַבילי — זיינען שטאַרק ענלעך געווען צו די רוסישע מאַגנאַטן, און אויך דאָס גאַנצע העלפּאַרביקע און בייזע בילד פון זעלבסט־הערשערישן ווילקיר, געשילדערט פון קרילאָוון אין זיין דערציילונג,

האָט די מיטציײטלער דערמאָנט דעם ווילקיר, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד.

אין דער סאַטירע „אַ לויב־רעדע צום אַנדענק פון מײַן זיידן" האָט קרילאָוו, אין געשטאַלט פון אַ געוויסן, אויסגעלויבטן גוט־באַזיצער, בײַסיק אָפּגעחוזקט פון דער לײַבקנעכטשאַפט. די דאָזיקע „רעדע" האַלט אַן אַדלמאַן אַ לײַבאײגנטימער: ער איז אַנטציקט פון דעם „זיידנס" טאַלענטן, — צום בײַשפּיל, אויפן געביט פון יאַגד־איבערפאַלן אויף די פּויערישע פעלדער. ער זאָגט: „מײַנט נישט... אַז איך האָב אים אַרויסגעשטעלט אַלס בײַשפּיל בלויז אין יאַגד; ניין, דאָס איז געווען איינער פון זײַנע לעצטע טאַלענטן; אויסער דעם, האָט ער געהאַט טויזנטער אַנדערע, אַנשטענדיקע און נויטווענדיקע פאַר אַן אונדזעריקן נאַשבראַט אַן אַדלמאַן; ער האָט אונדז באַוויזן ווי אַן אַדעליקער מאַן דאַרף פאַרלעבן אין אַ וואָך, וואָס צוויי טויזנט פּראָסטאַקעס אַרבעטן אויס אין אַ יאָר; ער האָט געגעבן באַרימטע בײַשפּילן, ווי מע קאָן די דאָזיקע צוויי טויזנט מענטשן שמײַסן מיט נוץ אַ צוויי־דריי מאָל אין יאָר; ער האָט פאַרמאָגט דעם טאַלענט צו מיטיקן אין זײַנע דערפער מיט פּראַכט און לוקסוס, ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָרט ווערט אָפּגעהיט דער גרעסטער תענית, און מיט אַזאַ קונסט האָט ער זײַנע געסט געמאַכט אַנגענעמע איבעראַשונגען. אַזוי, מײַנע הערן! עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז מיר קומען צו פאָרן צו אים אין דאָרף אויף מיטיק און מיר זעען אַלע זײַנע פּויערים בלאַסע, שטאַרבנדי־קע פון הונגער, באַקומען מיר מורא אַליין נישט צו שטאַרבן בײַ זײַן טיש מיט אַ הונגער־טויט; קוקנדיק אויף יעדן פון זיי, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז הונדערט ווערסט אַרום זײַנע דערפער איז נישט בנמצא נישט קיין סקאָרינקע ברויט, נישט קיין האַלב געפּגרט הינדל. גאָר סאַראַן איינגענומענע איבעראַשונג! זיך זעצנדיק צום טיש, טרעפן מיר אַ רײַכקייט, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען דאָרט אומבאַוווּסט, און אַ שפע, וואָס קיין שאָטן פון איר איז נישט גע־ווען אין זײַנע גיטער. די פעיקסטע פון צווישן אונדז האָבן נישט תופס געווען, וואָס נאָך האָט ער געקאָנט אָפּשינדן פון די פּויערים, און מיר זײַנען געצוווּנגען געווען צו טראַכטן, אַז פון גאָרנישט האָט ער געשאַפן זײַנע פּרעכטיקע סעודות".

אינצווישן איז די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אין רוסלאַנד, ווי אין גאַנץ אייראָפּע, געווען אָנגעגליט ביז דער העכסטער מדרגה. די פראַנצויזישע בורזשואַזע רעוואָלוציע האָט געמאַכט ציטערן די מאָנאַרכן און די אַדל־לײַט פון אייראָפּע. די רעאַקציע האָט גע־שלאָגן אַלאַרעם: יעקאַטערינע די צווייטע און איר רעגירונג האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אויסצוואָרצלען די „קראַמאָלע" בײַ

זיך אין דער מלוכה. אין יאָר 1790 איז ראַדישטשעוו פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר; נאָוויקאָוו, אַן אומאָפּהענגיקער שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער, איז אין יאָר 1792 פאַרשפּאַרט געוואָרן אין שליסלבורגער פעסטונג. די חוצפּה פון דעם יונגן קרילאָוו און זיינע פריינט האָט נישט געקאָנט נישט צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג.

אין מאַי יאָר 1792 איז אויפן פּערזענלעכן באַפעל פון דער אימפּעראַטאָרין דורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע אין דער טיפּאָגראַפיע, ווו עס האָט זיך געדרוקט „דער באַאָבאַכטער". די פּאָליציי האָט געזוכט די פּאָר דער מאַכט אומגעוווּנטשענע ווערק פון קרילאָוון און זיין פריינט קלושין. די אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרן פון די פּאָליציאַנישע מאַכט־אָרגאַנען, — קענטיק, אַז די פריידענקערישע ליטעראַטן זיינען געווען אונטער אַ פאַרדאַכט.

אין קומענדיקן יאָר ווידער — 1793 — איז קרילאָוו צוזאַמען מיט קלושינען צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אַ נייעם זשורנאַל „סאַנקט־פּעטערבורגער מערקורי". דער דאָזיקער זשורנאַל האָט שוין נישט געקאָנט זיין אַזוי דרייסט און שאַרף, ווי די צוויי פריערדיקע. די אַרויסגעבער זיינען בּיסלעכווייז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס. און פונדעסטוועגן האָט די רעגירונג נישט געקאָנט נישט באַטראַכטן זיי אַלס געפערלעכע ליטעראַטן, וועלכע מע דאַרף אומשעדלעך מאַכן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען קעגן די עזותדיקע זשורנאַליסטן די האַרבסטע מאָסמיטלען. דער „מערקורי" איז געווען געצווונגען איבערצוגיין פון „קרילאָווס און זיינע חברימס" טיפּאָגראַפיע אין דער טיפּאָגראַפיע פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און דאָרט איז ער, אונטער דער השגחה פון דער מאַכט, געוואָרן אַ „כשרער" זשורנאַל. קרילאָווס און זיינע פריינטס טיפּאָגראַפיע איז איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט. דערציִענדיק דאָס אַרויסגעבן דעם „מערקורי" ביזן סוף יאָר, זיינען קרילאָוו און קלושין לויטן באַפעל פון נאַטשאַלסטווע אַרויסגעפאָרן פון פּעטערבורג. מע האָט זיי אַרויסגעטריבן פון דער רעזידענץ, מע האָט ביי זיי צוגענומען דאָס וואָרט. קרילאָוו איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער ליטעראַטור, ווי אַ שרייבער, וואָס איז נישט באַקוועם דער אַדל־רעגירונג.

ער איז אויף לאַנג פאַרשווּנדן פון די אויגן פון דער רעגירונג. דער קעמפערישער זשורנאַליסט און דראַמאַטורג איז ווידער געצווּנגען געווען זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ „קליינעם מענטשן", אַ פּאָלקס־אינטעליגענט אָן אַ באַשטימטן מצב אין לעבן. עטלעכע יאָר האָט

קרילאָוו געוווינט אין דער פּראָווינץ. ער איז געווען ביי פֿאַרשידענע פּריצים, גוטבאַזיצער, — וואַרשיינלעך אין דער ראָל פֿון אַ שטוב־פּריינט, אָדער סעקרעטאַר. די ליטעראַרישע קרייזלעך, ליטעראַרישע קאַמפֿן זיינען אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט.

פֿון יאָר 1799 ביז 1801 האָט קרילאָוו געוווינט אין דעם גוט פֿון פֿירשט גאַליצין. ער האָט געהאָלפֿן דעם פֿירשט פֿירן דיווירטשאַפֿט, געשפּילט אין קאָרטן מיטן פֿירשטלעכן זון, געגעבן קליינע קאָנצערטן אויף פֿידל פֿאַרן פֿירשט און זיין הויזגעזינט; אויסער דעם האָט קרילאָוו געגעבן לעקציעס די קינדער, וואָס האָבן געוווינט אין דעם פֿירשטס הויז.

דאָרט האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ שפּאַס־טראַגעדיע „פּאָדשטשיפּאַ". דאָס איז געווען אַ פֿריילעכער שפּאַס פֿאַר אַ ליבהאָבערישן ספּעקטאַקל, אָבער קרילאָוו האָט אַהער אַריינגעפֿירט אַ סאַטירע אויף פּאַוועל דעם ערשטן, אויף זיינע דייטשישע מיליטער־מענער, אויף די פּלאַכקעפּיקע סאָלדאַטן פֿון דעם פּרייסישן מוסטער.

עס זיינען אַריבער יאָרן, עס האָבן זיך געטוישט די צאַרן: יעקאַטערינען דער צווייטער, וועלכע האָט אַרויסגעטריבן קרילאָוון פֿון דער ליטעראַטור, האָט פֿאַרטרעטן פּאַוועל; אין יאָר 1081 האָבן די הויפֿלייט דערמאָרדעט פּאַוולען און אַרויפֿגעזעצט אויפֿן טראָן זיין זון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן.

פֿון דעם נייעם צאַר האָט מען דערוואַרט ענדערונגען צום בעסערן. און ווירקלעך: ראַדישטשעוו איז צוריקגעקערט געוואָרן קיין פּעטערבורג, און די רעגירונג האָט אים אַפֿילו צוגעצויגן צום צוזאַמענשטעלן פּראָיעקטן פֿון מלוכה־רעפֿאָרמען. נאָר שוין אין אַ יאָר אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז די רייד וועגן רעפֿאָרמען זיינען לויטער פּלוידעריי. ראַדישטשעוו האָט פֿאַרענדיקט דאָס לעבן מיט זעלבסטמאָרד, מחמת יאוש צו דערזען די דערפֿילונג פֿון זיין רעוואָציאָנערן חלום.

אויך קרילאָוו האָט זיך אומגעקערט אין דער רעזידענץ־שטאָט. נאָר ער האָט איינגעזען, אַז וועגן אַרויסגעבן אַזעלכע זשורנאַלן ווי „די פּאָטשט פֿון גייסטער", אָדער אַפֿילו „פּעטערבורגער מערקורי" קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. פֿאַר אַן אָפֿענעם קאַמף זיינען די כּוחות געווען בפֿירוש נישט קיין גלייכע. נאָר אַוועקלייגן דאָס געווער האָט קרילאָוו פֿונדעסטוועגן נישט געוואָלט, און ער האָט אָנגעהויבן פֿאָרזעצן דעם קאַמף מיט אַ ניי געווער — מיטן משל. אין די באַדינגונגען פֿון ביטערער רעאַקציע איז אוממעגלעך געווען צו זאָגן דעם אמת אָפֿן. קרילאָוו האָט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען, אַז אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז „אַ האַלב פֿאַרדעקטן אמת

לייכטער צו פארטראָגן", און ער האָט געצייכנט סאַטירישע בילדער פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט פון זיין צייט דורך אַלעגאָרישע געשטאַלטן פון משלימדיקע חיות.

קרילאָוו הייבט ווידער אָן צו שרייבן זיינע משלים נאָך א לאַנג־יעריקער הפסקה אין יאָר 1805. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט ער זיך דערוואָרבן א פעסטע רעפּוטאַציע פון א משל־שרייבער, און זיינע משלים האָבן מיט זיך פאַרשטעלט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט פריער אָנגעשריבן.

אין יאָר 1812 איז קרילאָוו אַריינגעטרעטן אין דינסט אין דער פּעטערבורגער ביבליאָטעק, וואָס איר דירעקטאָר איז געווען דער ליטעראַט און מאָלער אָלענין, און ער האָט דאָרט אָפּגעדינט 29 יאָר.

אין יאָר 1841 איז קרילאָוו באַפרייט געוואָרן פון דינסט. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער איבערגעריסן נאָך אין 1836. דעם 9־טן נאָוועמבער 1844 איז דער גרויסער משל־שרייבער געשטאָרבן.

וו. ג. בעלינסקי

איוואַן אַנדרייעוויטש קרילאָוו

(פראַגמענטן)

— — — פ אָ ל ק י ש ק י י ט איז אַ באַזונדער מין טאַלענט, וועלכער איז, ווי יעדער טאַלענט, אַ גאָב פון דער נאַטור, און קאָן נישט דערוואָרבן ווערן מיט קיינע שום אָנשטרענגונגען מצד דעם שרייבער. און דערפאַר איז די פעאיקייט צו שאַפן — איין מין טאַלענט, און די פעאיקייט צו זיין פאָלקיש אין דעם שאַפן — אַ צווייטער מין טאַלענט, וועלכער קומט נישט תמיד אויף צוזאַמען מיטן ערשטן, נאָר, פאַרקערט, זייער זעלטן. וואָס, וואָלט זיך געדאַכט, קאָן דעם רוס זיין לייכטער ווי זיין רוסיש אין זיינע ווערק? און אין דער אמתן איז דעם רוס פיל לייכטער צו זיין אין זיינע ווערק טאַלענטירט, איידער רוסיש. אָן שעפערישן טאַלענט איז נישט מעגלעך צו זיין פאָלקיש; אָבער פאַרמאָגנדיק דעם שעפערישן טאַלענט, קאָן מען אויך זיין נישט־פאָלקיש.

דער פאָלקס־פאָעט איז אַ רעאַלע דערשיינונג, אין פילאָסאָפישן באַטייט פון דעם וואָרט: אויב אפילו זיין פאָעטישער טאַלענט איז נישט גרויס, שפאַרט ער זיך תמיד אָן אויף אַ פעסטן יסוד — אויף דער באַטור פון זיין פאָלק, און אין דער אויפמערקזאַמקייט צו אים דריקט זיך אויס דער אַקט פון דעם פאָלקס־זעלבסטבאַוווסטזיין. דער פאָעט אָבער, וואָס זיין טאַלענט פאַרמאָגט נישט דעם נאַציאָנאַלן אָטעם, איז תמיד, מער אָדער ווייניקער, אַ צייטווייליקע און פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג: דאָס איז אַ

בוים, וואָס אין אָנהויב שפּרייט ער פּרעכטיק אויס זיינע צווייַגן, נאָר נאָכהער טריקנט ער שנעל איין, מחמת זיין שוואַכקייט צו לאָזן זיינע וואָרצלען טיף אין באָדן. דערפאַר איז פאָלקישקייט אין א פּאָעט א באַזונדער מין ג ע נ י א ל י ט ע ט, נישט תמיד אין זין פון טיפקייט און פילזייטיקייט, אָבער תמיד אין זין פון אָריגינאַליטעט. באמת, וואָס איז דער ערשטער, סאַמע שאַרפסטער שטריך פון דעם געניע, אויב נישט די דאָזיקע באַזונדערקייט, די דאָזיקע אָריגינעלע זעלבסטעקזיסטענץ, וואָס אנטפּלעקט תמיד מיט איר טעטיקייט א פולשטענדיק נייע געדאַנקען־ספערע, וועלכע דער טאַלענט, גייענדיק אין די שפּורן פונעם געניע, באַאַרבעט בלויז, אָבער נאָכמאַכן איר אָריגינעלע פאָרעם איז ער נישט איימשטאַנד...

עס איז נישט נייטיק צו דערווייזן, אז צווישן קרילאָווס פּאָעזיע און דער פאָלקישקייט פון פּושקינס פּאָעזיע איז פּונקט אַזא גרויסער אונטערשייד, ווי אין אַלגעמיין צווישן דער פּאָעזיע פון קרילאָוון און דער פּאָעזיע פון פּושקינען.

— — — די פאַרהעלטעניש צווישן קרילאָווס פּאָעזיע, סיי אין עסטעטישן, סיי אין נאַציאָנאַלן זין, און פּושקינס פּאָעזיע, איז ווי צווישן א טייך, זאָל זיין דער סאַמע גרעסטער, און דעם ים, וואָס נעמט אַריין אין זיין גרענעצלאָזן שוים טויזנטער טייכן, סיי גרויסע, סיי קליינע. אין דער פּאָעזיע פון פּושקינען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט גאַנץ רוסלאַנד, מיט אַלע זיינע סובסטאַנציאָנעלע עלעמענטן, די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט, די גאַנצע פילזייטיקייט פון זיין נאַציאָנאַלן גייסט. קרילאָוו האָט אויסגעדריקט — און מען האַרף זאָגן, אויסגעדריקט ברייט און פול, בלויז איין זייט פונעם רוסישן גייסט — זיין געזונטן, פּראַקטישן שכל, זיין דערפאַרענע לעבנס־חכמה, זיין גוטמוטיקע און בייזע איראָניע. א סך ווילן זעען אין קרילאָוון אומבאַדינגט דעם משלים־שרייבער; מיר זעען אין אים עפּעס מער. דער משל איז בלויז א פאָרעם; עס איז וויכטיק יענער גייסט, וועלכער וואָלט זיך פּינקטלעך אַזוי אויסגעדריקט אין א צווייטער פאָרעם.

— — — קרילאָווס משלים זיינען נישט פּשוט משלים: דאָס איז א דערציילונג, א קאָמעדיע, אַ הומאָריסטישע פאַרצייכענונג, א בייסיקע סאַטירע, מיט איין וואָרט, וואָס איר ווילט, אָבער נישט פּשוט קיין משל.

— — — דער פּראָווינץ קוקט אויף זיין שטייגער אויף זאַכן, כאַפּט אויף אויף זיין שטייגער זייער לעכערלעכע זייט, אַנאַליזירט אויף זיין שטייגער, און דער רוס — אויף זיין שטייגער. אָט די דאָזיקע פעיקייט צו קוקן אויף זאַכן אויף א ריין רוסישן שטייגער און

אויפצוכאפן זייער לעכערלעכע זייט מיט א טרעפלעכער איראניע האט פארמאגט קרילאוו אין איר גאנצער פולקייט און פרייקייט. פון זיין שפראך איז שוין אפגערעדט: דאס איז אן אומאויסשעפלעכער קוואל פון רוסיזמען; קרילאווס משלים קאן מען נישט איבערזעצן אויף קיין אויסלענדישער שפראך; מע קאן זיי בלויז איבערארבעטן. *) נאר דאן — וואס ווערט פון זיי פארבלייבן עפעס רעכטס? א סך פון קרילאווס פערזן זיינען געווארן שפריכווערטער און ווערטלעך, מיט וועלכע מע קאן אפטער פארענדיקן א דיספוט און דערווייזן דעם אייגענעם געדאנק בעסער, איידער ווי מיט אוועלכער ס'איז טעארעטישער באגרינדונג. נישט ווי א השערה, נאר ווי אן אמת, אין וועלכן מיר זיינען איבערצייגט, קאנען מיר זאגן, אז גריבאיעדאוו האט געהאט אין קרילאווס משלים נישט בלויז די עלעמענטן פון זיין קאמעדיאלן פערז, נאר אויך די עלעמענטן פון זיין קאמעדיאלן פארשטעלן די רוסישע געזעלשאפט. אין דעם משל „דער פויער און די שאף" זיינען די דאזיקע עלעמענטן באשיימפערלעך: עס איז נישט פאראן אין אים קיין שום מאראל, קיין שום זיטן-לערע, קיין שום סענטענץ; דאס איז פשוט א פאעטיש בילד פון איין זייט פון דער געזעלשאפט, א קליין קאמעדיעלע, אין וועלכן עס זיינען ווונדערלעך ריכטיק אויסגעהאלטן די כאראקטערן פון די ווירקנדיקע פערזאנען, און די ווירקנדיקע פערזאנען ריידן יעדער אין הסכם מיט זיין כאראקטער און מיט זיין שטאנד. עמעצער האט טאקע אמאל געזאגט, אז „אין קרילאווס משלים איז דער בער — א רוסישער בער, די הון — א רוסישע הון"; די דאזיקע ווערטער האבן ביי אלעמען ארויסגערופן א געלעכטער, אבער זיי פארמאגן א זאכלעכן יסוד, הגם לעכערלעך אויסגעדריקט. די זאך באשטייט דערין, וואס אין קרילאווס בעסערע משלים זיינען נישטא נישט קיין בערן, נישט קיין פוקסן, הגם די דאזיקע חיות, דאכט זיך, ווירקן; אין זיי, נאר עס זיינען פאראן מענטשן און דערצו רוסישע מענטשן.

— — — עס זיינען דא מענטשן, וועלכע קוקן פון אויבן אראפ אויפן משל, ווי אויף א פאלשן מין פאעזיע, און דערפאר ווילן זיי נישט אכטן דעם גרויסן טאלענט פון קרילאוון. דאס איז א גראבער טעות! וואלטער איז גערעכט, ווען ער זאגט, אז אלע מינים פאעזיע זיינען גוט, אויסער דער לאנגווייליקער... און נישט-

*) ווי נישט ריכטיק ס'איז דער דאזיקער געדאנק, דערווייזט דער פאקט, וואס נאך פאר קרילאווס לעבן זיינען זיינע משלים איבערגעזעצט געווארן אויף צען שפראכן, און היינט צו טאג — אויף 53 שפראכן.

הינטצייטיקער, וועלן מיר צוגעבן. דער משל, ווי אַ זיטנלערישער מין פּאָעזיע, איז היינט צו טאָג ווירקלעך א פאַלשער מין; אויב ער טויג יאָ צו עפּעס, איז סיידן פאַר קינדער: זאָלן זיי זיך אויסלערנען זיי צו לייענען, און די גוטע פערזן אויסחזרן, און זאָלן זיי זיך אָננעמען מיט חכמה, כאָטש צוליב דעם, אַז שפּעטער זאָלן זיי פון איר אפּלאַכן און זיך וויצלען איבער איר. אָבער דער משל, ווי אַ ס אַ ט י ר ע, איז אַן אמתער מין פּאָעזיע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט בלויז אַן אויסגעצייכנטער משל, נאָר אפילו א גאַנצע זאַמלונג פון אויסגעצייכנטע משלים, קאָן זיין, איז נאָך ווייט נישט דאָס, וואָס איינע אַזאַ קאָמעדיע, ווי „צרות פון שכל"; אָבער, ערשטנס, קומט יעדן זיינס, און זאָל זיך יעדער טאַלענט גיין מיט זיין אייגענעם וועג; צווייטנס, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, קאָן דער משל אַנטהאַלטן אין זיך די עלעמענטן פון די העכסטע מינים פּאַעזיע, ווי, צום ביישפּיל, די קאָמעדיע; און דריטנס, קאָן דער משל, אַזוי ווי ער איז, נישט פאַרביטן ווערן מיט קיין שום אַנדערן מין, ווי העכער פון אים ער זאָל נישט שטיין. אויב „צרות פון שכל" שטייט העכער פון יעדן משל, און, אפשר, העכער פון אַלע קרילאָווס משלים, — פאַרלירט צוליב דעם לחלוטין גאָרנישט דער משל „דער פויער און די שאָף" פון זיין אייגנטימלעכער ווערט, און ער פאַרבלייבט דורכויס אַן אויסגעצייכנטער משל. אין דער הינזיכט באַקומט וואָלטערס אויסדרוק: „אַלע מינים פּאָעזיע זיינען גוט אויסער דעם לאַנגווייליקן" א טיפן זין. דער זיטנלערישער משל איז, שוין צוליב זיין תוך אַליין, א לאַנגווייליקער מין און פּטרן אויף אים טאַלענט איז אַקוראַט ווי שיסן פון האַרמאַטן אויף שפּערלינגלעך. אָבער דער משל ווי א סאַטירע איז געווען און וועט שטענדיק זיין א פּרעכטיקער מין פּאָעזיע, כּל־זמן אויפן דאָזיקן געביט וועלן זיך באַוויזן מענטשן מיט טאַלענט און שכל.

די מינים פּאָעזיע זיינען שטענדיק געווען און וועלן שטענדיק זיין איינע און די זעלבע: זיי בייטן זיך לויט די נאַציאָנאַליטעטן און עפּאָכעס, לויטן גייסט און ריכטונג, נאָר נישט אין דער פאָרעם. די טראַגעדיע איז אומעטום טראַגעדיע: סיי אין דעם אַלטן אינדיע, סיי אין דעם אַלטן גריכנלאַנד, סיי ביי די פראַנצויזן פון 17־טן יאָרהונדערט, סיי ביי די ענגלענדער פונעם 16־טן יאָרהונדערט, סיי ביי די דייטשן פונעם 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט; נאָר די טראַגעדיע פון די הינדוסן איז נישט די זעלבע, וואָס די טראַגעדיע פון די גריכן; די טראַגעדיע פון די אַלטע גריכן — נישט דאָס, וואָס די טראַגעדיע פון קאָרנעלן און ראַסינען; די קלאַסישע פראַנצויזישע טראַגעדיע איז נישט דאָס, וואָס

די טראַגעדיע פון שעקספּירן, און די טראַגעדיע פון שעקספּירן איז נישט דאָס, וואָס די טראַגעדיע פון געטען און שילערן. דערבײַ איז יעדע פון די טראַגעדיעס גוט פאַר זיך אַליין פאַר איר צײַט. אָבער קיין איינע פון זיי קאָן מען נישט אָנרופן אַלס אייביקער טיפּ. אַפילו די טראַגעדיע פון שעקספּירן אַליין טויג זיך אויך נישט אַזוי פאַר אונדזער צײַט, ווי די טראַגעדיע פון ראַסינען... נישט אין דעם זין טויג זי נישט, אַז מע זאָל זי הײַנט נישט קאָנען לייענען — באַהיט אונדז גאָט פון אַזאַ באַרבאַרישן געדאַנק! — נאָר אין דעם זין, וואָס אונדזער הײַנטצײַטיקע ווירקלעכקייט איז נישט מעגלעך צו שילדערן אין דעם גייסט און אין דער פאָרעם פון שעקספּירס דראַמע. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן דעם משל. עזאָפּ טויג זיך נישט פאַר אונדזער צײַט. אויסטראַכטן אַ סיזשעט פאַר אַ משל איז הײַנט גאָר נישט ווערט, און ס'איז אויך נישט נייטיק אויסצוטראַכטן: איר קאָנט נעמען פון גרייטן, איר דאַרפט בלויז קאָנען ד ע ר צ יי ל ן און אַנווענדן. דער אופן פון דערציילן און דער ציל — אָט אין וואָס עס באַשטייט דער תוך פון דעם משל; סאַטירע און איראָניע — דאָס זײַנען זײַנע הויפּט־מעלות. קרילאָוו, ווי אַ גע־ניאַלער מענטש, האָט אינסטינקטיוו אָפּגעפילט די עסטעטישע געזעצן פונעם משל. מע קאָן זאָגן, אַז ע ר האָט געשאַפן דעם רוסישן משל. און זײַן אינסטינקטיווע שטרעבונג איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין אַ באַוווסטזיניקער איבערצײַגונג.

קרילאָווס משלים קאָן מען איינטיילן אין דרײַ קאַטעגאָריעס: 1) משלים, אין וועלכע ער האָט געוואָלט זײַן פּשוט אַ מאָראַליסט און וועלכע זײַנען שוואַך לויט דער דערציילונג; 2) משלים, אין וועלכע די מאָראַל־ריכטונג ראַנגלט זיך מיטן פּאָעטישן, און 3) משלים לויטער סאַטירישע און פּאָעטישע (ווײַל סאַטירע איז די פּאָעזיע פון משל). צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן אַזעלכע משלים ווי: „די וואָראָנע און די הון"; „די זשאַבע און דער אָקס"; „דער פּאַרנאַס". — — — אין די דאָזיקע און ענלעכע משלים ווײַזט זיך קרילאָוו אַרויס ווי אַ משל־שרײַבער אין גייסט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען מע האָט באַטראַכט דעם משל ווי אַ מאָראַלישע אַלעגאָריע. — — — אין דער קאַטעגאָריע משלים איז דער עיקר די רעטאָריק: די דערציילונג איז אין זיי צעצויגן, לויז, פּראָזאַיש. די שפּראַך איז אָרעם אין רוסיציזמען, דער געדאַנק איז אַלגעמיין, און דער זיטלעכער מוסר־השכל איז נישט פון גרויסן ווערט. דאָ איז קרילאָוו נאָך נישט דער מייסטער, נאָר בלויז אַ שילער און נאָכמאַכער, — אַ מענטש פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע רעכענען מיר אַזעלכע משלים ווי: „די וואָראָנע און דער פוקס"; „דאָס שקעטעלע"; „די איבערקלײַ־

בערישע כלה"; „דער אָראקל"; „דער וואָלף און דאָס שעפּסל".

— — — די דאָזיקע און ענלעכע משלים זיינען נישט אַלע פון איין ווערט. אייניקע פון זיי זיינען פולשטענדיק איינעם מאָראַלישן גייסט. נאָר זיי צייכענען זיך אויס אָדער מיטן קלוגן געדאַנק, אָדער מיט דער אָריגינעלער דערציילונג, אָדער דערמיט, וואָס זייער מאָראַל דרינגט אַרויס פון דער האַנדלונג, אָדער זי ווערט אויסגעדריקט מיט א פּערזע, וואָס זעט אויס ווי אַ שפּריכוואָרט.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע פאררעכענען מיר אַלע בעסערע משלים, ווי למשל: „מוזיקאַנטן"; „דער פוקס און דאָס מורמל־טיר"; „דער העלפאַנט אלס שופט"; „דער פויער אין נויט"; „געגנדז"; „טרישקינס קאַפּטן"; „די פויערים און דער טייך" און א סך אַנדערע.

— — — דער נײַנטער (און לעצטער בוך) אַנטהאַלט עלף משלים: פון זיי איז צו זעען, אַז קרילאָוו האָט שוין פולשטענדיק פאַרשטאַנען, וואָס עס דאַרף זיין א היינטצייטיקער משל, ווייל צווישן זיי איז נישט פאַראַן קיין איינער, וואָס זאָל זיין געשריבן פאַר קינדער, בעת אין דעם זיבעטן און אַכטן טרעפן זיך נאָך קינדער־משלים, ווי למשל: „דאָס פּלאַטיטשקעלע"; די עלף משלים פון דעם נײַנטן בוך געהערן צו קרילאָווס בעסטע משלים. פונדעסטוועגן איז אוממעגלעך נישט צו באַמערקן, אַז זייער אויספירונג אַנטשפּרעכט נישט פולשטענדיק דער צייטיקייט פון זייער געדאַנק און ריכטונג; מע זעט נאָך דאָ דעם גרויסן טאַלענט, נאָר שוין צו זיין דעמער־רונג. ווי אַן אויסנאָם איז בלויז „דער מאַכטהאָבער", מיט וועלכן עס שליסט זיך די לעצטע אויסגאַבע פון קרילאָווס געזאַמלטע משלים. דער נײַנטער בוך באַווייזט, וואָס קרילאָוו וואָלט געקאָנט אויפטאָן, ווען ער וואָלט שפּעטער געבוירן געוואָרן...

ו. ג. בעלינסקי

* * *

די משלים פון קרילאָוו זיינען דורך די פּראָגרעסיווע קריטיקער פון זיין צייט, מיט בעלינסקין בראש, באטראכט געוואָרן פאר פאָלקס־שאפונג פון לגיטערסטן מין. דורך זיינע בעסטע זין, דורך די רוסישע קלאסיקער, דערנאָך אויך דורך דעם געניאַלן קרילאָוו, האָט דאָס רוסישע פאָלק ארויסגעבראַכט זיין שווער לעבן, זיינע ליידן און פּיין, וועלכע ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון די פּריצים־לייבאייגנטימער, און פון דער צארישער נאָטשאַלסטווע, און גלייכצייטיק אויך זיין כאַראַקטער און קלוגשאַפט.

דערקענענען זיך אליין באַדייט סיי פאַרן יחיד סיי פאַרן כלל דערקענען זיך נישט בלויז אינעם היינט — דאָס איז נישט קיין פולע דערקענטעניש — נאָר אויך אינעם נעכטן. דער היינטיקער, באַפרייטער און באפרייערישער סאָוועטישער מענטש איז אימשטאַנד צו האָבן א פולע דערקענטעניש וועגן זיין נייער ליכטיקער קעגנוואָרט נאָר דאַן, ווען ער דערקענט די פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז געווען פינצטער און נידערגעשלאָגן.

עס איז דעריבער פארשטענדלעך, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד הערן נישט אויף צו דערשיינען אלץ נייע אויסגאַבן פון קרילאָווס משלים, וויסנשאפטלעכע און פאָלקס־אויסגאַבן, פאר קינדער, יוגנטלעכע און דערוואקסענע. מע שטעלט פאָר דעם סאָוועטישן מענטש דאָס בילד פון זיין פינצטערן נעכטן, וועלכער איז באַלויכטן בלויז

דורך דער קלוגשאַפט פון פאָלק, כדי ער זאָל זען, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט געהאַט דער פאָלקס־מענטש אין די צייטן פון דער צאַרי־שער הערשאַפט און כדי ער זאָל זיך איבערצייגן, אַז די פאָלקס־חכמה, וועלכע האָט דעמלט געשלאָגן פאַרבאָרגן אין די טיפעניש פון פאָלק, האָט בלויז אַ דאַנק זיין באַפרייען זיך, באַקומען די מעג־לעכקייט זיך צו צעגיסן אין אַ ברייטן זוניקן טייך פון וויסן איבערן גאַנצן לאַנד.

די דאָזיקע דערקענטניש־ווערט פון דער רוסישער קלאַסיק, צו וועלכער עס געהערן אויך בלתי־ספק די משלים פון קרילאָוון, מאַכט אומבאַדינגט נויטווענדיק דאָס באַקענען מיט זיי דעם יידישן אַרבעטנדיקן מענטשן, ביי וועלכן, פּונקט ווי ביי די אַרבעטנדיקע מענטשן פון אַלע פעלקער, עס איז פאַראַן אַ פאַרשטענדלעכער דראַנג צו דערקענען דורך דער ליטעראַטור דעם נייעם סאָוויעטישן מענטשן וואָס נענטער און בעסער.

דער פּראָגרעסיווער יידישער לייענער, דער פריינט פון ראַטנ־פאַרבאַנד און פון סאָוויעטישן מענטשן, וועט אין דער איבערזעצונג פון קרילאָווס משלים געפינען נישט בלויז אַ גרויסן קינסטלערישן גענוס, קאָר אויך איינעם פון די מיטלען, דורך וועלכע ער וועט אימשטאַנד זיין נענטער צו דערקענען דעם רוסישן אַרבעטנדיקן מענטש, וואָס בויט איצט אַזוי מסירת־נפשדיק די וועלט פון פריי־הייט און שלום.

די רעדאַקציע.

פוו דעם ערשטן בוך

די קראָ און דער פוקס

מע האָט שוין וויפל מאָל אריינגעקנעלט דער וועלט אין זינען,
אַז חניפה שעדלעך איז; די פעולה אָבער איז נאָך ווייט —
דער חונף זוכט אַ ווינקל אַפּ אין האַרץ צו יעדער צייט.

עס שפּילט דאָס מזל צו דער קראָ אַ קעזל צו געפינען.
זיך איינגעמאָסטיעט אויף אַ טענענבוים, זי האַלט
ביים נעמען זיך צו פרישטיקן אָט-באַלד.
נאָר דאָ פאַרקלערט זי זיך, און ס'בלייבט דער קעז אין מויל
איר שטעקן.

צום אומגליק דארף א פוקס פארביילויפן, דערשמעקן
דעם קעז־ריח און — בלייבן שטיין אין גאנג;
דער חברה־מאן דערבליקט דעם קעז, דער קעז ווערט זיין פארלאנג.
דער שווינדלער גייט צו בוימשטאם אויף די פינגער־שפּיצן אונטער.
ער דרייט דעם עק און לאזט קיין אויג נישט פון דער קרא ארונטער,
און רעדט אזוי זיך זיסלעך, אז דער אטעם בלייבט אים שטיין:

— אך, טייבעלע, ווי שיין!
קוקט אן א העלדזעלע! נו, אייגעלעך אוועלכע!
אז, כ׳לעבן, נאר אין מייסעלעך דערציילט זיך פון אזעלכע!
און סארא פעדערלעך! דאס נעזעלע ווי פיין!
דאס שטימעלע א מלאכדיקס מוז זיכער זיין!
נו, זינג עפּעס, מיין ליכט, צו וואס זיך, שוועסטער־לעבן, שעמען!
ווייל אויב זאלסט אויך מיט מייסטערישן זינגען הערצער נעמען,
דעם טראן אלס פייגל־קיסרין וואלסטו ביי אונדז פארנעמען! —
דאס לויב־געזאנג דעם קאפּ דער נביאטע *) פארדרייט,
דעם אטעם אין איר האלדז פארשפּארט די פרייד,
און אויף די פוקסענע ליב־הארצעדיקע רייד
פון פולן קראישן גרגרתל א קרא טוט שאלן,
דער קעז — א פאל פון מויל און מיטן שווינדלער ווערט פארפאלן.

---

*) דאס אבערגלויבערישע פאלק האט געגלייבט, אז די קרא זאגט נביאות.

מוזיקאנטן

אַ שכן האָט פאַרבעטן אויף אַ סעודהלע זיין שכן;
זיין מיין אָבער דערביי אַ צוויטער איז געווען:
דער באַלעבאָס האָט צו מוזיק געהאַט אַ ברען,
האָט ער פאַרנאַרט דעם שכן זיינע זינגער האַרכן.
און ס׳זינגען אויף די יונגען, ווער — אַהין, און ווער — אַהער,
מיט וויפל כוח עס פאַרמאָגט נאָר יעדער.
עס טרעשטשעט ביי דעם גאַסט אין דעם געהער,
און ס׳גייט דער קאָפּ ביי אים אויף רעדער.
— זיי מוחל, — זאָגט ער שטאַרק פאַרוווּנדערט: צרות!
פון וואָס־זשע נחת שעפּן, אַז דיין כאָר
האַליאַקעט שטותעריי און גאָר?! —
גערירט צעשמייכלט זיך דער באַלעבאָס: — דאָס וואָר איז —
דעם גאַרגל זיך אַ רייס טאָן זיינען זיי צומאָל נישט פויל,
זיי נעמען אָבער נישט דערפאַר קיין אַלקאָהאָל אין מויל,
און זייער האַלטונג פיין ביז גאָר איז.

און איך זאָג: ליבערשטער אַ כוסה מאַך,
נאָר פּיר באַהאַוונט אוים דיין זאַך.

אופא, 1942 — דושניק־זדרוי, 1947

די וואראנע און די הון

ווען דער סמאָליענסקער פירשט *) האָט קלוג-געהיימערהייט
פאַר דעם פאַרשייטן פיינט אַ נעץ פאַרשפרייט
און, צו דעם אומקום פון די ניי-וואַנדאַלן **),
ארויסגעצויגן זיך פון מאָסקווע פאַר איר פאַלן, —
דאַן האָבן אַלע איינוווינער פון קליין ביז גרויס
פאַרזאַמלט זיך און תיכף-ומיד גענומען
אַנטלויפן פון די מאָסקווער ווענט מיט אַ גערויש און זשומען,
ווי פון אַ בינשטאָק לאָזן בינען זיך אַרויס.
צום גאַרן טומל פון אַ דאַך קוקט צו זיך א וואָראָנע,
דעם שנאָבל פוצנדיק, און מאַכט זיך נישט דערפון.
— און דיך, קרוין, שרעקט נישט די סכנה? —
שרייט פון אַ פור צו איר אַ הון:
פון הויף צו הויף מע גיט דאָך איבער,
אַז פאַרן שונא איז דער וועג שוין נישט פאַרשטעלט!
— איז וואָס, — איר ענטפערט אָפּ די נביאטע: דעריבער?
וואָס גייט עס מיך אָן? כ׳בלייב דאָ רואיק איבער.
אָט אייערס גלייכן טוט ווי אייך געפעלט;
וואָראָנעס קאָכט נישט, בראָט דאָך נישט די וועלט.
איך מעג דערום אָן מורא זיי, די געסט, באַגריסן,
און אפשר וועט מיר נאָך פון זיי געראָטן צו געניסן
אַ שטיקל קעז, אַ ביינדל, וואָס עס זאָל נישט זיין.
נו, פאַר געזונט, כאַכלאַטינקע, דו מיין! —
און זי איז טאַקע, די וואָראָנע, דאָ געבליבן;

---

*) קוטוזאָוו.

**) נאַפּאָלעאָנס מיליטער פון יאָר 1812.

נאָר שטאָט געניסן עפּעס פון די געסט —
דער פירשט האָט אויסגעמאָרעט זיי מיט הונגער אין די
פרעסט —
האָט זי זיך אין אַ יויך אריין צו זיי פאַרקליבן.

עס חשבונט טיילמאָל אויך דער מענטש אָן קאָפּ.
ער יאָגט זיך נאָכן גליק פוסטריט — ווי מונטער!
נאָר ווען ער ציט דעם חשבון מיט אים אונטער —
ווי די וואָראָנע, זיך אריינגעפּאַקט אין טאָפּ.

מאָסקווע, 1944 — לאָדזש, 1947

דאָס שקעטעלע

נישט זעלטן־ווען געשעט,
אַז מי און חכמה דאָרט אַן אונדזעריקער זעט,
ווו אַנשטויסן זיך קען מען,
אַז פּשוט דאַרף מען פאַר דער זאַך זיך נעמען.

מ׳האָט איינעם אָפּגעבראַכט אַ שקעטעלע. ווי פיין
און זויבער ס׳האָט דער קינסטלער עס געמייסטערט!
איעדער קוקט אויף דעם מיט ליבשאַפט, ווערט באַגייסטערט.
אויף דעם אַ חכם אין מעכאַניקע אין צימער קומט אַריין.
דערזען דאָס שקעטעלע: — אַ סוד עס שטעקט דערינען;
אַזוי; ס׳איז אויכעט אַן אַ שלאָס; און פאָרט
וועל איך דעם אופן ווי צו עפנען עס געפינען.
יאָ, יאָ. און לאַכט נישט אַזוי שטיל־בגנבה דאָרט!
איך וועל דערטאַפּן דעם סעקרעט — און עפענען דאָס דעקל:
אויך איך אין דער מעכאַניקע בין נישט קיין ליאַדע שנעקל. —
און נעמט זיך צו דעם שקעטעלע, צו זוכן זיין באַשייד,
פון אַלע זייטן דרייט ער עס און דרייט,
און ברעכט דעם קאָפּ זיך, ברעכט אויף שטיקער;
אַ טשוועקל דאָ, אַ סקאַבעלקעלע דאָרטן טוט אַ דריק ער.
און, קוקנדיק אויף אים פון אויבן ביז אַראָפּ,
דאָ שאָקלט אויף אים איינער מיטן קאָפּ;
דאָרט סודעט מען זיך, לאַכט מען פון אים אָפּ.
און ס׳קלינגט כסדר אין די אויערן (דער עולם פלייסט זיך):
— נישט דאָ; נאָ, נישט אַזוי; נישט דאָרט! — און ער נאָך
מערער רייסט זיך.
געשוויצט, געשוויצט; נאָר ענדלעך, מער שוין נישט אימ־
שטאַנד,
ער לייגט אַוועק דאָס שקעטעלע פון האַנט,
און ווי דאָס שקעטעלע זיך עפנט — אַלץ נאָך נישט געטראָפן.
דאָס שקעטעלע געווען איז פּשוט אָפן.

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

די זשאַבע און דער אָקס

א זשאַבע נעמט זיך פיר, דערזעענדיק אַן אָקס אין פעלד,
מיט זיין פאַרנעם דעם פאַרנעמען זיך אויסצוגלייכן:
זי איז אַ בעל-מקנאניצע איינע אין דער וועלט.
זי נעמט זיך קוועטשן, אָנבלאָזן און פרייכן.
— זע, קוואַקערשע, צי בין איך שוין, ווי ער, אַזוי-אַ גרויס? —
זי פרעגט איר חברטע. — מיין פריינדין, ס'איז נאָך ווייט,
פאַרשטייט זיך.
— אַט קוק, ווי כ'בלאָז אַצינד אַן ברייט זיך.
נו, ערשט ווי זעט עס אויס?
כ'בין פולערער געוואָרן? — קנאַפּלעך, זעט זיך אויס.
— און איצט? — דאָס זעלבע אַלץ. —
געפּרייכט, געפּרייכט, און ענדלעך
פאַרענדיקט אונדזער בעל-המצאהניצע אָט אַזוי:
אַנשטאָט זיך אויסצוגלייכן מיטן אָקס גענוי,
האָט זי געפּלאַצט פון אָנשטרענג און געפּגרט שענדלעך.

פאַראַנען ביישפּילן אַזעלכע אין דער וועלט פיל מער:
און וואָס דאָס חידוש, אַז עס איז דעם קליינבירגערס באַגער —
אַ לעבן פירן, ווי אַ בירגער אַ באַרימטער הער,
און ווי אַן אדלמאַן אַ חשוב, לעבן וויל אַ ליאַדע-וווער.

די איבערקלײַבערישע כלה

אַ חתן צו באַקומען האָט אַ כלה־מויד פֿאַרטראַכט.
קיין חטא נישט, נאָר פּאָר קיינעם נישט געדאַכט
איר גאוה, אירע גרויסע אויגן.
דער חתן זאָל איר זיין סיי שיין, סיי קלוג,
מיט אַקסלבענדער, אַ בכבודער און יונג גענוג
(די שיינהייט איז געווען קאַפּריז, פֿאַרצויגן),
נו, אַלץ זאָל האָבן ער. נאָר ווער איז דאָס אַזוי?
דערצו נאָך, הערט געגנוי:

ער זאָל זי ליב האָבן, נאָר אייפֿערזיכטיקן — דאָס לאָ!
אַ פּלא, נאָר עס האָט איר צוגעשפּילט דאָס גליק דערינען —
די בעסטע, די באַרימטסטע בחורים פֿאָרן זיך צונויף
צו אונדזער כלה אויפֿן הויף.

נאָר ס'איז אין אויסוואַל איידל איר געשמאַק און זינען:
אַזעלכע בחורים פֿאַר כלות אַנדערע — אַ גליק,
נאָר אונדזער כלה האָט אויף זיי אַן אַנדער בליק:
חתנים? חתניוקעס! כ'קאָן זיי אַנדערע פֿאַרגינען!
נו, וועמען זאָל זי אויסוויילן אַלס חתן פֿון די מענער?
אַז ד ע ר איז אָן אַ ראַנג, אָן אָרדנס — יענער;
האָט ד ע ר שוין יאָ אַ ראַנג — אין בייטל ביי אים וויסט איז;
ביי דעם — צו ברייט די נאָז, ביי דעם — די ברעם געדיכט איז;
ביי דעם טויג ד אָ ס נישט, און ביי יענעם — יענץ, און גאָר:
קיין איינער איז נישט לויט איר גוסט פֿאַר איר קיין פּאָר.
ווערט שטיל מיט די חתנים; אַנדערע בעלנים
מיט צוויי יאָר שפּעטער שיקן איר שדכנים,
נאָר שוין חתנים פֿון אַ פּשוטערן סאָרט.
— ווער קאָן מיט די פּראָסטאַקעס אויסריידן אַ וואָרט! —
די שיינהייט טענהט: פּאַסט איך זיי זיך פֿאַר אַ כלה?
אַז ווי דערוועגן זיי זיך דאָס גאָר אַלע!

ניִשט נאָר צוליב אַזעלכע פלעג איך אָנטאָן זיך די מי,
אַרויסצופירן זיי פון הויף בכבוד און אָנטאָגן;
זאָל איך אַ למך אויסוויילן אַצינד פון די?
ווי כ'וואָלט זיך נאָך אַ חופה שטעלן יאָגן;
דאָס מיידל־לעבן איז מיר ניִשט דער מינדסטער עול:
כ'שלאָף רואיק ביידערנאַכט, און כ'האָב דעם טאָג זיך צו
פאַרוויילן;
עס פאַסט מיר ניִשט לחלוטין צו דער חופה זיך צו איילן. —
האָט אויך די נייע קאָפּטע בחורים אָפּגעשטראָמט צומאָל.
טאָג־איין, טאָג־אויס די זעלבע אָפּזאָגן געקריגן,
התנים קומען זעלטענער און ווערן גאָר אַנטשוויגן.
עס גייט אַ יאָר אַוועק און צוויי —
און קיינער קומט שוין ניִשט פון זיי;
ס'גייט נאָך אַ יאָר אַוועק, אַ יאָר אַ גאַנץ פאַרלאָרן —
און קיינער שיקט שוין ניִשט קיין שדכן, וויי! —
דאָס מיידל אונדזערס איז דערווייל אַ בוגרת שוין געוואָרן.
די חברטעס איצט קומען אויפן רעיון איר ארויף
(און פרייע צייט זי האָט געבנוג דערויף):
ביי ד ע ר געווען שוין חתונה, אַ קנסמאָל — שוין ביי יענער;
און זי — ווי ס'וואָלטן זי פאַרגעסן אַלע מענער.
פאַרגנבעט זיך אַן אומעט אין דער שיינהייטס ברוסט.
ווייל, זע: דער שפּיגל הייבט איר אַן באַריכטן,
אַז יעדער ביזער טאָג (זאָל זיין עס איר באַוווּסט)
פון אירע רייצן עפּעס טוט פאַרניכטן.
ס'פאַרשווינדט פון אָנהייב דער קאָליר, דערנאָך פון אויג
דער גלאַנץ,
לסוף — די מילדע גריבלעך אין די באַקן גאָר און גאַנץ.
די פרייד, די שטיפרישקייט — אַוועק מיט שטילע שפּרייזן;
און באַלד אַ צוויי־דריי גרויע הערעלעך זיך ווייזן.
פון אַלע זיבן קיבוץ די צרה אָן!
ס'פלעגט זיין אַן רייץ אנומלט אַ מסיבה אַן איר ביזיין;
פון די פאַרערער אירע ארום איר פלעגט ענג אין קרייז זיין;

און איצטער, אָך! פאַרבעט מען זי אויף אַ באָסטאָן! *)
ערשט ענדערט די בעל־גאווהניצע שוין איר טאָן.
עס זאָגט איר דער פאַרשטאַנד: האָב חתונה וואָס שנעלער;
זי האָט זיך שוין באַפרייט פון גאווה־פעלער.
ווי קרום אַ פריילין זאָל נישט קוקן אויפן מאַנצבל־מין,
איז פאַרט מיט אונדז איר האַרץ און זין.
כדי נישט איינזאַם צו פאַרענדיקן די יאָרן,
איז אונדזער שיינהייט, פאַר איר לעצטן אָפּבליען, געגאַן
און אויסגעזוכט דעם ערשטן־בעסטן פאַר אַ מאַן,
און זיך געפרייט, געפרייט זיך דאָן
מיט איר באַשערטן, כאָטש ער איז מיט אַ חסרון.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1949

*) אַזאַ קאָרטנשפּיל. (אויף די בעלער פלעגט די יוגנט טאַנצן, און עלטערע לייט — שפּילן אין קאָרטן. „פאַרבעטן אויף אַ באָסטאָן" הייסט, אַז מע האַלט זי שוין פאַר אַ זקנה.)

דער פּאַרנאַס*)

וועןמ׳האָט פאַריאָגט פון גריכנלאַנד די געטער אין דער וועלט,
און צווישן דאָרפס־עולם די גיטער אויסטיילן גענומען,
איז איינעם דער פּאַרנאַס אַלס חלק אָנגעקומען;
דער נייערווירט האָט דאָרט זיך אייזלען פיטערן געשטעלט.
— אויב דאָ האָבן געוווינט די מוזעס, — פלעגן
די אייזלען, וויסנדיק עס (וויאַזוי? זאָלט איר נישט פרעגן),
געשפּרעכן פירן: איז אוודאי נישט קיין שפּאַס,
וואָס מ׳האָט צונויפגעטריבן אונדז אויף דעם פּאַרנאַס —
די מוזעס האָבן שוין דער וועלט דערעסן, דאַרף מען קלערן,
און איצטער וויל זי אונדז דאָ זינגען הערן.
— איז זעט־זשע, — טומלט איינער: הויך דעם קאָפּ!
כ׳הייב אָן, און איר, חבריא, שטייט נישט אָפּ!
אָן שרעקעוודיקייט, פּריינט, מיט ווערדע!
און לאָמיר ברענגען רום פאַר אונדזער טשערדע!
און העכער פון דעם ניינטל שוועסטער,**) כ׳זאָג אייך פאַר,
דערהייבן מיר די מוזיקע און שטעלן אויף אַ כאָר!
און אַז מע זאָל די ברודערשאַפט פון טאָלק־אַראָפּ נישט פירן,
מיר וועלן איינפירן אַ סדרל אַזאַ:
אין וועמעס שטים עס לאָזט זיך נישט קיין אייזל־זיסקייט
שפּירן,
דער ווערט נישט אָנגענומען גאָר אויף דעם פּאַרנאַס. —
די אייזלשע שיין־כיטרע אויסגעשטריקטע ריידע
האָט אויסגענומען ביי דער גאַנצער עדה;
און ס׳האָט דער כאָר אַזאַ מין גרוילעניש פאַרפירט,
ווי ס׳וואָלט אַ וואָגן־שנור געדירט
מיט רעדער טויזנטער, וואָס זיינען נישט געשמירט.

---

*) אַ באַרג אין גריכנלאַנד, וועלכן די אַלטע גריכן האָבן פאַר־הייליקט. די גריכן האָבן געגלייבט, אַז אויפן פּאַרנאַס וווינט דער גאָט פון פּאָעזיע.

**) די ניין מוזעס.

און וואָס געווען דער סוף פֿון דעם אַל־שיינעם זינגען?
פֿאַרלוירן דאָס געדולד ביז פֿון דער הויט צו שפּרינגען,
פֿאַריאָגט זיי פֿון פֿאַרנאַס אין שטאַל אַריין דער באַלעבאָס.

עס זאָל די עמי־הארצים נישט פֿאַרשאַפֿן קיין פֿאַרדראָס,
איך וויל אַ מיינונג אַ פֿאַרצייטישע אייך ברענגען:
ווען ליידיק איז אַ קאָפּ,
אים מאַכט דאָס אָרט נישט קליגער אויף קיין טראָפּ.

אופּאַ, 1943 — לאָדזש, 1941

דער אָראַקל*)

ס'האָט איינמאָל, אין אַ תּיפלה ווו, אַ גאָט פון האָלץ
נביאיש אָנגעהויבן ריידן, קלוגע עצות געבן
די מענטשן, ווי צו פירן זיך אין לעבן.
דערפאַר איז ער אין גוואַלטיק רייכער טראַכט געשטאַנען
שטאָלץ,
פון קאָפּ ביז פיס מיט זילבער און מיט גאָלד באַהאַנגען,
צו אים נישט צו דערלאַנגען,
פאַרוואָלגערט מיט קרבנות און פון תּפילה־טומל טויב,
דערשטיקט פון ווייערויך און פון לויב.
עס גלייבן אַלע בלינד אין דעם אָראַקל;
ווי פּלוצעם — סאַראַ פּלאָ! סאַראַ שאַנד! —
עס רעדט פון וועג דאָך דער אָראַקל דורכאַנאַנד:
ער ענטפערט קרום, אַ וואָרט צום צווייטן קלעפּט זיך נישט
סך־הכּל;
מיט וואָס מע זאָל נישט ווענדן זיך צון אים און ווער,
איז יעדעס וואָרט פון דעם אָראַקלס ענטפער פאַלש און לער;
אַזוי אַז ס'איז פאַר יעדערן אַ פּלא איבער פּליאות,
ווו האָט עס זיך אַהינגעטאָן די קראַפט פון זיין נביאות!
און אָט וואָס ס'האָט דערין געשטעקט:
דער געץ איז אויסגעהוילט געווען, און ס'פלעגט
פון אים אַ כּוהן זאָגן דאָס נביאות פאַרן עולם.
דעריבער — איז כּל־זמן
אַ קלוגער איז דער כּוהן, קלוג איז אויך דער אָפּגאָט דאָן,
נאָר קוים האָט זיך געזעצט אין אים אַ כּוהן אַ באַלוואָן,
געוואָרן איז דער געץ אַ גולם־שבגולם.

איך האָב געהערט — איך קאָן נישט ערב זיין דערפאַר:
פאַרצייטנס פלעגט מען פון אַזעלכע קלוגע שופטים וויסן
און אויך פון זייער חכמה פיל געניסן,
כּל־זמן עס איז ביי זיי געווען אַ קלוגער סעקרעטאַר.

*) אַ פאַרוויסזאָגער.

דער חאַלף און דאָס שעפּסל

ביים שטאַרקן איז דער שוואַכער תמיד שולדיק אומבאַדינגט.
מיט ביישפּילן אַ שלל דערוועגן די געשיכטע רייך איז,
נאָר מיר צו קיין געשיכטע האָבן נישט קיין שייכות;
איז אָט בדרך־משל ווי דאָס קלינגט.

אַ שעפּסל, אין אַ טאָג אַ הייסן, איז צום טייך געקומען
אַ טרונק טאָן, ווי אַן אומגליק האָט זיך דאָ אויף אים פאַרנומען:
אין יענעם קאַנט אַ הונגעריקער וואָלף גראַסירט אַרום;
דערזען דאָס שעפּסל — אויפן רויב אַ וואָרף זיך מיט אַ
ברומען;
כדי אָבער ס'זאָל אויסזעען געזעצלעך און נישט־קרום,
צעשרייט ער זיך: — ווי וואַגסטו, עזות־פּנים וויסטער,
די לויטערקייט, דעם בלאַנק
פון מיין געטראַנק
קאַלויצען מיט דיין מאָרדע דער פּאַרריסטער?!
פאַר אָט אַזאַ מין עזותקייט דיין קאָפּ
איך רייס אַראָפּ!
— אויב ס'איז פון אייער דורכלויכט, וואָלף, ס'דערלויבניש
מיר געגעבן,
דערוועג איך זיך צו מעלדן: שטראָם־אַראָפּ איך שטיי, און
הונדערט שפּאַן
פון אָרט, וווּ כ'טרינק, צו אייער דורכלויכט איז פאַראַן,
און איר באַוויליקט האָט אומזיסט צו בייזערן זיך; כ'לעבן,
איך קאָן נישט שמוציק מאַכן אייך דאָס וואַסער אויף קיין האָר.
— קומט אוים — איך בין אַ ליגנער גאָר!
דו, גאָרנישט דו! צי איז עס אויף דער וועלט געהערט געוואָרן
אַזאַ מין עזות! איך דערמאָן זיך — זומער פאַראַיאָרן
האָסטו, אָט דאָ טאַקע, מיט עפּעס מיך באַטרעטן גראָב:
דאָס איז מיר, ליבער, נישט אַרוים פון קאָפּ!
— זייט מוחל, כ'בין אַ יאָר אַ קנאַפּס קוים אַלט, נישט
מער, —

דאָס שעפּסל זאָגט.

— איז דאָס געווען דיין ברודער אויפגעוויס.

— איך האָב קיין ברודער נישט.

— אַ גוטערברודער, צי אַ קרוב — איז; בקיצור, עמעץ, וואָס צו דיין משפּחה קער ער.

סיי איר אַליין, סיי אייערע — די פּאַסטעכער און הינט, איר ווינטשט מיר אַלדאָס בייז טאָג-טעגלעך און שאַדנט מיר ווי נאָר און ווען ס׳איז מעגלעך; נו, כ׳וועל זיך איצט מיט דיר צערעכענען פאַר יעדנס זינד!

— אַך, וואָס בין איך דאָ שולדיק?

— שווייג! דו האָסט מיר שוין דערעסן, מיר פעלט קיין צייט נישט מער, ווי נאָר צו פאַרשן דיינע זינד! ביסט שולדיק שוין מיט דעם אַליין, וואָס השק כ׳האָב צו פרעסן. —

געזאָגט — און שלעפּט דאָס שעפּסל צו דעם טונקלען וואַלד געשווינד.

מאַלפּעס

אויב נאָכגעמאַכט מיט שכל, איז אַ סברא,
אַז נישט אומזיסט האָט זיך געמיט די האַנט,
נאָר נאָכצומאַכן אָן פאַרשטאַנד —
באַהיט דער בורא, סאַראַ צרה!
פון ווייטע לענדער ברענג איך דאָ אַ ביישפּיל. הערט:
ווער מאַלפּעס האָט געזען, נו, דעם באַוווסט איז,
אַז ביי די מאַלפּעס נאָכצומאַכן גאָר די שטאַרקסטע לוסט איז,
אין אַפריקע, וווּ ס'לעבט דאָס מאַלפּע־פאָלק און זיך פאַרמערט,
געזיצן איז אַמאָל אַ חברה זייערע אויף צווייגן
און סענקעס פון אַ בוים מיט בלעטערוואַרג אַ ים
און אויפן גראָז אַראָפּגעקוקט בגנבה, ווי פון שטייגן,
ווי ס'קייקלט זיך אַ יעגער אין אַ נעץ אַרום דעם שטאַם.
דאָ טאַרקעט יעדע חברטע די צווייטע,
און יעדע איינע שעפּטשעט אַ דערפרייטע:
— איר קוקט נאָר פון דעם מזיק נישט אַוועק;
צו די המצאות זיינע נעמט דאָך, כ'לעבן, נישט קיין עק:
אַ קער זיך איבער, נאָכאַמאָל און ווידער,
און אַט צעלאָזט ער זיך מיט אויסגעגלייכטע גלידער,
און אַט־אַ שוין צוריק
אינגאַנצן איינגעקנוילט ער פאַלט אַנידער,
אַז הענט און פיס פאַרשווינדן פאַרן בליק.
צי פעלן מייסטערס דען אויף אַלץ ביי אונדז אין דער מסיבה,
אַזאַ קונסט אָבער איז ביי אונדז שוין נישט צו זען!
אָך, שוועסטער־יפה־פיות ליבע!
זי אויסצולערנען וואָלט קיין עוולה נישט געווען.
ער האָט גענוג שוין, דאַכט זיך, אָנגעטאָן זיך פאַרגעניגן;
ווי נאָר, ער גייט אפשר אַוועק, גלייך מיר... — און אַט
איז ער אַוועק טאַקע, געלאָזט פאַר זיי די נעצן ליגן.
— צו וואָס זשע, — ריידן זיי: צעפּטרן די צייט? אַ שאָד!
מע דאַרף אַקאָרשט אַ פּרווו טאָן! — און כהרף־עין —

די שאַנקייטן אַראָפּ. פאַר זיי, די ליבע געסט, פאַרגרייט
עס ליגן אונטן נעצן אַן אַ שיר צעשפּרייט.
אַ נעם אין זיי זיך איבערקערן און אַרומצושמייען;
זיי וויקלען זיך, פאַרדרייען זיך; זיי שרייען,
זיי קוויטשען — איינמאָל שוין אַ פריידי!
נאָר אָט אַ לייד,
ווען פון די נעצן דאַרף מען זיך באַפרייען!
אינצווישן האָט דער באַלעבאָס געהיט
און, זעענדיק — שוין צייט, צו זיינע געסט מיט זעק געקומען;
זיי ווילן טאָן זיך אַ צעשיט,
נאָר יעדע איז פאַרפּלאָנטערט, ווי געשמידט.
און אַלע האָט מען מיט די הענט פאַרנומען.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1947

דאָס בלויערל

עס איז צום ים אַ בלויערל געקומען
און רימען זיך גענומען —
עס וויל דעם ים פאַרברענען פריי און פראַנק.
און גלייך האָט וועגן דעם זיך אויף דער וועלט פאַרשפּרייט
דער קלאַנג.
אַן אימה פינצטערט אין די ים־באַוווינערס אויגן;
אין מחנות זיינען פייגל זיך אַהער צונויפגעפלויגן;
פון וועלדער לויפן חיות קוקן אויפן ים,
ווי ער וועט אויפגיין, און ווי היים, אין פלאַם.
מע זאָגט, אויך ליבהאָבער פון בעלער האָבן זיך געריסן
אַהער, דערהערנדיק דעם פליגלדיקן קלאַנג,
מיט לעפל און מיט דעם פאַרלאַנג
פון אַט אַזאַ מין רייכער פיש־יויך צו געניסן,
וואָס אויך ביים מילדסטן אַרענדאַר איר טעם דעם זיסן
האָט נישט פאַרזוכט קיין סעקרעטאַר אַפילו אין געדאַנק.
דער עולם וואַקסט, באַוווּנדערט די פּאַסירונג אומגעהייער,
ער שווייגט און וואַרט, דער בליק פאַרשטאַכן אינעם ים;
נאָר זעלטן טוט אַ שעפּטשע עמעצער מיט פלאַם:
— באַלד זידט ער אויף, באַלד גייט ער אויף אין פייער! —
נאָר ניין: פון פייער נישט קיין הויך.
צי זידט ער כאָטש, דער ים? ער זידט נישט אויך.
און ווי האָט זיך פאַרענדיקט די גרויסאַרטיקע אַפערע?
דאָס בלויערל האָט אַפּגעטראָגן זיך פאַרשעמט;
דאָס בלויערל האָט זיך באַרימט געמאַכט... אָן ערע —
עס האָט דעם ים דאָך נישט פאַרברענט.

דאָ שיקט זיך נאָך אַ ווערטל צוצוגעבן,
נאָר קיינעם נישט פאַרשאַפנדיק דערמיט קיין צער:
מיט זאַכן, נישט דערפירטע צו קיין גמר,
באַרים זיך קיינמאָל נישט אין לעבן.

אופאַ, 1943 — וואַרשע, 1949

דער אײזל

בעת יופיטער*) האָט באַפעלקערט גאָר די וועלט
און ברואים כל־ערליי באַשאַפן אויף דער ערד דער לערער,
האָט דאן ער אויך דעם אייזל אויף די פיס געשטעלט.
צי מיט אַ מיין, צי ווייל פאַרטאָן אין אַרבעט שווערער
(צי גיט עס דען אַ צייט אַ טרודע נאָך מערער?),
נאָר אין געאייל דער וואָלקנטרייבער**) האָט דערלאָזט
— אַ בלויז
דעם אייזל אויסגעפורעמט, ווי אַ וועוויריק גרויס.
ס'האָט קיינער נישט באַמערקט דעם אייזל, אָט דעם ברויז,
כאָטש לויט דער גאווה איז ער גלייך מיט אנדערע דורכויס.
דער אייזל וואָלט וואָלט אַ בעלן זיין זיך גרויסן —
מיט וואָס אָבער? אַז מיט אַזאַ מין גרייס
איז גאָר אַ שאַנד צו ווייזן זיך אינדרויסן.
איז צוגעשטאַנען צו יופּיטערן דער אייזל הייס,
ער זאָל אַ גידול אים אַ היפשן געבן:
— איך בעט דיך, זאָגט ער: איז עס אויסצוהאַלטן? זאָג,
פאַרוואָס
די לייבן, באַרסן, העלפאַנטן קומט כבוד אָן אַ מאָס;
דערצו נאָך וועגן זיי און זייער לעבן
אָן אויפהער שמועסט גרויס און קליין.
פאַרוואָס־זשע ביסטו שלעכט צו אייזלען בלויז אַליין,
וואָס יעדער לאָזט זיי אָן אַביסל כבוד שטיין,
אָן אייזל זאָל אַ לויב־וואָרט כאָטש פון וועמען זיך דערלעבן?
וואָלט איך געווען כאָטש ווי אַ קעלבל גרויס,
איז מיט דער גאווה פון די לייבן, באַרסן — אויס,
די גאַנצע וועלט פון מיר וואָלט ריידן בלויז! —
אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס מיין אייזל חזרט איבער

---

*) דער העכסטער גאָט אין דער רעליגיע פון די אַלטע רוימער.

**) דאָס איז יופיטער, וועלכער צעטרייבט די וואָלקנס מיט זיין אָטעם.

יופּיטערן דאָס זעלבע ליד,
און ער דערעסט אַזוי דערמיט,
אַז ס'איז יופּיטערן שוין ליבער
דעם אייזלס תּפילה צו דערפילן, און אַן עק:
דער אייזל ווערט א גרויסע־גרויסע בהמה,
חוץ דעם באַקומט ער נאָך אַ שטים פול אימה,
אַז מיין לאַנגאויערדיקער הערקולעס*) וואַרפט אַן אַ שרעק
אויף גאָר דעם וואַלד פון ברעג צו ברעג.
— וואָס איז עס פאַר אַ חיה? פון וואַנען שטאַמט דער גיבור?
שאַרפצייניק מן־הסתּם? די הערנער פיל און גרויס? —
און ס'גייט אַ סדרה אייזל אומעטום, וואַלד־איין, וואַלד־אויס.
נאָר וואָס דערפון דער סוף? קיין יאָר איז נישט אַריבער,
ווי אַלע האָבן אויפן אייזל זיך דערקענט גאַנץ פיין:
אין שפּריכוואָרט איז מיין אייזל מיט זיין נאַרישקייט אַריין:
און זעט, מע פירט שוין אויפן אייזל וואַסער אין די שטיבער.

אין ראַסע און אין ראַנג איז הויכקייט שיין;
נאָר וואָסער נוץ פון איר, ווען די נשמה איז געמיין?

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1948.

---

*) א גריכישער לעגענדארער העלד (הערקל), וועלכער איז בארימט געוואָרן מיט זיין אויסערגעוויינלעכער קראַפט און דרייסטקייט.

די מאַלפּע און די ברילן

פון זקנה נעמט די ראיה ביי דער מאַלפּע שוואַכער ווערן,
נאָר ס׳קומט איר אויס פון לייט צו הערן,
אַז ס׳איז נאָכנישט די צרה איי־איי־איי ווי גרויס,
מע דאַרף מיט ברילן זיך באַזאָרגן בלויז.
זי שאַפט זיך איין אַ האַלב טוץ ברילן גערן;
זי דרייט די ברילן דאָ אַהין און דאָ אַהער;
זי דריקט זיי אויפן קאָפּשפּיץ און פאַרטשעפּעט אויפן עק זיי,
באַשמעקט זיי, און אַט טוט זי אויך אַ לעק זיי —
עס העלפן נישט די ברילן; וואָס מיט זיי דער מער?
— אַ טפו, צום טייוול! — זאָגט זי: ס׳איז אַ שוטה אַן אַנטיק,
וועד ערנסט נעמט די מענטשנס ליגנערישע שטיק;
מע האָט מיך אָפּגענאַרט אײַנגאַנצן מיט די ברילן:
זיי ברענגען נישט קיין נוצן אויף קיין האָר. —
די מאַלפּע האָט דאָ, פון פאַרדרוס און קרענקעניש באַוויגן,
געטאָן מיט זיי אַ שטיין אין פּנים אַ פּאַרפּאָר,
אַז בלויזע שפּריצלעך זיינען מיט אַ שימער זיך צעפלויגן.

צום אומגליק איז דאָס זעלבע מיט די מענטשן, הערט:
ווי נוצלעך ס׳זאָל אַ זאַך נישט זיין, — נישט וויסנדיק איר ווערט,
באַוויזט איר אומנוץ תמיד דער עם־הארץ;
און אויב דער גראָבער יונג צום יחוס נאָך געהערט,
פאַרפאַלגט ער זי און לייגט אין ערץ.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947

דער אדלער און די הינער

דער אָדלער, מיט דער טאָג-שיין וועלנדיק דערפרייען
זיין בליק — די פליגל האָט צעפירט
און דאָרט שפּאַצירט,
ווו בליץ און דונערן אַנטשטייען.
נאָר ענדלעך, פון דער וואָלקן-הייך געטאָן אַראָפּ אַ פּראַל,
דער פייגל-קיסר שטעלט זיך אָפּצורוען אויף אַ שטאַל.
כאָטש, קאָן דען זיין אַ פּלאַץ פאַר אָדלער פון אַ שטאַל
גמיינער,
נאָר אויסטערליש איז אָפטער ביי קיסרים דער פאַרלאַנג:
קאָן זיין, דעם שטאַל באַערן איז געוועזן זיין געדאַנק,
צי נישט געווען אַרום קיין שטיי-פּלאַץ לויט זיין ראַנג:
קיין דעמב, קיין פעלדז-גראַניט קיין איינער;
איך קאָן זיך נישט דערקלערן זיין געדאַנק,
נאָר אויבעט דאָ פאַרהאַלט דער אָדלער זיך נישט לאַנג
און פליט אַריבער אויף אַ צווייטן שטאָלס אַ שטאַנג.
דערזעט עס אַ כאַבלאַטע קוואָקע איינע,
און צון איר פריינדין מיט אַזאַ מין טאָלק:
— פאַר וועלכן ווערט אַזוי געשעצט דאָס אָדלער-פאָלק?
נישט שוין-זשע פאַרן פליען, האַרצעדיקע שכנה?
נו, כ'לעבן, ווען כ'זאָל וועלן נאָר, אויך איך אַן מי
פון איין שטאַל צון אַ צווייטן טו אַ פלי.
איז לאָמיר נישט קיין שוטים בלייבן ווידער,
צו האַלטן חשוב אָדלערס, הינער — קליין:
זיי האָבן נישט קיין אויגן מער פון אונדז, קיין פיס נישט מיין;
אַט האָסטו דאָך געזען אליין —
זיי פליען גלייך ווי הינער אינדערנידער. —
דער אָדלער ענטפערט — ס'ווערט אים פון די שטותים שווער:
— גערעכט. נאָר נישט אינגאַנצן. הער —
עס טרעפט, נאָך נידריקער פון הינער אָדלערס שוועבן,
נאָר הינער פליען צו די וואָלקנס — וועלן נישט דערלעבן.

װען משפּטן טאַלענטן נעמסט זיך פאַר,
נישט רעכן אױס אומזיסט, בײַ זײ װאָס שלעכט איז,
נאָר, שפּירנדיק, װאָס שײן בײַ זײ און עכט איז,
מאַך זײערע דערגרײכונגען זיך קלאָר.

אופּאַ, 1943 — לאָדזש, 1947

פון דעם צווייטן בוך

די פרעש, וואָס בעטן אויף אַ קיסר

די פרעש גענומען האָבן רעווידירן
דאָס פאָלקישע רעגירן:
צי איז דאָס איידל זיך אַזוי צו פירן —
נישט דינען קיינעם און זיך לעבן פריי און פראַנק?
כדי די צרה נישט פאַרשלעפּן אין דער לאַנגער באַנק,
געבעטן האָבן זיי די געטער: — שענקט אונדז אַ געשאַנק,
אַ קיסר! — כאָטש ס'איז זעלטן, שטותים זאָלן געטער רירן,
נאָר דאָס מאָל האָט זיי צעאוס*) אויסגעהערט מיט גוט געמיט:
געגעבן זיי אַ קיסר. און מיט רעש דער קיסר פליט,
פון הימל אויפן קיניגרייך זיך טוט אַ שיט ער,
אַז די מלוכה פון געמויזעכץ טוט אַ ציטער.
עס האָבן זיך די פרעש אַ וואָרף געטאָן אין שרעק,
ווי עמעץ האָט באַוויזן און געקענט נאָר, ווי אַ חושים,
געטאָן זיך אין די צעלעם אַ פאַרשטעק
און וועגן קיסר שעפּטשענדיק דערציילט חידושים.

*) דער אויבער-גאָט לויטן גלויבן פון די אַלטע גריכן.

און ווירקלעך איז דער קיסר וואונדערלעך פון קאפ ביז פיס:
ער שמייעט נישט ארום, איז נישט צעפלוידערט,
ער איז געזעצט, און שווייגעוודיק, און חשיבותדיק באגוידערט,
און לויט זיין פארנעמקייט און וווקס — א ריז,
גו, אנצוקוקן אים, אז ממש אן אנטיקל!
בלויז דאס אין קיסר איז געווען א פגם א שטיקל:
דער קיסר איז געווען פון האלץ, א יאשינער טשורבאן.
פון אנהייב, מחמת אכטונג צו זיין קיסרלעכער חשיבות,
דערוועגט זיך נישט צו אים דערנענטערן קיין אונטערטאן,
א נס, עס זיינען לעפעכעס און בלעטערווארג פאראן —
באטראכט מען אים דורך זיי מיט פחד און עניוות;
נאר פאר דער וועלט הערט אויף א וואונדער דאס צו זיין,
מיט וואס זי לעבט זיך איין —
אין אנהייב זיינען זיי צו זיך געקומען פון די שרעקן,
דערנאך דערוועגט זיך מיט געטריישאפט צון אים לעקן:
צוערשט צום קיסרס פיס א בוק זיך פון דער ווייט;
נאכער, ווער דרייסטער איז, זעצט צו לעם אים זיך אין א זייט:
מע דארף א פרווו טאן זעצן זיך באגלייך מיט אים איינעם;
און ערשט זיינען דערגאנגען נאר די עזותדיקע ביז
זיך זעצן צו דעם קיסר מיטן הינטערטייל דעם שיינעם.
דער קיסר דולדעט אלץ, צוליב זיין גנאד געווים.
און נאך אביסל שפעטער, ווען ס'וועט זיך נאר פארוועלן,
דער וועט א שפרונג טאן און אויף אים זיך שטעלן.
דאס לעבן מיט אזעלכן האט דערעסן איינס-צוויי-דריי.
די פרעש — מיט תפילות און תחנונים אויף דאס ניי,
יופיטער זאל זיי אין דער בלאטיקער מלוכה שענקען
א ווארן קיסר פון צו הערן און גדענקען!
געהערט פון זייער בעטן היים-פארבענקט,
יופיטער האט דעם בושל פאר א קיסר זיי געשענקט.
דער קיסר ד ע ר איז קיין טשורבאן נישט, נאר א מאן אן עכטער:
ער האט נישט ליב צו באלעווען זיין פאלק,

— עסט אויף די שולדיקע און משפט מיט דערפאָלג
עס טרעפט נישט עמעץ זאָל ביי אים אַרויסגיין אַ גערעכטער;
צו יעדן מאָלצייט משפט ער מיט טאָלק,
און זיין פסק־דין איז נישט אויף קיין געלעכטער.
עס האָט זיך אויף די בלאָטע־איינוווינער, ווערט קלאָר,
אָראָפּגעלאָזט אַ פינצטער יאָר.
עס פעלן פרעש זיך יעדן טאָג גאַנץ שפּאָר.
פון פרי ביז שפּעט שפּאַצירט איבער זיין קיניגרייך דער קיסר,
און וועמען ער באַגעגנט נאָר אין גאַנג,
פאַרמשפּט ער אים גלייך און שלינגט אים איין אַ בייזער.
ווערט שטאַרקער נאָך דאָס קוואַקעריי, דאָס קרעכצן, דער פאַרלאַנג,

— עס זאָל יופּיטער וויליק זיי דערהערן
אַ דריטן קיסר זיי באַשערן;
דער איצטיקער, ווי פליגן שלינגט ער דאָך זיי איין;
זיי טאָרן נישט אַפילו בלויז די נאָז אין גאַס באַווייזן,
אויך טאָן אַ קוואַקע איז געפערלעך (שטאַרקער דאַרף מען זיין פון אייזן!),
קיין טריקעניש פאַרשאַפט זיי נישט אַזויפיל פיין.
— פאַרוואָס זשע האָט איר פריר צו לעבן גליקלעך נישט פאַרשטאַנען? —
גענידערט האָט אַ שטים פון הימל: שוטים, נו!
צי דען נישט איר האָט נישט געלאָזן מיך צו רו
און רויש אין מיינע אויערן געגאָסן גאַנצע קאַנען?
מע האָט אַ קיסר אייך געשענקט? — איז ער געווען צו שטיל:
איר האָט פון אייער לוזשע מיט אַ בונט געלאָזט זיך הערן,
מע האָט אַ צווייטן אייך געגעבן — איז ער אַן געפיל:
איז לעבט מיט אים, עס זאָל אייך ערגער נאָך נישט ווערן.

אופאַ, 1943 — וואַרשע, 1950

די פעסט אויף חיות

דעם הימלס בייזסטע בייטש, די שרעק פון דער נאַטור — די פעסט
באַפאַלט דעם וואַלד. די וואַלד-חיות די קעפּ פאַרלירן,
דער גיהנום האָט צעעפנט ברייט די טירן:
אין פעלדער, וועלדער, איבער בערג שפּאַנט אום דער טויט אין געסט;
עס וואַלגערן זיך אומעטום פון גרויל זיינעם קרבנות;
דער אומרחמנותדיקער קאָסיעט זיי, ווי היי,
און די, וואָס לעבן נאָך — אויך זיי
האַלב-טויטע שלייכן אום אין אָנגעזיכט פון די סכנות;
געענדערט האָט זיי פולשטענדיק דער פּחד פאַר דער שטראָף,
די זעלבע חיות, דאָך נישט די פון צרות אָן אַ סוף;
דער וואָלף, ווי אַ מאָנאַך, באַשיידן, שטיקט נישט מער קיין שאָף,
דער פוקס, צורו געלאָזט די הינער, לעבט אין הייל אין תענית;
ס'קריכט קיינעם נישט אין קאָפּ קיין עסן מחמת לייד.
עס לעבן טויבן-פּאָרן מאַן פון ווייב צעשיידט,
און וועגן ליבע — נישט קיין זכר אין די רייד;
אָן ליבע ווידער איז דאָס לעבן — בלויז רחמנות.
אין אָט דעם אומגליק רופט דער לייב די חיות אויף אַ ראָט.
מע שלעפּט זיך טראָט נאָך טראָט, די זעלעס קוים דערהאַלט מען.
צונויפגעזאַמלט, זיצט מען אַרום קיסר שטיל אין ראָד,
אַרויסגעשטאַרצט די אויגן, און די אויערן צעפּראַלט מען.
— אָ, פריינט! — הייבט אָן דער לייב: ווייל מיר האָבן געזינ-דיקט פיל,
געוואָרן זיינען מיר דעם שטאַרקן געטער-צאָרנס ציל,
דערום — זאָל דער, וואָס איז פון אַלע אונדז צומיינסט פאַר-דאָרבן,
זיך אָפּגעבן די געטער פאַר אַ קרבן
אוים פרייען ווילן און עניוותדיק געמיט!
די געטער וועלן אפשר זיין באַגיטיקט בלויז דערמיט,

און גאָר דער הייסער פליים פון אונדזער גלויבן
וועט זייער בייזן צאָרן לינדער מאַכן, שוואַך.
איז וועמען, פריינט, פון אייך דען נישט באַוווסט די זאַך,
אַז די געשיכטע ווייסט פון ביישפּילן אַ סך,
ווען ס'האָבן זיך קרבנות פרייוויליק דערהויבן?
ובכן זאָל יעדער, אין עניוות, אָנטאָן זיך דעם כּוח
און זיך מתודה זיין דאָ אינדערהויך,
מיט וואָס ער האָט געזינדיקט גערן, צי נישט־גערן.
אָ, פריינט! אָ, לאָמיר תשובה טאָן אַצינד!
איך בין זיך מודה — כאָטש עס קרענקט מיך — אַלע זאָלן הערן,
אויך איך, איך בין נישט ריין פון זינד!
כ'האָב אומשולדיקע שעפּסן, עלנטע — אָ, שריי, געוויסן! — געמיין צעריסן;
און ס'פלעגט נישט זעלטן טרעפן — ווער איז ריין פון זינד? —
איך האָב דעם פּאַסטעך אויך געטאָן אַ שינד:
איז ווי אַ קרבן בין איך גרייט זיך גערנוויליק שטעלן.
נאָר גלייכער איז, אַז יעדער זאָל דערציילן זיינע זינד,
און ווער עס האָט צומיינסטן זיי אַצינד,
דעם זאָלן ברענגען פאַר אַ קרבן מיר געשווינד —
די געטער וועט אַזוי עס בעסער ווילגעפעלן.
— אָ, קיסר! גוטער קיסר! מחמת גוטסקייט איבער מאָס, —
אים זאָגט דער פוקס: אַלם חטא פאַרעכנסטו אָט דאָס.
אויב נאָכגיין תמיד נאָכן קול פון ציטריקן געוויסן,
וואָלט אויסגעקומען אונדז פון הונגער אויסצוגיין לסוף;
און, פאָטער אונדזער! גלייב, ס'איז נישט פאַר זיי קיין שטראָף,
עס איז אַ כּבוד אדרבא פאַר די שאָף,
וואָס דו באַווייליקסט גאָר פון זיי געניסן.
און וואָס די פּאַסטעכער נוגע, קניען מיר צו דרערד:
זיי אָנצולערנען עפּטער נאָך — זיי זיינען ווערט.
מיט פּוסטער גאווה לעבט ער בלויז, דער שטאָם אָן עקן,
און כּבוד פון קיסרים טוט פאַר זיי נישט קלעקן. —
האָט אָפּגערעדט דער פוקס, נאָך אים, און אויפן זעלבן שניט,
דאָס אייגענע דעם לייב זאָגט יעדער חונף, שוין,

און צו באַווייזן יעדער איילט זיך און באַמיט:
עס האָט גאָר נישט דער לייב אויף וואָס צו בעטן קיין מחילה.
און נאָכן לייב די חיות אַלע לויט אַ ריי
עניוותדיק מתוודה זײַנען זיך אויך זיי
אויף זייערע עבירות פאַר דער גאַנצער קהילה;
נאָר ס'איז נישט קיינעמס דרייסטקייט אַזוי גרויס,
די ערגסטע זינד זייַנע צו טאָן אַ לייג אַרויס.
און ווער נאָר עס פאַרמאָגט אַ היפּשן חלק
געוועהר פון נעגל, ציין, דער קומט אַרויס
פון יעדער זייט, דורכויס —
גערעכט איז ווייניק זאָגן, נייערט שיר נישט הייליק.
איצט מרוקעט לויט דער ריי דער שטילער אָקס: — אויך מיר
געזינדיקט האָבן. פאַראיאָרן אינעם ווינטערדיקן פריר,
ווען די דערנערונג האָט פאַרשאַפט אונדז גרויסע זאָרגן,
האָט דער נישט־גוטער מיך פאַרפירט — אוי־וויי! —
נישט קריגנדיק ביי קיינעם עפּעס־וואָס צו באָרגן,
האָב איך אָוועקגעשלעפּט פון גלחס סטויג אַ זשמעניע היי. —
ווי דאָ האָט זיך אַ הייב געטאָן אַ טומל, ברייערייען:
די בערן, וועלף און טיגערס שרייען:
— קוקט אָן דעם מערדער! לאָזט פון אים די אויגן נישט
אַראָפּ!
פרעמד היי גאָר עסן! וועט שוין זיין אַ חידוש איצטער ווען,
פאַרוואָס פאַר זיין געמיינקייט אונדז די געטער אַזוי קלעמען?
אָט אים, דעם נידערטרעכטיקן, מיט הערנערדיקן קאָפּ,
פאַר זיינע מעשים פאַר אַ קרבן נעמט! און זאָל ער שטאַרבן,
מיר זאָלן ראַטעווען דאָס לייב און זיטן פון פאַרדאַרבן!
פאַר זיינע זינד בלויז טרעט פון אונדז די פּעסט נישט אָפּ!
זיי האָבן אים פאַרמשפּט גלייך און, נישט געחקירהט ווייטער,
דעם אָקס אַרויפגעוואָליעט אויפן שייטער.

אויך צווישן מענטשן ווערט אַזוי גערעדט:
ווער ס'איז באַשיידענער, איז דעמס דער חטא.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948

הינטישע פריינטשאַפט

פולקאַן און בייזמאַן זיינען זאַלבעצווייט
לעם קיכפענצטער, צו וואַרעמען זיך אויף דער זון, געזעסן.
הגם ס'וואָלט פּאַסיקער געווען, ווי יעדער דאָס פאַרשטייט,
זיי זאָלן פּאַרן טויער שטיין, דאָס הויז צו היטן גרייט;
היות אָבער זיי האָבן זיך שוין אָנגעפרעסן —
און הינט, וואָס זיינען העפלעך, זיצן טאָגצייט שטיל
און טוען נישט אויף קיינעמען קיין ביל —
איז האָבן זיי אריינגעלאָזט זיך אין א חקירה מיט געפיל
מכוח דאָס און יענץ: דער דינסט דער הינטישער; וואָס שענדלעך,
וואָס פיין, וואָס שלעכט און גוט איז; וועגן פריינטשאַפט ענדלעך.
— צי קאָן נאָך עפּעס, — זאָגט פּאָלקאַן: מער איינגענומען זיין,
ווי הארציקן א חבר און געהארציקט פון אים זיין;
זיך קעגנזייטיק העלפן, אונטערשטעלן זיך דעם רוקן;
נישט טרינקען און נישט עסן אָנעם חבר איין־אליין,
און פאַרן חברס שקורע פּעסט, ווי אייזן, שטיין,
און, ענדלעך, אין די אויגן זיך איינאַנדער קוקן,
כדי צו פּאַקן די געבענטשטע רגע מיטן מיין —
דעם חבר נחת צו פאַרשאַפן, אים מיט וואָס דערקוויקן,
און מיטן שותפותדיקן גליק זיך גליקזעליק אָנטציקן!
ווען צווישן אונדז, למשל, טוט זיך א פאַרבינד
אזא מין חברשאַפט אצינד,
איז קאָן איך זאָגן דרייסט און זיכער,
מיר וואָלטן נישט געזען, ווי ס'לויפט די צייט, ווי גיך און גיכער.
— נו, וואָס זשע? ס'איז אַן ענין, זיכער! —
אים ענטפערט בייזמאַן באַנג:
ס'איז מיר אליין, פּאָלקאַנושקע, פאַרדריסלעך שוין פון לאַנג,
וואָס כאָטש מיר זיינען הינט פון זעלבן הויפישן פאַרמעגן,
מיר לעבן נישט אַדורך קיין טאָג אפילו אַן געשלעגן.

און זאָג, פאַר וואָס?
ס'האָט אונדז פאַרזאָרגט מיט זעט און רחבות אונדזער באַלעבאָס!

דערצו נאָך איז עס אַ בזיון, כלעבן:
די הינטישע גוטפריינטשאַפט שמט פון גאָר דער עלטסטער צייט,
און ס'איז קיין פריינטשאַפט צווישן הינט, ווי צווישן לייט,
כמעט לחלוטין נישט צו זעען אינעם לעבן.
— טאָ זאָלן מיר אַ ביישפּיל פון איר ווייזן היינט! —
שרייט אויס פאַלקאָן: דערלאַנג די לאַפּע! — נאַ זי דיר, מיין פריינט! —
און ס'טוען זיך אַ לאָז ארומהאַלדזן די פריינט די נייע,
אַ לאָז זיך קושן; ס'איז אַ פרייד אַ גרויסע, אַ מחיה —
זיי ווייסן נישט צו וועמען זיך פאַרגלייכן, די געטרייע:
— אַרעסט!*) — פילאַד! —
אויס קריגערייען, קנאה, קריץ פון ציין!
צום אומגליק טוט דער קוכער פון דער קיך אַ וואָרף אַ ביין.
די נייע פריינט, זיך איבעריאָגנדיק, נאָך אים זיך טראָגן;
ווו האָט דער שלום-בית זיך אהינגעטאָן אַצינד?
אַרעסט מיינער און מיין פילאַד זיך גריזשען און זיך שלאָגן, —
עס פליען שטיקער פעל, וואָס איינער פונעם צווייטן שינדט:
מע האָט ביגוואַלד מיט וואַסער, ענדלעך, זיי צעריסן.

פון דעם מין פריינטשאַפט קאָן מען אויף דער וועלט אַ סך געניסן.
עס קאָן געזאָגט ווערן מכוח די פריינט פון אונדזער צייט:
זיי זיינען אַלע איינער אינעם צווייטן שטאַרק געראָטן:
דו הערסט זיי ריידן, דאַכט זיך, איין נשמה ביי די לייט,
נאָר וואַרף פאַר זיי אַ ביין — פון דיינע הינט דערזעסטו באַלד דעם שאָטן.

אופאַ, 1943 — וואַרשע, 1950

---

*) אַרעסט און פילאַד — צוויי פריינט נישט צו צעשיידן זיי, העלדן פון די אַלט־גריכישע לעגענדעס.

די חלוקה

פאַרמאַגנדיק אַ הויז בשותפות און אַן אַלגעמיינעם
קאַנטאָר, עס האָבן סוחרים ,אַרנטלעכע לייט,
זיך אַנגעלעבט אַ באַרג מיט גאָלד אַ שיינעם;
מיט די פאַרדינסטן זיך צו טיילן איז שוין צייט.
נאָר אַן מחלוקתן צעטיילן זיך געראָט נישט קיינעם.
פאַר געלט און סחורה טומלט מען, מע פּאַטשט מיט די הענט,—
ווי פּלוצעם שרייט מען, אַז אין הויז דאָ ברענט.
— אוי, גיכער, גיכער,
די סחורה ראַטעוועט, דאָס הויז! —
שרייט איינער: לויפט, און לויט די ביכער
דעם חשבון שפּעטער פירן מיר אַרויס!
— דעם טויזנטער דערלייגט מיר, וואָס מיר קומט אויף
זיכער, —

אַ צווייטער טומלט פאַרט:
איך ריר זיך נישט פון אָרט!
— און מיר קומט צוויי נאָך צו דערלייגן! — טומלט איבער
איינער:

דער חשבון איז דאָך קלאָר.
— ניין, ניין, עס איז נישט מסכים קיינער!
ווייל ווי אַזוי, פאַרוואָס, ווי קומט דאָס אויס! —
פאַרגעסן, אַז עס ברענט דאָס הויז,
די שוטים טומלען, רייסן זיך און קריגן,
ביז ס'טוט זיי אַ פאַרכאַפּ דער רויך און — אויס:
זיי בלייבן מיטן האָב און גוטס פאַרשרפעט ליגן.

אין זאַכן, וועלכע זיינען וויכטיקער פיל מיין,
טרעפט אָלעמען דערפאַר דער אומקום גאָר נישט זעלטן,
וואָס שטאָט אין אחדות קעגן אַלגעמיינעם אומגליק שטיין,
רייסט יעדערער איין וועלטן
פאַר דעם, וואָס גוצלעך איז בלויז אים אַליין.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1947

דער וואָלף אויפֿן הינט-הויף

א וואָלף איז צום א שאָפֿן-שטאַל ביינאַכט געלאָפֿן,
נאָר אין א הויף פֿון הינט אַריינגעטראָפֿן.
טומל פּלוצעם זיך א הייב דער הינטישער דער גאַנצער הויף.
די הינט, דערשפּירט אַזוי-אַ נאָנט דעם מערדער-יונג דעם גרויען,
זיך רייסן צו געשלעגן און פֿאַרגייען זיך אין וואָיען.
— א גנב, יאַטן! — ליאַרעמען די הינט-דינער אין לויף;
די טויערן פֿאַריגלט ווערן באַלד דערויף;
א רגע, און דער הינט-הויף — ווי א גיהנום ברענט ער.
מע לויפֿט: מיט א דובינקע ווער,
א צווייטער — מיט געווער;
מע שרייט: — גיט פֿייער! פֿייער ברענגט אַהער! —
מע ברענגט. מיין וואָלף דריקט צו זיך אין א ווינקל, א דער-קענטער;
מיט שטשירענדיקע ציין און אויפֿגעשטעלטע האָר
אַט פֿרעסט ער ,דאַכט זיך, מיט די אויגן אַלע אויף און גאָר;
נאָר באַלד באַנעמט ער —
ער שטייט נישט פֿאַר קיין טשערעדע אין פֿעלד,
ער ווערט פֿאַר אַלע שאָף לדין געשטעלט,
און ס'האָט זיך אונדזער כיטרער העלד
אַריינגעלאָזט אין פֿרידלעכע געשפּרעכן
און אָנגעהויבן: — פֿריינט! צו וואָס דער טומל און יאַריד?
איך בין צו אייך געקומען, א לאַנגיאָריקער ידיד,
אויף פֿרידן, נישט די פֿריינטשאַפֿט צו צעברעכן;
אַט לאָמיר איינשטעלן אַן אַלגעמיינעם שלום, פֿריינט!
נישט בלויז איך וועל נישט טשעפּען היגע שעפּסן שוין פֿון היינט,
כ'בין גרייט אַפֿילו גריזשען זיך מיט יעדן זייער פֿיינט,
און מיט א וואָלפֿן-שבֿועה איך באַשטעטיק, ווי ביי לייטן,
אַז איך... — הער אוים אַקאָרשט, ידיד, —
האָט דאָ דער יאַגדלער אָפּגעהאַקט אים אינדערמיט:

ביסט גרוי, נאָר איך בין ווייס שוין און געניט
אין וועלפישער נאַטור פון לאַנגע צייטן,
און ס'איז דערום מיין מנהג, וואָס איך וועל נישט בייטן —
מיט וועלף קיין שלום נישט צו שליסן, אויב נישט אויף דער שטעל
פון זיי אַראָפּגעשונדן קודם זייער פעל, —
און האָט אַ לאָז געטאָן אויף אים די הינט פון אַלע זייטן.

דאָס טײַכל

אַ פּאַסטעך האָט בײַם טײַכלס ברעג, מיט צער אין בליק,
געזונגען פֿײַנלעך װעגן זײַן פֿאַרפֿאַלענער אבֿידה:
דאָס ליבסטע שעפּסל פֿון זײַן שטומער עדה —
פֿאַרטרונקען האָט דער טײַך נישט לאַנג צוריק.
דערהערט דעם פּאַסטעך, נעמט דאָס טײַכל בײזלעך שטראָפֿן:
— און װאָס װאָלט זײַן, דו אומגעזעטיקט-בײזער טײַך!
װען ס'װאָלט דײַן גרונט, צו מײַנעם גלײַך,
געװען פֿאַר יעדן קלאָר און אָפֿן,
און יעדער װאָלט אױף אים געזען
די פֿיל קרבנות, װאָס האָסטו בלוטדורשטיק דערװאָרגן?
דו װאָלסט פֿאַר שאַנד די ערד אַדורכגעבױערט יעדן מאָרגן
און אין די פֿינצטערע תהומות, מײן איך, זיך פֿאַרבאָרגן.
מיר דאַכט זיך, װען
מיט װאַסער-שפּע װאָלט דער גורל מ י ך באַגליקן,
כ'װאָלט יעדן, װערנדיק אַ ציר פֿון דער נאַטור, אַנטציקן
און נישט געטאָן קײן בײזס אַפֿילו נישט קײן עוף;
מײַן װאַסער װאָלט באַהיט געפּלאַסן אָן אַ סוף
פֿאַרבײַ איעדן הײזל, קוסטיקל און ברעטל!
די ברעגעס װאָלטן שיקן ברכות מיר אָן צאָל,
און איך װאָלט אָפּפֿרישן די לאָנקעס, פֿלײַן און טאָל,
פֿאַרטראָגן אָבער װאָס פֿון זײ — קײן בלעטל!
בקיצור, טוענדיק דעם גאַנצן װעג בלױז גוטס אַלײן,
אין ערגעץ נישט פֿאַרשאַפֿנדיק קײן װײטיקן און פּלאָגן,
עס װאָלט צום סאַמע ים מײַן װאַסער זיך דערשלאָגן,
װי זילבער, רײן. —
דאָס טײַכל האָט בתמימות דאָס געשפּראָכן.
און װאָס? עס זײַנען נישט אַװעק קײן װאָכן,
װי אױפֿן באַרג דערלעבן, הערט,
אַ כמאַרע מבולדיק גיסט אױס זיך:
װי אין דעם טײַך, דאָס װאַסער פּלוצעם זיך אין טײַכל מערט;
נאָר, אָך! מיט קײן עניװת װײַזט דאָס טײַכל נישט אַרױס זיך!

עס רייסט זיך פון די ברעגעס — וואַסער אויסגעמישט מיט ערד,

עס רעוועט, זידט, פאַרקנוילט די טריבע שוימען,
לייגט דעמבעס איין — נישטאָ פאַר דעם קיין צוימען,
און פול די ווייט איז בלויז מיט פּלאַצעריי־געקלאַנג;
און אַט דער זעלבער פּאַסטעך, וואָס אַט־ערשט נישט לאַנג
געזידלט האָט עס צוליב אים דעם טייך מיט פראַזע פיינער,
קומט אום אין דעם מיט גאָר דער טשערדע זיינער,
און ס׳בלייבט נישט פון זיין הייזעלע קיין שפור.

אָ, וויפל טייכלעך רואיק, גלאַטיק פליסן
און פילן אָן דאָס הארץ מיט מורמל זיסן
דערפאַר בלויז — וויייניק וואַסער האָט געשענקט זיי די נאַטור!

אופא, 1943 — לאָדוש, 1948

דער פוקס און דאָס מורמלטיר

— וו'ין לויפסטו דאָס, מיין פריינט, ווי אַ פאַריקטער? —
שטעלט אָפּ דעם פוקס דאָס מורמלטיר אין וועג.
— אָך, האַרציקער דו מיין, נישט פרעג!
איך לייד בחינם, כ'בין פאַר שוחד אַ פאַרשיקטער.
דו ווייסט, איך בין אין הינערשטאַל געווען אַ ריכטער, נו,
אין די עסקים דאָס געזונט געפּטרט און די רו,
אין האַרעוואַניע נישט דערקייט דעם ביסן,
דורך נעכט דעם שלאָף פון זיך געריסן, —
איז טו איך איצט דעם לוין דערפאַר געניסן.
און אַלץ צוליב רכילותן. נו, טו אַליין אַ קלער,
אויב גלייבן אין רכילות, ווער איז ערלעך, ווער?
זאָל איך דאָס שוחד נעמען? בין איך אויסן זינען?!
צי האָסטו ווען געזען, איך עדות זיך מיט דיר דערינען,
איך זאָל באַגיין דעם חטא? נו, גיב נאָר גוט אַ זוך
אין דיין זכרון. קיין מאָל!
— דאָס ניין, מיין ליבער; נייערט כ'האָב געזען נישט איין מאָל
דיין פיסקל איינגעריכט אין פוך.

עס טרעפט, אַז איינער אויף זיין ערטל זיפצט צום שטאַרבן,
ווי ער וואָלט שוין פאַרלעבט די לעצטע קאַרבן,
און ווירקלעך, ס'ווייסט די גאַנצע שטאָט: אַ שאַרבן —
פאַרמאָגט קיין העמד נישט אויפן לייב,
און גאַרנישט אויך מצדן ווייב, —
נאָר זע, פּאַמעלעכן אַרויף זיך שרויפט ער,
דאָ בויט ער אוים אַ הייזל, דאָ אַ דערפל קויפט ער.
אַצינד, הגם עס שטימען די חשבונות אין זיין בוך,
און אין געריכט מע קאָן אים נישט פאַרקלאָגן,
ווי האַלט מען דאָך זיך אָפּ פון זינדיקן און זאָגן,
אַז ס'איז זיין פיסקל איינגעריכט אין פוך?

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947.

די דורכגייער און די הינט

פאַרנאַכט-צייט גייען זיך חברים זאַלבעצוווייט,
און וועגן וויכטיקע ענינים גייט ביי זיי אַ רייד;
ווי פּלוצעם פון אַ טויער אַ געביל, אַ הונט נעמט לויפן,
נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער מיט אַ גוואַלט,
און ס'טוט אויף זיי אַ לאָז זיך אויגנבליקלעך-באַלד
אַ האַלבע מאה הינט פון אַלע הויפן.
וויל איינער פון די דורכגייער דאָ אויפהייבן אַ שטיין.
— העי, לאָז געמאַך, מיין פריינט! — דער צווייטער גיט אים
צו פאַרשטיין;
דו וועסט דאָס בילעריי פון הינט נישט שטילן,
צערייצט זי בלויז, די כאַפּטע, זי זאָל שטאַרקער בילן;
קום ווייטער; איך קאָן בעסער זייער טבע און געפילן. —
באמת, אַפּגעגאַן אַ פּופציק שפּרייזן אומגעפער,
אַלץ שוואַכער גרייכט דאָס בילן זייערס צום געהער,
און ענדלעך הערט מען עס לחלוטין שוין נישט מער.

די נישט-פאַרגינערס, וואָס עס זאָל זיי פאַרן בליק נישט קומען,
זיי הייבן תמיד אויף אַ בילעריי;
נאָר דו גיי רואיק זיך דיין וועג פאַרביי;
זיי וועלן בילן, און זיך אויסבילן, און שטומען.

דאָס ליבעלע און די מערעשקע

שפּרינגמאַן־ליבעלען אַוועק
איז דער זומער אין געזאַנגען;
קוים זיך אומגעקוקט — פאַרגאַנגען,
ווינטער קומט שוין מיט וועג.
ס'פעלד, אַ ליידיקס, ווערט אַלץ טויטער;
ס'לייכטן טעג שוין מער נישט לויטער,
ווען ס'איז יעדעס בלעטל ברויז
אים געוועזן אַ טיש און הויז.
אַלץ פאַריבער. קעלטן טראָגן
נויט און הונגער, גרויע פּיין;
זינגט שוין ליבעלע נישט פיין:
ווּעמען פאַלט עס זינגען איין
אויפן ניכטער־לערן מאָגן?
מיט צעפּייניקטן געזיכט
צו דער מערעשקע ער קריכט:
— זע, פאַרלאָז נישט, שוועסטער־לעבן!
העלף דערהאַלטן מיר דאָס לעבן,
און ביז זומער קומט צוריק
שטיל מיין הונגער און דערקוויק!
— איך פאַרשטיי נישט, פריינט, דיין קומער,
סט'נישט געאַרבעט דען אום זומער? —
זוכט די מערעשקע זיין בליק.
— נישט געהאַט אין זין, פאַרשטייט זיך:
אויף די ווייכע גראָזן — בלאַנק,
שטיפעריייען און געזאַנג,
האָט דער קאָפּ אין רויש פאַרדרייט זיך.
— הייסט עס, האָסט...
— דעם זומער גאַנץ
כ'האָב געזונגען און געפרייט זיך.
— אַלץ געזונגען? פיין, פאַרשטייט זיך —
ניי־זשע איצט אַרויס אין טאַנץ.

אופּאַ 1942 — לאָדזש, 1947...

דער ליגנער

אַן אַדלמאַן (צי גאָר אַ פירשט אַליין),
פון ווייטע רייזעס אומגעקערט זיך, לאָזט זיך גיין
אין פעלד מיט זיינעם אַ ידיד שפּאַצירן;
ער רימט זיך, אַ, ווו ער איז אַלץ געווען,
און בראָקט גוזמאות אויף ליגונים פול מיט ברען:
— נו, ניין, — צעהיצט ער זיך: וואָס איך האָב דאָרט געזען,
דאָס וועל איך מער נישט זען, קאָן איך דיר קאַווירן!
וואָס איז ביי אייך דאָ פאַר אַ קאַנט?
אָט קאַלט, אָט היים ווי פייער,
אָט ווערט די זון פאַרשווונדן ,אָט-אָ שיינט זי אומגעהייער.
אָן דאָרט איז אַ גן-עדן-לאַנד!
ס׳פאַרשאַפט דיר פרייד מיט בלויזן אויפגיין אין זכרון!
קיין פוטערס און קיין ליכט איז דאָרט נישט נייטיק, וואָרן
דו ווייסט נישט קיינמאָל וואָס הייסט נאַכט און גאָר,
אַ מאַי-טאָג זעט דיר אוים דאָס גאַנצע קיילעכיקע יאָר.
ס׳פאַרזייט נישט קיינער און פאַרזעצט נישט פעלד און גאָרטן,
און וואָלסט אַ קוק טאָן, ווי עס וואַקסט און צייטיקט דאָרטן!
למשל, כ׳האָב געזען אין רוים דער שטאָט
אַן אוגערקע אַזאַ — באַשעפער מיינער, גאָט!
איך קאָן ביז היינט צו זיך נישט קומען! פ אַ ר מיין לעבן!
ווערסט גלייבן דען? אַ באַרג אַ גאַנצער, כ׳לעבן!
— וואָס פאַר אַ פּלא! — האָט זיין פריינט זיך דאָ צערעדט:
וואונדירים זיינען אויף דער גאָרער וועלט פאַראַנען,
נאָר נישט איעדער אומעטום זיי באַלד דערזעט;
אָט מיר אַליין ערשט צון אַזאַ מין פּלא שפּאַנען,
וואָס דו, כ׳וועל גיין מיט דיר אין אַ געוועט,
אַזוינס האָסט נישט געזען. נישט ווייט פונדאַנען

אויף אונדזער וועג — דו זעסט די בריק דאָרט אויפן טייך?
הגם אָן שפּיצלעך אויפן בליק, אַ בריק צו בריקן גלייך,
אָן אויסטערלישע אייגנשאַפט פאַרמאָגט זי:
קיין ליגנערס נישט פאַרטראָגט זי —
דערוועגט זיך איבערגיין אַ האַלבע בריק קוים — בראָך!
און ס׳פליט דער ליגנעריוק אין וואַסער דורך דער לאָך;
אַ מענטש אָבער, וואָס אמת איז זיין תוך,
אַפילו אין אַ קאַרעטע פאָרט דרייסט זי איבער.
— און סאַראַ איז דער טייך?
— אין וואַסער רייך.
נו, זעסטו, וואָס ס׳פאַרמאָגט נישט אַלץ די וועלט, מיין ליבער!
כאָטש ריזיק איז די אוגערקע, גאַנץ קלאָר...
דו האָסט געזאָגט, מיר דאַכט זיך, ווי אַ באַרג, נישט וואָר?
— נו, נישט געננוי אַ באַרג, ווי אַ געביידע נאָר.
— ס׳איז אומגלייבלעך אַ וווּנדער אָט אַזעלכער!
און פאָרט איז וווּנדערלעכער אַלץ די בריק, אויף וועלכער
מיר וועלן גיין באַלד, און קיין ליגנער טאָר
אויף איר נישט גיין — זי קאָן אים נישט פאַרטראָגן;
פון איר אַראָפּגעפאַלן זיינען פרילינג היינטיקס יאָר
(דאָס דאַזיקע וועט קינד און קייט אין שטאָט דיר זאָגן)
צוויי זשורנאַליסטן און אַ שניידער, דיר צו לאַנגע יאָר.
פאַרשטענדלעך, ס׳איז אַ פּלא, אויב עס איז נאָר וואָר,
אָן אוגערקע, וואָס ריזיק ווי אַ הויז איז.
— איך ווייס, דער ווונדער נאָכנישט אַזוי גרויס איז.
געהעריק דאַרף מען זאַכן דאָך פאַרשטיין:
נישט מיין, אַז ריזיק זיינען, ווי ביי אונדז, דאָרט די בנינים;
די הייזער האָבן מ׳שטיינסגעזאָגט אַ פּנים:
אין איינעם גייען קוים אַריין נישט מיין
ווי צוויי נפשות — נישט צו זיצן, נישט צו שטיין!

— אפילו ווען אזוי, איז אויך קיין עוולה נישט צו שטוינען
פון אַט אַזאַ־אַ אוגערקע, נו, זאָג אַליין,
אין וועלכער ס׳קאָנען צוויי נפשות ווױנען.
נאָר אונדזער בריק, דו טו נאָר אַ באַטראַכט,
אויב ס׳האָט אויף אים אַ ליגנער קוים פינף טריט געמאַכט,
אין וואסער קערט ער זיך אַריבער!
הגם ס׳איז וווּנדערלעך דיין אוגערקע פון רוים...
— וואָס טויג די בריק אונדז, — זאָגט דער ליגנער קוים:
אַט לאָמיר ליבערשט אויפזוכן אַ בראָד, מיין ליבער.

אופא, 1942 — דושניקי־זדרוי, 1947

דער האָז אויף דער פאַנג

צונויפגענומען זיך אַ גאַנצע מחנה אויפן בער,
די חיות האָבן אים אינמיטן פעלד געפאַנגען
און אים דערשטיקט; קוים איז ער אויסגעגאַנגען —
זיי נעמען זיך מיט אים צעטיילן; ווער
עס וויל נאָר קלייבט זיך אויס, וואָס אים טוט שמעקן.
און אויך דער האָז צום בערס אָן אויער נעמט אַ לאַפּקע שטרעקן.
—אַך, דו פונוואַנען האָסט דערנומען זיך אַהער,
דו שיקלדיקער? — שרייט מען אָן אויף אים פון אַלע זייטן:
ס'האָט קיינער אויפן פאַנג דיך נישט געזען.
— נו, ברידערלעך! — דאָס העזל ענטפערט: ווער־זשע דען
האָט אים פון וואַלד?... כ'האָב אים געשראָקן, ווי איך קען,
און אויפן פעלד דעם ווייטן
דעם ליבן גאַסט צו אייך געברענגט. —
אַזאַ באַרימעריי, הגם עס איז שוין צופיל אָפן,
האָט מיט זיין לעבערלעבקייט אַלעמען אַזוי געטראָפן,
אַז ס'ווערט אַ שטיקל בערן־אויער אונדזער האָז געשענקט.

כאָטש פון באַרימערס לאַכן קינדער אין די וויגן,
דאָך אָפטער אין אַ חלוקה זיי אַ חלק קריגן.

דער העכט און דער קאַטער

ווען ס'נעמט אַ שוסטער זיך פאַר באַקן פּלאַדן,
אַ בעקער — נייען שטיוול, ברענגט עס שאָדן,
און ס'וועט נישט קומען צו קיין טאָלק די זאַך;
מע האָט באַמערקט, נישט איין מאָל, נאָר אַ סך.
אַז ווער ס'האָט ליב צו כאַפּן זיך צו פרעמדע פאַכן,
איז תמיד איינגעעקשנטער פון אַנדערע, צעדרייט:
ער וועט די זאַך שוין גיכער קאַליע מאַכן
און זיין צופרידן־גרייט
צו שפּאָט פאַר גאָר דער וועלט צו ווערן,
ווי פרעגן ביי געניטע אָרנטלעכע לייט באַשייד,
צי זייער קלוגע עצה הערן.

ס'איז איינגעפאַלן דעם שאַרפציינערדיקן העכט —
זיך נעמען פאַרן קאַצן־פאַך וואָלט זיין נישט שלעכט.
איך ווייס נישט: האָט די טייוול־קנאה אים געפרעסן,
צי האָבן אים די פיש־מאכלים שוין דערעסן?
נאָר פעסט האָט ער אַריינגענומען אין געדאַנק
דעם קאַטער בעטן — גיין מיט אים אין שפּייזקאַמער
איניינעם,
בעת ער לאָזט זיך אויף די מייז אויף פאַנג.
— לאָז, טייערער, צורו מיין פאַך! צי וועסטו דען פאַרשטיין
אים? —
רעדט אָפּ דעם העכט דער קאַטער פונעם גאַנג:
זע, ברודער, זאָלסט זיך נישט בלאַמירן:
דאָס שפּריכוואָרט זאָל דיך פירן —
„די אַרבעט שרעקט זיך פאַרן מייסטער", קאָנסט פאַרלירן...
— עך, לאָז געמאַך, ידיד, אַ וואָזשנע עסק — מייז!
אויך יאָרשן האָבן מיר געפאַנגען. סאַראַ נייס!
— נו, גוט. מיט מזל. קום! — אַוועק. אויף לויער שטיל געזעסן.
דער קאַטער האָט זיך אָנגעטישעט, אָנגעפרעסן זאַט
און גייט צו זיין ידיד געוואָרע ווערן; שאַט —
דער העכט, ער זשיפּעט קוים, דאָס מויל צעעפנט; נאַט —

עס האָבן אים די מייז דעם עק צעפּרעסן.
פאַרשטאַנען — ס׳האַלט שוין מיט זיין פריינט גאָר שלעכט,
דער קאָטער וואַרפט צוריק אין טייך האַלב־טויט דעם העכט.
און רעכט אַזוי! ס׳איז גאָרנישט קיין עבירה!
רב העכט, זאָל דינען דאָס דיר פאַר אַ לערע —
באַגיי נישט מער דעם גרייז
צו יאָגן זיך נאָך מייז.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948.

דער האָן און דאָס פּערל־קערנדל

זיך גראַבלענדיק אין מיסט־הויפן, דערזעט ער
אַ פּערל־קערנדל, דער האָן.
— וואָס קאָן מען מיט אים טאָן?
ס'אַ פּוסטער חפץ! — שפּעט ער:
מע שאַצט אים הויך, — צי איז עס נישט קיין שטות?
און, כלעבן, מיר פאַרשאַפן וואָלט פיל מער גענוס
אַ גערשטן־קערנדל: מיט גלאַנץ זיך נישט באַווייזט עס,
דאָך שפּייזט עס.

די עם־הארצים משפּטן גענוי אַזוי:
וואָס איבער זייער שכל, פּוסט איז עס, ווי שטרוי.

דער פויער און דער באטראק

ווען ס'הענגט אן אומגליק איבער אונדזער קאפּ,
צופרידן זיינען מיר — דעם מענטשן,
וואס שטעלט זיך איין פאר אונדז, צו בענטשן.
נאר ווי דער אומגליק פון די פּלייצעס פאלט אראפּ,
קומט אפט גאר אוים דעם רעטער האבן פון אונדז צרות:
עס יאגן אלע איבער זיך אין לויב פאר אים;
און מיר — אויב עס באשולדיקט אים נישט אונדזער שטים,
איז דאס א נס, וואס וואר איז!

פארנאכט איז פונעם היי־שניט מיט פארקלערטן שפּאן
אהיים אין דארף, פארביי א וואלד, געגאן
מיט זיין באטראק אן אלטער פויער.
ווי פלוצעם אויג אויף אויג מיט זיי — א בער פון לויער.
פון פויערס ברוסט קיין אך איז נישט אפּער,
ווי ס'טוט א וואליע זיך אויף אים דער בער.
ער קנעטט אים, דרייט און ברעכט, טוט בעריש אים א צערטל,
און זוכט, פונוואנען אנצוהייבן אים שוין, בלויז אן ערטל.
דער אלטער זעט פאר זיך דעם טויט.
— סטעפּאנושקע! — פון בער אפער ער בעט זיך בימער:
פארלאז נישט, ליבלעכער, נשמה, אין דער נויט! —
צונויפגעזאמלט גאר די כוחות, אן א ציטער
עס לאזט אראפּ די האק דער נייער הערקולעס
און, אפּגעהאקט דעם בער א האלבן פּרעם —
א שטאך די ווידלע אים אין בויך מיט האנט געניטער.
צערעוועט זיך און פאלט האלב־טויט דער בער;
מיין בער נעמט שטארבן.
דער אומגליק איז פארביי; דער פויער הייבט זיך אויף און —
הער,
ער זידלט דעם באטראק גאר מיט א צונג א הארבן.

בלייבט שטיין מבולבל, נעבעך, מיין סטעפאַן.
— פאַרוואָס, מחילה? — זאָגט ער. — הערסט? פאַרוואָס? באַלוואַן!
אַ וואַסער פרייד האָט דיך באַמאַכט? ער שטעכט! אַ צרה:
אַ תל געמאַכט די פעל די גאָרע!

אן אבאז

ס׳האט אן אבאז, מיט טעפ דורכוים,
אראפלאזן געמוזט זיך פון א בארג א שטיילן;
זיין באלעבאס האט אים געלאזן שטיין און, נישט צו איילן,
גענומען זיך אראפפירן דעם ערשטן וואגן בלויז.
עס נעמט דאס גוטע פערד אים אויפן קרייצביין, האלט אים אוים,
דעם וואגן, נישט דערלאזנדיק אים פאלן.
א פערד א יונגס פונויבן אבער איז א בעלן
דעם עלנטן צו זידלען פאר זיין יעדן טראט:
— איי, פערד פארלויבטס, אט־אט חידושים!
זעט־זעט: ער שלעפט זיך ראקעם, שאנד און שפאט!
אט האט ער זיך נישט שיר פארטשעפעט פאר א שטיין, דער חושים!
אלכסון! קרום! געוואגטער! אט־א נאך א שטוים.
און דא איז נייטיק לינקער זיך א נעם טאן בלויז.
אן אייזל! ס׳וואלט געוועז עס צו דערקלערן,
ווען — בארג־ארויף, צי נאכט־צייט קעגן ליכט פון שטערן,
נאר בארג־אראפ און דאס בייטאג!
מע קאן דאך דאס געדולד פון בלויזן צוקוקן פארלירן!
און יכולסטו נישט, זאלסטו בעסער וואסער פירן!
וועסט זען אט, ווי געבן וועלן מ י ר זיך א צעטראג!
ווארט־ווארט, מיר וועלן נישט קיין אויגנבליק פארלירן,
דאס וועגעלע, שטאט שלעפן עס, עס וועט אליין שפאצירן! —
דעם רוקן איינגעבויגן און די ברוסט געשפאנט,
דאס פערדל מיטן וואגן רירן זיך אין וועג בייגאנד;
דערגרייכט אבער דעם בארג־אראפ, ווי ס׳נעמט עס יאגן,
און שפארן אויפן פערד, און טרייסלען זיך דער וואגן.
ער שטויסט דאס פערדל צריק, ער ווארפט עס אין א זייט;
דאס פערדל האט געטאן זיך גרויסארטיק־פארשייט
א לאז מיט אלע פים די בראווע;

דער וואָגן העפּקעט איבער שטיינער, ריוומשיקעם — העפּ־
העפּ!
אַ שטויסעניש און קלעפּ,
אויף לינקס, אויף לינקס, און מיטן וואָגן — באַך אין אַ קאַ־
נאַווע!
געזעגן זיך שוין, באַלעבאָס ,מיט דיינע טעפּ!

אויך צווישן לייט די שוואַכקייט שפּאָר איז:
דעם צווייטנס טון האָט קיינמאָל נישט ביי אונדז קיין חן,
נאָר נעמסטו פאָר אָן ענין זיך אַליין,
באַקומען זיך נאָך טאָפּעלערע צרות.

אופא, 1943 — ווארשע 1950

די יונגע קראָ

עס האָט אַן אָדלער פונעם הויכן רוים געטאָן אַ פלי
און כאַפּ אַרויס אַ לעמל פון אַ טשערדע פי;
אַ יונגע קראָ האָט פון דער נאָנט דערבליקט עס,
און זי,
די יונגע קראָ, געווען אַנטציקט איז.
זי טראַכט אָבער אַזוי: „אויב נעמען שוין, איז רעכטס און גוטס,
אַזיסט צו וואָס די נעגל איינריכטן אין שמוץ!
משמעות, אַז אויך אָדלערס זיינען דאָ אַן ווערדע,
פאַרמאָגט דען לעמלעך בלויז די טשערדע?
אָט ווען עס וואָלט פאַרגלוסט זיך מיר,
און כ׳טו די פליגל אַ צעפיר,
וואָלט איך אַ מלכותדיקע שטיק אַרויסגעכאַפּט פון איר!"
די קראָ טוט הויך אַ פלי אַהער דאָ
און מיט אַ גיריק אויג באַטראַכט די טשערדע:
פון צווישן שעף, באַראַנעס, לעמלעך לרוב
האָט זי מיט קאָפּ זיך אויסגעקוקט און אויסגעוויילט לסוף
אַן אָנגעזעזענעם באַראַן, און נאָך אַוועלכן! —
דעם סאַמע פעטסטן, תוכיקסטן, אַזעלכן,
וואָס פאַר אַ היפּשן וואָלף וואָלט שפּאָר געווען.
און מיטאַמאָל האָט זי געטאָן מיט קראַפט אַ זעגל
און אין זיין וואָל זיך איינגעטשעפּעט מיט די נעגל,
נאָר נישט פאַר אירע כוחות איז דער רויב — האָט זי דערזען.
און וואָס נאָך ערגערס איז געשען:
ס׳האָט דער באַראַן אַ טולופּל אַזאַ אויף זיך געטראָגן,
אַ צווייטיקס און פאַרקאָלטנטס — ווי זי זאָל זיך עס נישט פּלאָגן,
דערפון די נעגל שלעפּט זי נישט אַרויס,
און ס׳האָט איר העלדנטאַט און איר באַפליגלטע המצאה
פאַרענדיקט זיך דערמיט: זי איז אַליין אין קויש.
עס האָבן זי פון דעם באַראַן אַראָפּגעאַכטעט מיט הנאה

די פֿאַסטעכער און, אַז זי זאָל שוין מער נישט פֿליִען בלינד,
די פֿליגל אָפּגעשניטן איר די שוואַרצלעך־בלאָע,
און זי אַוועקגעשענקט צו שפּילן זיך אַ קינד.

ווי תּמיד, איז דער משל דאָ די מענטשן אויסן:
ווען ס׳מאַכט אַ גנבֿל אַ גרויסן גנבֿ נאָך,
איז דאָס וואָס גלאַטיק גייט עס אָפּ דעם גרויסן,
דעם גנבֿל געשעט פֿאַר דעם אַ בראָך.

אופֿאַ, 1943 — וואַרשע 1950

דער העלפאַנט אַלס שופט

מיט דעם, וואָס איז באַרימט און האָט אַ שטאַרקע האַנט,
נאָר שלאַבעריק איז זיין פאַרשטאַנד,
איז ביטער, כאָטש זיין האַרץ איז גינציק ביזן ראַנד.

דער העלפאַנט ווערט באַשטימט אַלס שופט אינעם ביימער־לאַנד.
הגם די העלפאַנט־ראַסע קלוג איז, דאַכט זיך,
נאָר אַ פאַמיליע אָן אַ קריפּל זעלטן מאַכט זיך:
ס׳איז אונדזער שופט לויט זיין גוף דעם שווערן
פון זיין משפחה אַ געטרייער גליד,
נאָר לויט זיין טעמפּקייט — ניט;
קיין פליג אַפילו טשעפּעט ער נישט גערן.
איז אָט קומט אוים אַמאָל דעם גוטן שופט הערן
אין קאַנצעלאַריע אַ בקשה פון די שעפּסן: — „העלף!
די גאָרע פעל עם שינדן אָפּ פון אונדז די וועלף".
— רשעים! — שרייט דער שופט אוים: אַזאַ רציחה! שאַנדע!
ווער גיט עם אייך רשות צו רויבן, רויבער־באַנדע?! —
נאָר ס׳ענטפערן די וועלף: — במחילה, פאָטער! דו אַליין
האָסט דאָך דערלויבט אויף ווינטער־טולופּלעך צו זאַמלען
אַ לייכטן שטייער פון די שעפּסן — אפשר ניין?
און וואָס זיי קלאָגן, מאַלע דאָרט, וואָס שעפּסן טיפּשים שטאַמלען:
ס׳מאַכט אוים אַ פעלכל פון אַ שעפּסל משטיינסגעזאָגט — איז וואָס?
נאָר זיי צו געבן זשאַלעווען אויך דאָס.
— איז זעט זשע, — זאָגט דער העלפאַנט, שטילנדיק זיין צאָרן:
קיין פאַלשקייטן פאַרטראָג איך נישט פון קיינעם, כ׳זאָג אייך וואָר:
אַ פעלכן פון אַ שאָף, נו, נעמט שוין; נאָר איך וואָרן —
נישט אָנרירן זי מיינער אויף קיין האָר!

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947

דער אײזל און דער סאָלאָװײ

דער אײזל האָט דעם סאָלאָװײ דערזען
און זאָגט אים: — הער נאַר, פרײַנט מײַן ליבער!
מע שמועסט, ביסט א זינגער־מײַסטער, איז דעריבער
װאָלט איך אַ בעלן ערשט געװען
צו הערן זינגען דיך, און זײַן צו משפּטן ביכולת,
צי דײַן געזאַנג באמת אַזױ װױל איז? —
זײַן גאַנצע קונסט באַװײַזן נעמט דער סאָלאָװײ,
הײבט אָן צו קנאַקן, אונטערפײַפן, מיט געדרײ
אױף טױזנט שטײגערלעך פאַרגײט זיך;
אָט װערט ער שװאַך פון צאַרטן װײ —
און, שמאַכטנדיק — אַ פײַפעלע — מיט עפּעס־װאָס צעשײדט זיך,
און אָט װי מיט אַ דריבנעם שרוט אין װאַלד צעשפּרײט זיך.
און ס׳האָרכט אַװראָרעס*) ליבלינג־זינגער אַלץ אַרום,
שאַ־שטיל — די װינטעלעך געװאָרן,
אַנטשװיגן — אױך די פֿײגל־כאָרן,
די טשערדעס הױערן באַרוטע, שטום.
פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, שעפּט דער פּאַסטעך פאַרגעניגן
און שמײכלט זעלטן צו דער פּאַסטעשקע פאַרקלערט
אינמיטן סאָלאָװײטשיקס ניגון.
דער זינגער ענדיקט. מיטן שטערן אָנגעשפּאַרט אין דרערד,
דער אײזל זאָגט: גאַנץ פֿײַן. מע קאָן באמת זאָגן,
ס׳איז דײַן געזאַנג אָן לאַנגװײל צו פאַרטראָגן;
ס׳איז בלױז אַ שאָד, אָט װי איך קוק דיך אָן,
װאָס דו ביסט נישט באַקאַנט מיט אונדזער האָן:
דו װאָלסט געװאָרן חריפותדיק נאָך מערער,
װען ער װאָלט דיר געװען אַ שטיקל לערער. —

*) אַװראָרע — די געטין פון דעם מאָרגן־רױט.

דער סאָלאָוויי, דערהערט אזא מין פסק פון זיין ידיד,
ווהין די פליגל טראָגן אים, ער פליט.

פון אט אזעלכע ריכטער, גאָט, אויך אונדז באהים.

אופא, 1943 — לאָדוש, 1947.

פון דעם דריטן בוך

דער ארענדאר און דער שוסטער

א רייכער ארענדאר געוווינט האט אין פאליייען לאנג,
זיין שפייז — מעדנים, דאס געשמאקסטע — זיין געטראנק;
טאג־טעגלעך פלעגט ער מאכן בעלער און באנקעטן,
דעם גיריקסטן — מיט זיינע אוצרות אנצוזעטן.
מיט זיסקייטן און וויין, מיט וואס דאס מויל נאר רעדט ארויס
איז פול געווען בשפעדיק זיין הויז,
בקיצור, א גן־עדן, דאכט זיך, איז עס בלויז.
און נאר פון איין זאך האט דער ארענדאר געליטן —
דער שלאף האט אים געמיטן.
צי האט ער פחד פארן יום־הדין,
צי סתם, ער ציטערט דאס פארמעגן אנצווערן,
סיידוי, עס וויל דער שלאף פון אים נישט הערן.
און אויב ער כאפט שוין יא א דרימל ווען באגין,
איז אט א צרה פון א נייעם מין:
א זינגענדיקן שכן האט געשענקט אים גאט אין הימל.
אין הייזל קעגן פענצטער זיינעם וווינט אן ארעמאן
א שוסטער, נאר א זינגער און א לוסטיקער אזא,
וואס פון קאיאר און ביזן מיטיק־דרימל,

און פונעם מיטיק ביזן אוונט זינגט ער אן א שיעור,
און לאזט נישט בשום-אופן איינדרימלען דעם גביר.
נו, וואס, ווי גלייכט מען אוים זיך מיטן שכן פרידלעך,
ער זאל זיך אפגעווינען פון צו זינגען לידלעך?
באפעלן שווייגן — האט ער נישט קיין מאכט,
אויף זיין בקשה האט ער נישט געלייגט קיין אכט.
נאר ענדלעך האט ער שיקן נאכן שכן זיך דערטראכט.
מע האט דעם שכן אין פאליי ארייו געבראכט.
— גוט מארגן, פריינט! — מיר בוקן זיך, געערטער,
הכנעהדיק פאר ליבע ווערטער.
— ווי גייען די עסקים, ברודער קלים? (מע ווייסט
ווי דער, וואס איז אונדז נייטיק, הייסט).
— ווי ס'גייען די עסקים, האר? אזוי, נישקשה!
— דערפאר אזא געזאנג אויף דיר, אזא מין פרייד?
ביסט גליקלעך, הייסט עס, ווייסט נישט פון קיין לייד?
— אויף דעם באשעפער קלאגן זיך קאן בלויז א רשע,
און וואס דאס וואונדער? פול מיט ארבעט תמיד איז מיין טיש,
מיין באלעבאסטע גוט איז, יונג און פריש,
און מיט א גוטער פלוניתטע (ווי אלע ווייסן!)
איז עפעם פריילעכער צו לעבן, אט.
— און געלט? — מיט צופיל קאן איך זיך נישט גרייסן,
נאר ס'איז דערפאר אויך ווינציקער קלאפאט.
— איז ווילסטו, פריינט, נישט רייכער ווערן, הייסט עס?
— דאס, זאג איך נישט, פארקערט;
כאטש כ'דאנק דעם אייבערשטן פאר דעם, וואס ער האט מיר באשערט;
נאר דו אליין דאך ווייסט עס —
דער מענטש כל-זמן ער לעבט, אלין מערער וויל ער געלט;
אזא-א איז שוין אונדזער וועלט.
איך מיין, עם זיינען קנאפ אויך דיר די אוצרות דיינע;
ווען איך ווער רייכער, וואלט איך אויך נישט געהאט קיין טענה.
— דו רעדסט, מיין פריינט, ערשט צו דער זאך, געשטעלט:
כאטש ס'קאן נישט אויסמיידן קיין פריקרעקייטן אויף דער רייכער,

און כאַטש מע זאָגט, אַז אָרעמקייט איז נישט קיין חטא,
פונדעסטוועגן, אויב ליידן שוין, איז פון עשירות גלייכער.
אַט האָסט דאָ, אַ זאַק מיט רו״כלעך... מיינסט, איך שפּעט?
איך האָב דיך ליב באַקומען פאַר דיין אמת,
גיב גאָט, זאָלסט ווערן רייך דורך מיר. נו, נעם עס
און גיי. געדענק, דאָס געלט נישט צו פאַרשווענדן, זיי אַ לייט,
באַהאַלט עס אויף אַ שווערער צייט.
פינף הונדערט רובל ליגן דאָ, געציילט מיט מויל און אויגן.
אַ גוטן. — און מיין שוסטער, שנעל אַ פּאַק
דעם זאַק,
אַהיים איז ער... געלאָפן? ניין, געפלויגן
מיט דעם געשאַנק אונטער דער פאָלע. סטאָפּ! —
די היים. און נאָך די זעלבע נאַכט האָט ער באַגראָבן אינעם
קעלער
דעם זאַק צוזאַמען — מיט זיין פרייליכקייט דער העלער!
נישט בלויז עס זינגט זיך נישט, עס שלאָפט זיך שוין נישט מער
(וואָס הייסט נישט קאָנען שלאָפן ווערט געוואָר אויך ער!);
ס'איז אַלץ פאַרדעכטיק, אַלץ רעגט אויף אים ביטער:
קוים טוט אַ קעצל ערגעץ־ווו ביינאַכט אַ קראַץ,
אים דאַכט זיך גלייך — עס שלייכט אַהער אַ גנב — שאַטס!
דער אויער האָרכט זיך איין, און ס'לויפט אים דורך אַ ציטער.
הכלל, עס ווערט אַ לעבן, כאַטש צו וואַרפן זיך אין טייך.
דער שוסטער האָט געפייניקט זיך, געפייניקט זיך, ביז ענד־
לעך
געכאַפּט זיך פאַרן שכל און, פאַרשטענדלעך,
צום אָרענדאַר אַוועקגעלאָפן מיטן זאַק און גלייך
אַזוי געזאָגט: — איך דאַנק דיר פאַרן נחת־רוח פיינעם;
אַט איז דער זאַק, און נעם זיך אים צוריק, אַ סוף,
כ'האָב נישט געוווּסט ביז אים וואָס הייסט אַ שלעכטער שלאָף.
לעב דו זיך מיטן עשרות דיינעם,
און איך, אויב שטעלן מיינע לידער און מיין שלאָף אין קאָן,
וואָס טויג מיר גאָר אפילו אַ מיליאָן!

אופא, 1943 — ווארשע, 1949

דער פויער אין נויט

עס האָט זיך אין אַ פּויערס הויף אום האַרבסט, ביינאַכט,
אַריינגעכאַפּט אַ גנב, נישט פאַר אונדז געדאַכט;
אַריינבאַקומען זיך אין קאַמער, פריי דאָרט צו געניסן,
אַרומגענישטערט די פּאָדלאָגע, סטעליע, אַלע ווענט
און צוגעגנבעט אַן געוויסן, וואָס ער האָט געקענט;
נו, יאָ, אַ גנב האָט דען אַ געוויסן!
אַזוי, אַז אונדזער פּויער, ווײַ צו אים און אוי,
געלייגט זיך ווי אַ גביר, איז אויפגעקומען הויל און גרוי ער,
כאָטש לאָז זיך מיט אַ טאָרבע איבער טיר־און־טויער;
זאָל קיינער, גאָט באַוואָר, נישט אויפשטיין שלעכט אַזוי!
דער פּויער, אין זיין זאָרג און טרויער,
פאַרבעט צו זיך משפּחה, שכנים, פריינט,
ווער נאָר עס איז געטריי אים, ווי אים שיינט:
— צי קאָנט איר מיר נישט העלפן, — זאָגט ער: אין מיין
אומגליק היינט? —

איעדער ברייעט מיט דעם פּויער
און גיט זיין קלוגן ראָט אים שווין.
פריינט קאַרפּיטש זאָגט אים: — עך, מיין קרוין!
אַזאַ־אַ שם צו האָבן אויפן דאָרף מע טאָר זיך נישט פאַרגינען,
ווי דו, אַז ס'איז דיין עשרות אַזוי גרויס. —
פריינט קלימיטש זאָגט: — געדענק עס אויף פאַרויס,
די קאַמער נענטער צו דער שטוב זיך דאַרף געפינען.
— עך ברידער, נישט אין דעם גייט, ניין, —
דער שכן פאָקע זאָגט אַרויס זיין סברה:
ס'איז נישט דאָס ווייטקייט פון דער קאַמער דאָ די צרה,
נאָר אויף אַ הויף איז נייטיק האַלטן הינט מיט שאַרפע ציין;
אָט נעם זיך פון מיין זשוטשקעס הינטעלעך אַוועלכעס:
מע זאָגט נישט אָפּ קיין ליבן שכן אָט אַזעלכעס,
כ'וועל ליבערשט דיר עס שענקען,
אַנשטאָט עס צו דערטרענקען. —
בקיצור: די משפּחה און ידידים — זיינע פלייצעס

באלאַדענען מיט טויזנט נוצלעכע און קלוגע עצות,
מיט וויפל יעדער איז אימשטאַנד,
נאָר העלפן ממש אונדזער אָרעמאַן — נישטאָ קיין האַנט.

אַזוי־אָ איז עס אויף דער וועלט: פאַרקראַכן אין אַ צרה,
און פּרוווסט זיך צושאַרן צו פריינט מיט זיפץ און קרעכץ —
איז עצות טוען זיך אַ שאָט אויף דיר פון לינקס און רעכטס;
נאָר וועגן הילף ממשותדיקער טו זיי קוים אַ טאָרע,
גלייך קוקסטו זיך אַרום —
דיין בעסטער פריינט איז טויב און שטום.

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

דער באַלעבאָס און די חיין

ווען ס'הייבן זיך אָן גנבות אין דיין הויז,
נאָר פאַר דער האַנט דעם גנב האָסטו נישט געטראָפן,
זיי פאָרזיכטיק, דו זאָלסט נישט גלאַט אַזוי אַרויס
מיט חשדים קעגן אַלע, אָדער זיי באַשטראָפן:
דערמיט דעם גנב נעמסטו דאָך נישט איין,
און אויך צום בעסער מאַכן אים עס וועט נישט דינען,
דו צווינגסט די גוטע דינער בלויז פון הויז אַנטרינען,
און פון אַ צרה אין אַ גרעסערער נאָך פאַלסט אַריין.

אַ סוחר האָט זיך אויפגעבויעט מאַגאַזינען
און אַלע שפּייזן־סחורות דאָ געהאַלטן דרינען.
און אַז עס זאָל נישט אָנטאָן שאָדן דאָס געזינדל מייז,
האָט ער אַ קאַצן־פּאָליציי געשטעלט אַרום דער שפּייז.
די מייז פאַרשאַפן שוין דעם סוחר נישט קיין זאָרגן:
עס וואַכן וועכטער אין די סקלאַדעס טאָג ווי נאַכט;
איז ווייל דאָך? כאַפּט ער זיך אַמאָל אין אַ פרימאָרגן,
אַז איינער פון די וועכטער גנבעט, בעת ער וואַכט.
ביי קעץ איז ווי ביי אונז (צי לייקענען עס קען מען?),
נישט תמיד ריין פון זינד איז אויך אַ נאָמן.
נאָר שטאָט דעם גנב אויסצושפּירן שפּאָן נאָך שפּאָן
און אים באַשטראָפן, שווינענדיק דעם אָרנטלעכן מאַן —
צו שמייסן אַלע קעץ באַפעלט דער סוחר דאָן.
דערהערט דעם פּסק דעם אויסטערלישן — אַלע וועכטער,
די אָרנטלעכע, ווי דער אומגערעכטער,
זיך טראָגן אָפּ פון הויף אין שרעק.
דער סוחר בלייבט אָן קעץ — אָן עק.
די מייז, וואָס האָבן בלויז אויף דעם געוואַרט אין זייער האָפן,
ווי נאָר די קעץ אַרויס — זיי אַלע דאָ.
און ס'זיינען נישט קיין וואָכן דריי פאַרלאָפן —
קיין זכר פון דער שפּייז איז שוין נישטאָ.

דער העלפאנט און מאסקע

מע פירט ארום א העלפאנט איבער גאסן,
מסתמא, צו באווייזן אים — עס איז באקאנט,
אז העלפאנטן א פלא איז אין אונדזער לאנד —
באגלייטן פוסטעפאסניקעס אים גאנצע מאסן.
אקעגן זיי וואקסט אויס פון ערגעץ מאסקע אויפן וועג.
דערזעען דעם העלפאנט — גלייך אויף אים זיך ווארפט עס,
עס בילט, עס קוויטשעט, און די ציינדלעך שארפט עס,
עס רייסט זיך ממש צו פארפירן א געשלעג.
— א, שכן, — רעדט צו דעם א שאפהונט: הער זיך אויף בלאמירן;
פאר דיינע כוחות מיט א העלפאנט קריג צו פירן?
אט זע, דו כריפעסט שוין, און ער טראט-איין, טראט-אויס זיך גייט פארויס,
און ס'קריכט אים גאר אין זינען נישט דיין בילן.
— עך, עך! — אים ענטפערט מאסקע שארף: מיין ווילן דערפון טאקע ווערט שטארקער בלויז.
וואס אן געשלעגן און געפארן
צו גאר די גרויסע שלעגער וועל איך זיך דערשפארן.
און זאלן ריידן הינט און זאל זיי ארן:
נו, מאסקע מוז פארמאגן כוח —
עס בילט דאך אויף א העלפאנט אויך.

דער וואלף און דאס וועלפל

א וואָלף געגומען לערנען האָט זיין וועלפל, ווי צו גיין
אויף יאַגד און ווי זיך אויפצופירן;
געשיקט צום וואַלד־ראַנד איינמאָל אים שפּאַצירן,
פֿאַרזאָגט ער אים צו פֿאָרשן און דערגיין,
צי קאָן מען ערגעץ נישט פֿון גליק געניסן
און, נעמענדיק אויף זיך א חטא,
כאָטש אויף א פּאַסטעכס חשבון ווער
זיך לאָזן איינשאַפֿן א ביסן?
דער תלמיד קערט זיך אום צוריק:
— קום שנעלער! — סאַפּעט ער מיט גליק:
עס שטייט פֿאַר אונדז א מיטיק שוין א גרייטער —
ביים באַרג צופֿוסנס שפּרייט זיך פֿאַרן בליק
א טשערדע שאָף, וואָס איינע פֿעטער פֿאַר דער צווייטער;
נעם טראָג אַוועק א וועלעכע־עס־איז,
און גלייך געניס;
א טשערדע נישט צום איבערציילן זי דאָס איז. —
— וואַרט צו נאָר, — זאָגט דער וואָלף: דו דאַרפֿסט מיר קודם זאָגן,
א וואָסער פּאַסטעך אָט די שאָף פֿאַרמאָגן?
— כאָטש א נישקשהדיקער, לויט מע זאָגט,
א זאָרגעוודיקער און פֿאַרשטאַנד פֿאַרמאָגט,
נאָר איך, אַרום דער טשערדע זיך געיאָגט,
האָב אויסגעקוקט די הינט: נו, מאָגערלעך אפֿילו
און, דאַכט זיך, שלעכטע וועכטער, שטילע.
— ניין, ס'לאָקט מיך נישט, — דער אַלטער וואָלף דערקלערט:
צו האָבן מיט דער טשערדע שאָף א משא־ומתן,
ווייל אויב דער פּאַסטעך איז א גוטער, לויט דו האָסט געהערט,
איז האַלט ער נישט קיין שלעכטע הינט, וואָס זאָלן אים פֿאַראַטן.
דאָ קאָן מען אין א צרה גלייך אַריין! דערום

וועל איך דיך פירן צו אַ טשערדע, קום,
ווו זיכערער מיר זיינען מיט די פעלן על־כל־פנים;
הגם די הינט אין יענער טשערדע — גאָר אַ סך,
דער פּאַסטעך זעלבסט אָבער אַ שוטה איז פון פּאַך,
און ווו דער פּאַסטעך איז אַ שוטה — אויך די הינט נאַראָנים.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1947.

די מאַלפּע

מעגסט האָרעווען ווי פיל דו זאָלסט נישט ווען, דאָך
נישט רעד זיך איין, אַז קומען וועט דערנאָך
די דאַנקבאַרקייט, צי גאָר דער רום, צו איילן,
אויב ס׳ברענגט דיין אַרבעט נישט קיין נוץ און קאָן נישט
ווייל׳ן.

אַ פּויער מיט זיין סאָבע האָט פאַרפּריט זיך,
און אויף זיין פעלד פון דעם באַגינען אָן ער מידט זיך;
דער פּויער מיינער מידט זיך אַזוי פלייסיק-הייס,
אַז ס׳קאַפּעט שוין פון אים, ווי באָב, דער שווייס;
אַ פראַסטער אַרבעטס-מענטש — ס׳איז נישט פאַר אים קיין
ביין.
דערפאַר ווער נאָר עס גייט פאַרביי נישט ווייט פונדאַנען,
אַ יעדער טראָגט אים אונטער אַ „גאָטהעלף״, אַ לויב.
אַ מאַלפּע איז אויף דעם אים שטאַרק מקנא.
ס׳איז לויב פאַרפירעריש — ווי בלייבט מען פאַר איר טויב!
„כ׳וועל האָרעווען!״ — איז די מאַלפּע צום באַשלוס געקומען.
געפונען אַ טשורבאַן — פאַר דער עבודה זיך גענומען!
די מאַלפּע איז מיט אַרבעט פול,
עס איז דער קאָפּ איר אַזשע דול:
אָט נעמט זי דעם טשורבאַן און טראָגט אים אומעט,
אַזוי און אָט אַזוי-אַ כאַפּט זי אים אַרומעט,
דאָ שלעפּט זי אים, דאָ קויקלט זי אים קרום און גלייך;
עס רינט נעבעך פון איר דער שווייס — אַ טייך;
זי פרייכט און אָטעמט מיט די לעצטע כוחות! איר וועט
גלויבן?
און הערט נאָך אַלץ נישט, עמעץ זאָל זי לויבן.
עס איז קיין חידוש נישט, מיין ליכט! דו האָרעוועסט פיל, דאָס
יאָ —
קיין נוץ אָבער דערפון איז דאָך נישטאָ.

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947.

דער זאַק

עס האָט זיך אין אַ פּאַדערצימער אויפן דיל
אַרומגעוואַלגערט אין אַווינקל שטיל
אַ זאַק אַ לערער.
נישט זעלטן ווישט ער איינגעריכטע פיס, קומט אָפּ ער האַרט
ביים מינדסטן דינער אין עבודה שווערער.
ווי אומדערוואַרט
דערהייבט זיך אונדזער זאַק צו כבוד, קריגט פּאַרערער,
און, אָנגעשטאָפּט מיט רענדלעך ביזן ראַנד,
ווערט אָפּגעהיט אין אַ געשמידטן קאַסטן דורכאַנאַנד.
דעם ווירט אַליין איז ער אַזוי שוין ווילגעפעלן,
אַז ער פּאַרצערטלט אים אַצינד,
עס זאָל אויף אים קיין בלאָז נישט טאָן קיין ווינט,
ס'זאָל נישט דערוועגן זיך אויף אים קיין פליג צו שטעלן.
און אויסערדעם באַקאַנט געוואָרן איז דער זאַק
דער גאַנצער שטאָט ,מע רעדט פון אים געשמאַק.
באַזוכט דעם באַלעבאָס אַ פריינט — נישט לאַנג צו קלערן
אַ ליבן שמועס וועגן זאַק פאַרפירט ער גערן;
און אויב דער זאַק האַלט אָפן גראָד דאָס מויל
קוקט יעדער דאַן אויף אים געריררט און האַרציק־ווויל;
און טרעפט זיך, עמעץ זעצט זיך צו צו אים דערלעבן,
איז וועט ער זיכער אים אַ שאָקל טאָן, אַ גלעט אים געבן.
דערזען, עס טיילן כבוד צו אים קליין און גרויס,
גענומען האָט דער זאַק מיט אַלץ זיך מישן,
געוואָרן קלוג ביי זיך, פּאַריסן;
דער זאַק האָט נאַריש זיך צערעדט, אַז ס'לאָזט זיך אויס;
ער חקירהט וועגן אַלץ און זאָגט זיין סברא:
דאָס־אַ איז נישט ווי ס'קער צו זיין,
דער־אַ אַ שוטה איז גאָר פיין,
און יענץ — דערפירן וועט עס צון אַ צרה.
אים הערן אַלע מיט אַ ברייט־צעעפנט מויל,
הגם ער שיט מיט ווילדקייטן אַ גרויל,

אז אין די אויערן אזש נעמט עס רוישן.
צום אומגליק אָבער ליידן מענטשן אויפן חטא,
אז וואָס אַ זאַך מיט רענדלעך זאָל נישט האָבן דאָרט גערעדט,
זיין שטות אויף חכמה צו פאַרטוישן.
צי לאַנג אָבער געניסט דער זאַך דעם כבוד און די לויב?
און לאַנג אים אַלע צערטלען, ליבן? —
ביז וואַנען ס'איז אין אים דאָס לעצטע רענדל נישט פאַרבליבן;
דערנאָך — אַרויסגעוואָרפן, און פון אים אַ זכר — שטויב.

ס'איז אונדזער משל קיינעם צו באַליידיקן נישט אויסן;
נאָר וויפל זיינען עס פאַראַן אַזעלכע זעק
צעווישן אַרענדאַטאָרעס (אַ שרעק!),
וואָס זיינען פריער שיק־יינגלעך געווען, שלימוזין;
צי צווישן קאָרטנשפּילער־שלעק,
וואָס אַ מזומן רובל זייער חלום אויף דער וואָר איז,
און זיינען לעצטנס רייכע לייט געוואָרן קוים מיט צרות;
מיט וועלעכע עס זיינען גראַפן, פירשטן היינט
די בעסטע פריינט;
וואָס מיט אַ מאַכטהאָבער, ביי וועלעכן זיי פלעגן
אין פאָדערצימער זיך אַ ריר טאָן נישט דערוועגן,
זיי שפּילן היינט גאָר פשוט אַ באָסטאָן?
ס'אַ וואָזשנע ענין — אַ מילאָן!
דאָך צופיל זאָלט איר, ליבע, נישט שטאָלצירן!
צי דאַרף איך געבן אייך דעם אמת שטילערהייט פאַרשטיין?
ס'זאָל גאָר די שעה נישט זיין, קוים וועט די צייט אייך
רואינירן —
ווי מיטן זאַק, נישט אַנדערש, וועט מען זיך מיט אייך באַגיין.

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1947.

דער קאַטער און דער קוכער

אַ קוכער אַ יודע־ספר לאָזט אַנומלט שטיין
זיין קיך און איילט אין שענק אַריין צו גיין
(ער איז אַ פרומער, אַ ירא־שמים,
און דאַרף צום יאָרצייט פון אַ פריינטל מאַכן אַ לחיים),
און אָפּצוהיטן ס׳עסנוואַרג פאַר עכבר־ציין
ער לאָזט אין שטוב דעם קאָטער „חי־וקים״.
נאָר קומענדיק צוריק, וואָס זעט ער? אויפן דיל —
שיריים פון אַ קוכן, און דער קאָטער מיט געפּיל
מורליקעט, וואַרטשעט, צוגעשפּאַרט צום עסיק־טינדל,
און איז זיך פיין מתעסק מיט אַ הינדל.
— דו זולל דו! באַנדיט! ווי פרעסט מען דאָס אַזוי פאַרשייט?—
דער קוכער זידלט „חי־וקימען״ און בריעט:
ווי שעמסטו זיך נישט פאַר די ווענט, שוין אָפּגערעדט פאַר לייט?
(און „חי־וקים״ טוט זיך זיינס דערווייל און קייעט),
ווען ביסט געווען אַן אָרנטלעכער קאָטער און קוראַנט, —
דער מוסטער פון עניוות ביסט געווען פאַר יעדן איינעם, —
און דו... ווי גרויס, ווי האַרב די שאַנד!
עס וועלן זאָגן איצטער אַלע שכנים:
— ער איז אַ רויבער! „חי־וקים״ איז אַ בראַנד!
נישט בלויז פון קיך — נאָך שטרענגער —
מען דאַרף אים יאָגן פונעם הויף אַפילו דורכאַנאַנד,
ווי פון אַ שעפּסן־שטאַל אַ זשעדנע וואָלף, מיט דרענגער.
די מכה פון דעם מקום איז ער, ער איז — פעסט! —
(און „חי־וקים״ הערט, און פרעסט).
און מיין אָראַטאָר, פרייגעלאָזט דעם ווערטער־מבול,
אויף מוסר־ריידעס אָן אַ סוף איז ער קאַפּאַבל.
נאָר וואָס? בשעת ער זינגט אים אָט־אַזוי די שטראָף,
דערעסט שוין „חי־וקים״ דאָס געבראָטנס ביזן סוף.

און איך געראָטן וואָלט אַ קוכער־יונג אַ צווייטן,
ער זאָל עס זיך פֿאַרשרייבן אויף דער וואַנט:
אומזיסט מיט ריידעס זיך נישט דאָרט צעשפּרייטן,
ווו נייטיק איז אַ שטאַרקע האַנט.

דער לייב און דער קאָמאַר

פון אומבאַהאָלפענע זאָלסטו נישט שפּעטן,
דערוועג זיך נישט באַליידיקן דעם שוואַכן, הער!
אַ שוואַכער שונא איז זיך נוקם טיילמאָל שווער:
איז צופיל גיי נישט אויף דיין כוח אין געוועטן.
הער אויס אַ משל, וויאַזוי דעם לייב דער קאָמאַר האָט
גאָר שטאַרק באַשטראָפט פאַר גאווהדיקן שפּאָט.
כ׳האָב אָט־וואָס וועגן דעם געהערט פון לייטן:
דעם קאָמאַר ווייזט דער לייב אַרויס פאַראַכטונג, ווערט
דער קאָמאַר בייז; פון דער באַליידיקונג עמפּערט,
ער טוט א לאָז זיך אויפן לייב מיט אים צו שטרייטן.
אַליין דער קריגער און טרומייטער, פּישטשעט ער אַ גוואַלד
און רופט דעם לייב אויף לעבן און אויף טויט צו קעמפן באַלד.
דער לייב נעמט שמייכלען, נאָר דער קאָמאַר טרייבט נישט קיין לצנות,
טרומייטערט הינטן, פאָרנט, אין די אויערן — סכנות!
און אויסגעקוקט אַן אָרט, און אויפגעפּאַסט די צייט — דער שנעק,
אַט ווי אַן אָדלער, טוט א לאָז זיך אויפן לייב מיט צאָרן
און זייגט זיך אין זיין קרייצביין איין מיט גאָר זיין דאָרן.
אין שווידער שמייסט דער לייב אים, דעם טרומייטער, מיטן עק.
איז אונדזער קאָמאַר פלינק און נישט קיין שרעקעוודיקער מייסטער!
ער שטעלט דעם לייב זיך אויפן שטערן, ס׳בלוט זיינס נאָגט,
עס טרייבט דער לייב אים מיטן קאָפּ, און מיט דער גריווע שלאָגט,
נאָר אונדזער העלד אים נאָכאַנאַנד אַלץ פּלאָגט:
פאַרקריכט דעם לייב אין נאָז, און באַלד זיין אויער בייסט ער.
דער לייב ווערט דול
און לאָזט אַרויס א בריל מיט אימה פול,
ער קריצט פון ווילדקייט מיט די ציינער,
און מיט די נעגל רייסט ער ערד און שטיינער.

ס׳מאַכט ציטערן זיין גרויליק ברילן גאָר דעם וואלד.
אין פּחדים לויפן חיות, יעדע זיך באַהאַלט.
עס שטעלן אַלע פּיס, דער גלייכער ווי דער לאָמער,
ווי ס׳וואָלט א שריפה, צי אַ מבול טראָגן זיך אַהער!
און ווער
צערודערט האָט עס אַלעמען אַזוי? דער קאָמאַר!
דער לייב — געריסן זיך, געשליידערט און מיט שוואַכער ברוסט
אַ זעץ געטאָן אין דרערד, און שלום בעטן האָט געמוזט.
דעם קאָמאַרס צאָרן שטילט זיך; שלום שענקט דעם לייב דער קאָמאַר:
נאָר פּלוצעם ווערט אַבילעם האַמער,*)
און ער אַליין דאָ באַלד
טרומייטערט אוים זיין זיג אין גאַנצן וואלד.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948

*) אַבילעס — אין אַלט־גריכישער העלדן האַמער — אין אַלט־גריכישער דיכטער.

דער פויער און דער פוקס

— דערקלער מיר, פריינט, וואָס איז עס פאַר א ליידנשאַפט ביי דיר
רק הינער גנבענען אָן שיעור? —
באַגעגנענדיק אַ פוקס, געפרעגט האָט אים אַ פויער:
באמת, איך באַדויער דיך, באַדויער!
מיר זיינען דאָ דאָך זאַלבעצווייט, איז הער מיך אוים,
כ'וועל זאָגן דיר די גאַנצע וואָר: ווען ס'קומט אַרויס
אַ האָר כאָטש גוטס פון פאַך דיינעם, וואָלט זיין עס נאָך פאַרשטענדלעך.
שוין אָפּגערעדט, וואָס גנבה איז אַ חטא און שענדלעך,
און ס'זידלט דיך די גאַנצע וועלט, —
האָט נאָך אַ טאָג אַזא זיך נישט געפעלט,
וואָס האָט נישט אין סכנה דיך געשטעלט
די פעל אין הינער-שטאַל צו לאָזן פאַר א ליאַדע ביסן!
נו, זיינען ווערט דאָס אַלע הינער, לאָמיך וויסן?
— אַז וועמען גייט עס אַזא לעבן איין? —
דער פוקס אים ענטפערט אָפּ באַשיידן:
ס'פאַרשאַפט מיר אַלץ אין דעם אַזויפיל ליידן,
אַז ס'קאָן דאָס לעבן מיר באַטעמט נישט זיין.
ווען דו וואָלסט וויסן, ווי אין הארצן בין איך ערלעך, פיין!
וואָס קאָן מען אָבער העלפן? נויט און קינדער — וויינער;
דערצו נאָך, סערדצע, הער,
קומט אויף אמאָל א קלער,
צי לעבט דען אויף דער וועלט פון גנבה איך אַליין נאָר?
כאָטש ווי אַ מעסער-שאַרף אין האַרץ איז מיר דאָס פאַך.
— נו, אויב אַזוי גאָר, —זאָגט דער פויער: שטייט די זאַך
און זאָגסט נישט קיין ליגונים צו דיין שבת,
וועל איך דיך ראַטעווען פון זינדיקן געפערלעך
און ברויט פאַרשאַפן דיר גאַנץ ערלעך;
ג'מיין הינער-שטאַל אַלס שומר קעגן פוקסן דינג זיך אָן:
ווער בעסער פון אַ פוקס זיך אויף די פוקסן-שטיקלעך קאָן?

דערפאַר וועסטו נישט זיין מיט נויטן מער באַלאַדן,
און וועסט אין כל־דאָס־גוטס ביי מיר זיך באָדן. —
דאָס עסק איז געשלאָסן; און קיין שהיות נישט געמאַכט,
שטעלט גלייך דער פוקס זיך אויף דער וואַכט.
דער פוקס געניסט ביים פויער פון אַ לעבן אַ בארוטן;
דער פויער איז אַן עושר, ס׳האָט דער פוקס פון אַלדעם גוטן;
עס עסט אַצינד דער פוקס צו זעט,
עס איז דער פוקס געוואָרן פעט,
נאָר ערלעכער איז נישט געוואָרן אונדזער דינער:
דאָס כשר עסן קריכט אינגיכן אים צוריק פון מויל;
און ער דערמיט פאַרענדיקט האָט זיין דינסט, נישט מער,
נישט מינער,
וואָס, אויסגעקליבן זיך אַ פינצטער נעכטעלע ווי קויל,
ביי זיין ידיד האָט ער דערדושעט אַלע הינער.

ווער ס׳האָט געווויסן און געזעצלעכקייט־געפיל,
דער וועט נישט גנבענען און נישט גענאַרן,
ווי זיינע נויטן זאָלן גרויס נישט זיין און פיל;
דעם גנב — גיב אים אַ מילאָן, דערגרייכסטו נישט דעם ציל,
די וועסט זיך אויף זיין אָרנטלעכקייט נישט דעראַרן.

אופא, 1942 — לאָדזש 1947

גענדז

עס האָט אַ פּויער מיט אַ לאַנגער לאָזע צום פֿאַרקויפֿן
אַ הערטל גענדז אין שטאָט אַריין געפֿירט
און, וואָס אָן אמת, ער האָט זיי טראַקטירט —

מע קאָן נישט זאָגן העפלעך בשום-אופן:
ער האָט נאָך פּדיון אויפן יאַרמאַרק זיך געיאָגט
(און ווען עס גייט אין א פּאַרדינסטל פון א גראָשן,
איז נישט בלויז גענדז, נאָר מענטשן ווערן אויך געדראָשן).
אַז ס'איז דער פּויער שולדיק וואָלט איך נישט געזאָגט.
נאָר זיי, די גענדז, גאָר אַנדערש טראַכטן,
און פאַר פאַרבייגייער זיי שרייען אויס
און זידלען אויף אַ קול אָן אויפגעבראַכטן
דעם פּויער: — ווי ס'איז אונדזער אומגליק גרויס!
דער פּויער — דורכאַנאַנד אונדז פּלאָגט ער,
ווי כלומרשט פּראָסטע גענדז אונדז יאָגט ער;
און דאָס באַרעכנט נישט דער חם,
אַז כבוד איז מחויב ער אונדז אָפּצוגיבן,
אַז אונדזער יחוס ציען מיר פון יענעם גענדזן-שטאַם,
וואָס אים צו דאַנקען רוים אַמאָל איז גאַנץ געבליבן:
מע פּראַוועט דאָרט אַפילו פייער-טעג לכבוד זיי!
— און זיי צוליב ווילט אויסגעצייכנט ווערן   א י ר, ווי איך פאַרשטיי? —

זיי פרעגט אַ דורכגייער.
— די אבות אונדזערע...
— דאָס וואָר איז,
איך וויים, געלייענט אַלץ, נאָר, מאַכט מיר קלאָר עס,
אַוואָסער נוץ האָט א י ר געבראַכט? כ'פאַרשטיי עס קוים.
— אַדאַנק די אבות אונדזערע געבליבן גאַנץ איז רוים.
— נו, יאָ. נאָר איר אַליין וואָס האָט איר אויפגעטאָן געראָטנס?
— מיר זעלבסט? גאָר... גאָרנישט.
— וואָס זשע האָט איר פאַר אַ ווערט?
די אבות — לאָזט זיי רוען אין דער וועלט פון שאָטנס,
דער כבוד זיי טאַקע געהערט;
און איר, ידידים, טויגט בלויז אויף געבראָטנס.

מע וואָלט געקאָנט דעם משל אויפקלערן נאָך מער —
נאָר אויפרייצן די גענדז? ווער טוט אַזעלכעס, ווער?

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

דער חזיר

א חזיר גיט זיך איין צום פריץ אויפן הויף פארקריכן;
ארומגעשלעפט זיך דארט צעווישן פערד־שטאלן און קיכן,
זיך אויסגעוואלגערט ווו א מיסט און א געגאי איז
און ביז די אויערן זיך אויסגעבאדן אין פאמאיעס, —
ער קערט זיך פון צו־געסט אהיים צוריק
א חזירלע מיטן גאנצן שיק.
— נו, וואס, חמולע, האסטו אנגעקוקט דארט מיט די אויגן? —
דער פאסטעך פרעגט אים אין א פרייער צייט:
עס טראגט זיך דאך א קלאנג גאנץ ווייט,
אז פאטשערקעס און פערל בלויז איז ביי די רייבע לייט;
אין הויז דארט — אלץ מיט גאלד־שימער באצויגן? —
חמולע כריוקעט: — הוילע פלוידעריי.
דאס עשרות דארט איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן:
געגאי און מיסט בלויז ווו מע גייט פארביי;
און אויף מיין שנויץ פאריבל קאן מען, דאכט זיך מיר, נישט
האבן —
דעם גאנצן הינטער־הויף צעגראבן,
זיך נישט געשאנעוועט, געדינט געטריי.

מיט קיין פארגלייך איך וויל נישט אנרירן, חלילה, קיינעם,
נאר יענעם קריטיקער, וואס זיין טאלענט איז גרויס
צו זען אין אלץ, וואס ער באהאנדלט, די חסרונות בלויז —
ווי רופט מען נישט חמולע אן אזא מין איינעם?!

אופא, 1943 — דושניקי־זדרוי, 1947

די פליג און די פאסאזשירן

אום חודש יול, ביי טאג, אין סאמע ברען פון דרויסן,
האט בארג-ארויף, אין שיטעווודיקע זאמדן, זיך געשטויסן
א בויד-קארעטע, צון א פירלינג פערד געשפאנט,
מיט א פאמיליע אדל-לייט און פעקלעך ביזן ראנד,
און קוים פון ארט באוועגט זיך.
עס מאטערן די פערד זיך, און דער קוטשער עקט זיך,
כאטש נעם בלייב שטיין. דער תלין פון די פערד,
דער קוטשער, פון די קאזלעס קריכט אראפ, און מערער
טיראניזירט זיין בייטש און דעם לאקיים, נאר ס'ווערט
דערפון נישט לייכטער; קריכן פון דער בויד אפער
דער פריץ און די פריצע, זייער דינסט, דער זון און לערער.
נאר ס'איז אזוי די בויד געווען באלאדן שווער,
אז כאטש עס האבן זי די פערד גערירט פון ארט, געצויגן,
דאך בארג-ארויף, אין זאמד, זי האט זיך קוים באוויגן.
דערזעט עס גראד א פליג: ווי העלפט מען נישט אין נויט
ארויס?
זי נעמט זיך: זשווזשעט מיטן גארן פליגענעם געברויז;
זי טומלט ארום וואגן טיכטיק;
דא זינגט זי אויף דער נאז פון הויפט-פערד זים,
דא טוט זי גאר אין שטערן פון דעם צושפאן-פערד א ביס,
און דא, אנשטאט דעם קוטשער, אויף די קאזלעס זעצט זיך
וויכטיק,
צי, מיט די פערד זיך שוין צעשיידט,
ארום די מענטשן דרייט זיך, דרייט;
עס איז קיין הענדלער אויפן יארמארק נישט פארשמייעט
מיינער
פון איר, זי קלאגט זיך בלויז
און מיט תרעומות גרויס,
וואס העלפן וויל נישט בשום-אופן קיינער.
די דינער גאגערן און שלעפן נאך זיך טריט ביי טריט;
עס שושקעט זיך דער לערער מיט דער פריצע שטיל-באהיט;

דער פּריץ זעלבסט, פֿאַרגעסן, ווי ער דאַרף דאָ נייטיק בלייבן,
איז מיט דער דינסט אין וואַלד געגאַנגען שוואָמען קלייבן;
און זי, די פֿליג, זי זשוזשעט יעדן — זי, בלויז, זי
זיך זאָרגט פֿאַר אַלץ פֿאַר אַט־אָ־די.
אינצווישן האָבן זיך די פֿערד פּאַמעלעכן דערשלאָגן,
דערשלעפּט זיך און זיך אויף אַ גלייכן וועג אַרויפֿגעקראָגן.
— נו, איצטער, גאָט צו דאַנקען! — האָט די פֿליג גענומען יאָגן
זעצט אויף זיך, פֿאָרט לשלום, ליבע לייט;
און מיר לאָזט אָפּרוען — שוין צייט,
די פֿליגל קוים דעם אַוויר גלעטן.

פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן אויף דער וועלט אַ סך,
וואָס האָבן ליב אַריינצומישן זיך אין יעדער זאַך,
און באַלעבאַטעווען, ווו קיינער האָט זיי נישט געבעטן.

אופֿאַ, 1943 — וואַרשע, 1949

דער אָדלער און דער שפּין

אַן אָדלער איז געפלויגן איבער וואָלקנס, זון־באַהעלט,
און איבער די קאַווקאַזער בערג געוויגט זיך;
ער האָט זיך אויף אַ צעדער, אַ בן־מאה שוין, געשטעלט
און מיט די שטחים אונטער זיך אַנטציקט זיך.
עס דאַכט זיך, ס'נעמט אַרום זיין בליק דער ערדס געשטאַלט:
דאָרט פליסן טייכן איבער סטעפּעס, זון־באַשטראַלט;
דאָ שפּרייטן לאַנקעס זיך און וואַלד
אין בלי און פרילינג־פּראַכט פון אַלע זייטן;
דער בייזער ים דער קאַספּישער זיך שוואַרצט פונווייטן
אַן דאָרטן, ווי אַ פליגל פון אַ קראָ, און דאַן:
— אַ לויב דיר, צעאוס, וועלט־רעגירער, פאַר מיין שוווּנג אין הייכן!
דו האָסט באַשטימט, כ'זאָל אומעטום דערגרייכן,
קיין אומדערגרייכטע הייך פאַר מיר איז נישט פאַראַן, —
הייבט אויף דער אָדלער צו יופּיטערן די אויגן:
און איך באַטראַכט די שיינקייט פון דער וועלט פונדאַן,
וווהין ס'איז קיינער נישט דערפלויגן.
— ווי דו באַרימסט זיך עם אַן שיר! —
אַ שפּין אים ענטפערט פון אַ צווייג געבויגן:
צי זיץ איך דאָ דען, חבר, נידריקער פון דיר? —
דער אָדלער קוקט: באמת, זע, אַ שפּין
באַוועגט זיך אויף אַ צווייגל איבער אים,
פאַרוועבנדיק אַ נעץ, ווי ער וואָלט וועלן
דעם אָדלער, אים, די זון פאַרשטעלן.
— ווי קומסטו אינדערהייך דאָ הי? —
דער אָדלער פרעגט: אפילו די,
וואָס גאַר אַ דרייסטן שוווּנג פאַרמאָגן
דערוועגן זיך אהער נישט אַלע צו דערשלאָגן;
און דו — אַן פליגל, שוואַך, קומסט קריכנדיק אהער צו גיין?
— דאָס וואָלט איך נישט דערוועגט זיך.
— איז ווי זשע ביסטו פאָרט דאָ, פרעגט זיך?

— איך האָב ביי דיר אין עק פאַרשטעקט זיך,
און פון דער נידער מיך געבראַכט האָסטו אַליין,
נאָר איצטער קאָן איך זיך שוין זעלבסט אָן עצה טאָן, מיין
ליבער,
און קענען מיר זיך גרויסן האָסטו נישט מיט וואָס דעריבער;
און ווייס, אַז איך. . . — דאַ טוט אַ שטורעמווינט אַ בלאָז,
און ס'ליגט דער שפּין שוין סאַמע אונטן אויפן גראָז.

מיר דאַכט זיך (און ווי דאַכט זיך אייך?) געגליכן
נישט זעלטן זיינען צו אַזעלכע שפּינען די,
וואָס אָן פאַרשטאַנד און אויך צומאָל אָן מי
אויף עקן פון מאַגנאַטן צו דער הייך דערקריכן;
און זיי פאַרייסן הויך די נאָז,
ווי גאָט וואָלט אַדלערישע כוחות זיי געגעבן,
הגם עס קלעקט אַ ווינט זאָל טאָן אַ בלאָז
און זיי פאַרטראָגן מיט די שפּינגעוועבן.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1947

א הונט

געווען א הונט א שאַדנווינקל ביי א פּריץ איינעם,
און ס׳האָט אים דאָרטן גאָרנישט נישט געפעלט;
א צווייטער וואָלט געווען צופרידן מיט דער וועלט,
ווען ס׳וואָלט אזוי אין לעבן גיין אים,
און גנבֿענען וואָלט נישט אָרויף גאָר אויף זיין זין!
נאָר ער געווען איז פון בעל-תאווהדיקן מין:
דערשנאַפּט נאָר פלייש א ביסן,
איז גלייך אַוועקגעריסן.
דער באַלעבאָס האָט זיך מיט אים געראַנגלט, נאָר
זיך נישט געקאָנט צו גאָרנישט נישט דערשלאָגן,
ביז ס׳האָט א פריינט געפּרווט אים זאָגן
אַן עצה קליפּ און קלאָר:
— הגם ביסט, — זאָגט ער: שטרענג ביז גאָר,
דאָך לערנסטו דעם כלב גנבֿענען, מיין ליבער,
דערמיט, וואָס תמיד — ס׳איז דאָך וואָר,
דעם גנבֿה-ביסן לאָזטו ביי אים איבער.
להבא מעג דיין שטעקן אים נישט טרעפן אזוי שווער,
— נאָר ריים דעם גנבֿה-ביסן פון זיין פּיסק אַפּער!
ווי נאָר דער הונט הייבט אָן אויף זיך צו שפּירן
דעם פּועל-יוצא פון דער קלוגער עצה דער —
גלייך הייבט ער אָן זיך לייטיש אויפצופירן.

אופּאַ, 1943 — לאָדזש, 1947

דער אדלער און דער קראָט

פון קיינעמס עצה לאָך נישט אָפּ.
נאָר קודם הער זי אוים מיט קאָפּ.

אין אורוואלד איז געקומען פון פארלעגענע מקומות
אַן אַדלער מיט אַן אַדלערין. און אַ געדאַנק
קומט אויף ביי זיי, צו בלייבן דאָ אויף יאָרן לאַנג.
זיי ווילן אוים אַ הויכן דעמב — ווי צווייגהאַפטיק דער בוים איז! —
און נעמען בויען אויף זיין שפּיץ אַ נעסט,
און האָפן אויסצובריען דאָ אויף זומער קינדער.
האָט וועגן דעם דערהערט דער קראָט דער בלינדער,
און מאַכט זיך האַרץ מודיע זיין די ליבע געסט,
אַז פאַר קיין וווינונג פּאַסט זיך נישט דער דעמב דער גיבור,
ווייל פוילעניש די וואָרצלען זיינע שוין צעפרעסט,
און אפשר וועט ער איינפאַלן אינגיכן, און דעריבער:
— דערוועגט זיך נישט אויף אים צו בויען אייער נעסט! —
נאָר הערן עצות פון אַ נאָרקע — שטייט אַן אַדלער אַן עס?
און פון אַ קראָט דערצו! און וואָס איז מיטן שבח,
אַז אַדלערישער בליק איז וואַך,
און שאַרף איז מיט סכנות?
און ווי דערוועגט אַ קראָט זיך מישן אין אַ זאַך,
וואָס איז דעם פייגל-קיניגס ענין!
איז נישט קיין סך גערעדט מיט אים, דעם קראָט,
פאַראַכטנדיק זיין ראָט,
זיך נעמט דער קיניג פאַר דער אַרבעט, און אינגיכן האָט
ער פאַר דער קיניגן שוין גרייט דעם נייעם בנין.
ס׳גייט אַלץ כשורה: ס׳האָט די קיניגין שוין קינדער.
נאָר וואָס? אַנומלטן פאַרטאָג,
ווען ס׳טוט דער אַדלער פונעם הימל זיך פון פאַנג אַ טראָג,
און מיט אַ רייכן פרישטיק איילט אהיים געשווינד ער,
דערזעט ער! אַז געפאַלן איז דער דעמב, און זיינע קינדער

און אויך די קיניגין דערשטיקטע ליגן אונטער אים — א קלאַנג!

פֿאַר צרות איז די וועלט אים פֿינצטער פֿאַר די אויגן.
— אומגליקלעכער דו — טוט דער אָדלער אַ געשריי:
דער גורל האָט באַשטראָפֿט מיך פֿאַר מיין גאווה, וויי!
ווייל כ'האָב מיין אויער צון אַ קלוגן ראָט נישט צוגעבויגן.
נאָר האָב איך דען געזאָלט גאָר טאָן אַ קלער,
אַז פֿון אַ נ י ש ט, אַ קראָט אַ קלוגן ראָט איך הער?
— וואָלסטו מיר נישט געווען אַזוי פֿאַראַכטן, —
דער קראָט אים זאָגט פֿון נאָרקע: וואָלסטו זיך באַדאַכטן,
אַז אונטער דרערד די נאָרעס מיינע גראָב איך אויס,
און מיט די וואָרצלען טרעפֿן זיך כסדר קומט מיר אויס,
און אויפֿן בוימס געזונט איז מיין מבינות דערפֿאַר גרויס.

אופֿא, 1943 — לאָדזש, 1947.

פון דעם פערטן בוך

דער קוואַרטעט

די מאַלפּע, איבערשפּעטער,
דאָס אייזל, שכל-קנאַפּ,
דער בערדלדיקער צאַפּ
און בערל לאַפּע-טרעטער
אַנומלט אַ קוואַרטעט צו שפּילן האָבן זיך באַשטעלט.
געקריגן פידלען צוויי, אַ באַס, אַן אַלט*) און נאָטן
און אונטער לינדנביימלעך זיך געזעצט אין שאָטן
באַצויבערן מיט זייער קונסט די וועלט.
מע טראַסקעט מיט די סמיטשקעס און מע רייסט — אַ טאָלק
בלויז פעלט.

*) אַזאַ מין פידל.

— בלייבט שטיין! — צעשרייט די מאַלפּע זיך אויף העכסטער סטרונע:
ווי קאָן אַ רייד זיין פון מוזיק? איר זיצט דאָך גאָר משונה.
דעם אַלט אַנטקעגן זעץ זיך, בערל, מיטן באַס,
און איך, דער פּרימאַ,**) וועל זיך זעצן קעגן צווייטן, —***)
וועט דאַן אַוועק אַ מוזיקע שוין גאַרנישט אויף קיין שפּאַס,
און וואַלד און בארג מיט טענץ וועלן באַגלייטן. —
זיך אויסגעזעצט און אָנגעהויבן דעם קוואַרטעט;
נאָר צו דער זאַך די מוזיקע נאָך אַלץ נישט רעדט.
— וואַרט צו! — דאַס אייזל שרייט: איך האָב געפונען דעם סעקרעט —
עס וועט די זאַך באַקומען אויפגעווים אַ צורה,
ווען זעצן וועלן מיר זיך אין איין שורה. —
מע פאָלגט, מע זעצט זיך אין א שורה לייטיש אוים,
נאָר ס'קומט אויך איצט נישט לייטיש דער קוואַרטעט ארוים.
און שטאַרקער נאָך מע לאָזט אין חקירות זיך אריינעט,
מע שפּאַרט זיך און מע טענהט,
אויף וועלכן אופן, ווו דאַרף זיצן וועֶר.
אויף זייער טומל פליט גראָד אָן דער סאָלאָוויי אהער.
צו אים — אַ לאָז זיך אַלע, ער דעם ענין זאָל אנטשיידן.
— נעם אָן זיך מיט געדולד, — מיט א געבעט זיי ריידן:
און שטעל אונדזער קוואַרטעט געהעריק אוים;
מיר האָבן נאָטן, אינסטרומענטן, אַלץ איז גוט דורכוים,
זאָג בלויז אונדז, ווי מע זעצט זיך אוים.
— א מוזיקער מוז האָבן קענטשאַפט און, אויב זיין באַשיידן,
אויך אויערן פון אייערע אביסל איידלער-צאַרט, —
דער סאָלאָוויי זיי ענטפערט האַרט:
און איר, אַזוי צי אנדערש זעצט זיך, ליבע, קלאָר איז —
איר טויגט אַלס מוזיקאַנטן אויף כפּרות.

אופּאַ, 1942 — לאָדזש, 1947.

**) דער ערשטער פּידל אין אָרקעסטער.

***) דער צווייטער פּידל אין אָרקעסטער.

די בלעטער און די חארצלען

עס האָבן בלעטער אין א שיינעם זומערטאָג אמאָל,
באַשאָטנדיק דעם טאָל,
צעשעפּטשעט אויפן בוים זיך מיט די ווינטלעך,
נערימט זיך מיט געדיכטעניש און גרינעם ציר
און וועגן זיך מיט זיי אַזוי געשמועסט גרינטלעך:
— די פּראכט פון גאַנצן טאָל, נישט וואָר, דאָס זיינען מיר?
נישט אונדז צוליב איז פּרעכטיק און געקרויזט דער בוים פונויבן,
און יוסט-צעשפּרייט, און שטאָלץ-דערהויבן?
ווי וואָלט ער אויסגעזען אָן אונדז? מיר מעגן זעלבסט זיך לויבן,
ס'איז, כלעבן, נישט פון אונדזער זייט קיין חטא!
אין ברענענדיקער היץ, חוץ אונדז, אין שאָטן ווער פאַרבעט
דעם פּאַסטעך און דעם וואַנדערער זיך אָפּצוקילן?
צי דען נישט מיר מיט אונדזער שיינקייט וועקן דעם פאַרלאַנג
ביי פּאַסטעשקעס צו קומען דאָ אהער אויף טענץ און שפּילן?
צי נישט אין אונדז פייפט אוים דער סאָלאָווייטשיק זיין געזאַנג
צום אויפגאַנג פון דער זון און איר פאַרגאַנג?
און טאַקע, ווינטלעך, איר אליין, צו וואָס דאָ לאַנג צו ריידן?
זענט זעלטן גערן זיך מיט אונדז צו שיידן.
— ס'וואָלט פּאַסטן זאָגן אויכעט אונדז אַ דאַנקבאַר וואָרט, —
זיי ענטפערט אָפּ אַ שטים פון אונטער דרערד באַשיידן.
— ווער האָט די חוצפּה גאַווהדיק אַזוי צו ריידן!
ווער זענט איר עם אַזעלכע דאָרט,
וואָס האָבן עזות רעכנשאַפט פון אונדז פאַרלאַנגען? —
צעשעפּטשען זיך די בלעטער אויפן בוים, אין רויש פאַרגאַנגען.
— מיר זיינען די, —
דערהערן זיך פון אונטן דומפּע קלאַנגען:
וואָס, גראָבנדיק זיך אין דער פינצטערניש מיט מי,
דערנערן אייך. צי איז דען שווער אונדז צו דערקענען?

די וואָרצלען פֿון דעם בוים, אויף וועלכן איר גרינט, מיר זענען.
באַרימט זיך אין אַ גוטער שעה, אַז איר זענט שיין און רייך!
נאָר פֿאַרגעדענקט דעם חילוק צווישן אונדז און אייך:
מיט יעדן נייעם פֿרילינג ווערט אַ נייער בלאַט געבוירן,
אַ וואָרצל אָבער, ווען ער גייט דורך טריקעניש פֿאַרלוירן —
פֿאַרשווינדט דער בוים און איר צוגלייך.

אופּאַ, 1942 — לאָדזש, 1947.

דער חאלף און דער פוקס

מיר שענקען גערן דאָס מיט חן,
וואָס איז נישט נייטיק אונדז אליין.
מיר ווען מיט אַ משל געבן אייך עס צו פאַרשטיין,
ווייל ס'איז אַ האלב פאַרדעקטן אמת לייכטער צו פאַרטראָגן.

אַ פוקס, זיך אָנגעפּאַקט מיט עוף אַ פולן מאָגן
און אויך פאַרשטעקט אַ היפּשן חלק אויף זאַפּאַס, — אויף דו
פאַרנאַכטלעך לעם אַ היי־סטויג לייגט זיך צו.
דערזעט ער, ס'קומט צו אים אין געסט אַ וואָלף מיט הונגער־
בליקן.
— איך בין, מיין פריינט, — ער זאָגט: אין גרויסער נויט!
קיין ביינדל האָב איך נישט געקריגן היינט זיך צו דערקוויקן;
דער הונגער מאַכט צו מיר אַ סוף;
עס זיינען בייז די הינט, דער פּאַסטעך ווייסט נישט פון קיין
שלאָף,
און ס'בלייבט מיר איבער בלויז — זיך צו דערשטיקן.
— וואָס רעדסטו?
— ווירקלעך.
— פריינט, כ'פיל מיט דיין וויי!
אָט ליגט אַ גאַנצער סטויג, נעם וויפל ס'גלוסט זיך דיר נאָר היי.
כ'בין גרייט אַ פריינט צו דינען. —
דעם פריינט אָבער נישט היי, נאָר פליישיקס ליגט אין זינען;
און וועגן דעם זאַפּאַס — ער זאָל אַ וואָרט זיך עס פאַרגינען!
און מיט זיין פריינטס גוטהאַרציקייט אָן ברעג
מיין גרויער ריטער גייט אַוועק
אָן וועטשערע אַ לעק.

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1947.

דער פּאַפּיר־שלאַנג

עס טראָגט אַוועק זיך אַ פּאַפּיר־שלאַנג העט,
אַזש אונטער וואָלקנס, און פון דאָרט דערזעט
אין טאָל אַ שמעטערלינג. ער שרייט אַראָפּ און רעדט:
— דו ווערסט מיר גלייבן! כ'זע דיך קוים פונדאַנען;
ביסט זיכער, זיי זיך מודה, מיך מקנא,
באַטראַכטנדיק מיין הויכן־הויכן פלי.
— מקנא? כלעבן, כ'גיב זיך נישט די מי!
אומזיסט אזא מין הויכע אָפּשאַצונג זיך גיסטו!
כאָטש הויך, נאָר צו א שטריקל צוגעבונדן פליסטו.
אַזא מין לעבן, טייערינקער, ווי־נישט־ווי
פון גליק שוין זייער ווייט איז;
און איך, הגם מיין פלי נישט הויך און אויך נישט פון באַדייט
איז,

איך שוועב דערפאר
וווהין איך גאר;
נאָר כ'פלוידער נישט, ווי דו, אויף מיילן,
אַז אַנדערע זיך זאָלן ווילן,
און כ'מאַך זיך נישט צום נאַר.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1947.

דער שוואַן, דער העכט און דער ראַק

ווען ביי חברים איז נישטאָ קיין אייניקייט אין טאַט,
ווערט זייער ענין נישט אַוועקגיין גלאַט,
און נישט קיין ענין — צרות וועלן זיך באַקומען.

עס האָבן זיך אַ שוואַן, אַ העכט, אַ ראַק אפירגענומען
אַ וואָגן משא אָפּצופירן; זאַלבעדריט
מע שפּאַנט זיך איין אין אים איינינעם און מע ציט;
מע רייסט זיך פון דער הויט, — נאָר ס'זאָל דעם וואָגן אָרן!
די משא, דאַכט זיך, איז נישט שווער פאַר דעם געשפּאַן,
נאָר צו די וואָלקנס רייסט זיך אַלץ דער שוואַן,
דער ראַק ער קריכט אויף צריק, דער העכט צום וואַסער טוט זיך שפּאַרן.
ווער שולדיק, ווער גערעכט איז — דאָס באַשיידט נישט אונדזער וואָרט,
נאָר היינט נאָך שטעקט דער וואָגן אויפן זעלבן אָרט.

ער שטאַר

א יעדער מאַן פאַרמאָגט זיין אייגענעם טאַלענט;
נאָר מחמת צום דערפאָלג פון אַנדערע די קנאה ברענט,
שטרעקט אָפטער עמעץ אוים צו דעם די הענט,
צו וועלכן זיי לחלוטין זיך נישט לייגן.
און איך וואָלט זיך צו יענעם מיט אַ ראָט געווענדט:
באַשעפטיקט זיך דערמיט, וואָס איז פון דער נאַטור דיר אייגן,
קוים ווילסטו, דיין דערפאָלג זאָל זיין אויף לאַנגע יאָר.

פון יונגערהייט האָט אויסגעלערנט זיך א שטאָר
צו זינגען ווי א שטיגלעץ אָן אַ שום חסרון,
ווי ער וואָלט זיין אַ שטיגלעץ פון געבאָרן.
עס האָט זיין שטיפריש קעלעכל געפרייט דעם גאַנצן וואַלד,
און שטאָרושקען געלויבט עס האָבן יונג און אַלט.
דאָס וואָלט אַן אַנדערן באַפרידיקט אין דער וואַלד-מדינה;
נאָר שטאָרושקע, דערהערנדיק, מע לויבט דעם סאָלאָוויי —
און שטאָרושקע געווען איז צו זיין אומגליק אַ בעל-קנאה, —
האָט ער טראַכט געטאָן, אַז: שטיי נאָר שטיי,
איך קאָן נישט ערגער פון דעם סאָלאָוויי
אַ זינג טאָן, קוים באַגער איך. —
און אָט-אַ זינגט ער טאָקע אויף — נישט מער,
שוין גאָר אויף אַ באַזונדער שניט און דרך:
דאָ פּישטשעט ער, דאָ כריפּעט ער, און הער —
אָט גאָר א ציקלדיקן מע פּאַרציט ער,
און אָט לחלוטין אָן אַ גאַנג
ער מיאווקעט ווי א קעצל ביטער;
בקיצור, ער פאַריאָגט די פייגל מיט זיין פיין געזאַנג.
איז וואָס די פעולה, ליבער שטאָרושקע, פון דיין פאַרלאַנג?
זינג ליבערשט ווי אַ שטיגלעץ און דערפריי געמיטער,
ווי זינגען סאָלאָווייאיש, אָבער אָן געדאַנק.

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1947.

לעמלס קאַפּטן

צעריסן האָט זיך לעמלס קאַפּטן אין די עלנבויגן.
אָ זאָרג! געכאַפּט אַ פאָדעם, דורך אַ נאָדל דורכגעצויגן,
צו פערטל פון די אָרבל אָפּגעשניטן און גענייט,
פאַרלאַטעט — ס'איז דער קאַפּטן ווידער גאַנץ און גרייט.

נישט מער, די הענט דאָרט אויף אַ פּערטל נאַקעט שטאַרצן.
נו, לוינט צו נעמען זיך דערפון צום האַרצן?
איעדער לאַכט אָבער פון לעמלען אָפּ.
זאָגט לעמל: — כ׳טראַג, נישקשה, אויף די פּלייצעס נאָך אַ קאָפּ.
אויך ד י צרה פאַריכטן קען איך:
איך וועל די אַרבל מאַכן לענגער ווי געווען נאָך. —
אַ, לעמל איז אַ יונג אַ כוואַט!
ער שניידט די פּאָלעס אונטער (וואָס זשע לעמל פויל איז?)
און שטוקעוועט די אַרבל צו, און פרייט זיך: נאַט,
ס׳איז לעמלס קאַפּטן איצט שוין אַקוראַט!
כאָטש לענגערער פון אים אַ קאַמיזויל איז.

דאָס נעמלעכע האָב איך געזען — עס טרעפט,
ביי איינעם איז אַ פּלאַנטער אין געשעפט,
און ער פאַרבעסערט עס און ווייטער פירט עס;
נאָר טוסט אַ קוק — אין קאַפּטן זיינעם לעמל פאַראַדירט עס.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947.

דער נזיר און דער בער

הגם ס'איז טייער אונדז אַ טובה בעת אַ נויט,
נישט אַלע אָבער, ווי מע דאַרף זי טאָן, פאַרשטייען:
באַהיט מיך, גאָט, זיך מיט אַ שוטה צו פאַרדרייען!
אַ טובה פון אַ נאַר קאָן מיטברענגען דעם טויט.

עס האָט געלעבט, פון שטאָט דערווייטערט, אין אַ העק פאַרשלאָגן,
אַן עלנטער, משפחהלאָזער מאַן אַליין.
דאָס נזיר־לעבן, ווי דו זאָלסט עס נישט באַשרייבן שיין,
קאָן פאָרט נישט יעדערער די איינזאַמקייט פאַרטראָגן:
עס איז אונדז ליב צו טיילן זיך מיט לייד און פרייד.
מע וועט מיר זאָגן: „נו, די טונקלע וועלדלעך, וועלכע רוישן,
די היגלען, גרעזעלעך ווי זייד, די ריטשקעלעך, וואָס פלוישן?"
דאָס אַלץ איז שיין אַ פּראַכט, צו וואָס פאַרלירן רייד!
נאָר ווען עס איז נישטאָ מיט וועמען כאָטש אַ וואָרט צו טוישן,
דערעסט דאָס אַלץ. האָט אויך דעם נזיר, לייכט עס צו פאַרשטיין,
דערעסן אָט דאָס תמיד זיין מיט זיך אַליין.
ער גייט אין וואַלד צו שאַרן זיך אַרום די שכנים,
און אפשר וועט ער אויך זיך איינשאַפן אַ פריינט.
אויף וועמען קאָן מען אָנטרעפן אין וואַלד? מיר שיינט,
אויף וועלף און בערן, אָדער נישט אויף קיינעם.
און וואָר: אים קומט אַנטקעגן אַן אַ היפּשער בער,
נאָר ס'איז פאַרפאַלן שוין: ער ציט די שליאַפּע
און טוט אַ נייג זיך פאַרן ליבן שכן הין־און־הער.
דער שכן שטרעקט אים אויס אַ לאַפּע,
און, וואָרט פאַר וואָרט, מע ווערט באַקאַנט,
דערנאָך באַפריינדעט מען זיך אינעם ריידן,
און שפּעטער איז שוין שווער זיך צו צעשיידן,
און גאַנצע טעג פאַרווײַלט מען זיך באַנאַנד.

נאָר וועגן וואָס און צי זיי פלעגן ריידן,
צי מיט אַ שפּאַסעלע, אַ ווערטעלע באַצירט,
און ווי עס האָט דער שמועס זיך ביי זיי געפירט,
דאָס קאָן איך נאָך ביז היינט נישט זאָגן.
דער נזיר האָט צו ריידן ווייניק ליב,
דער בער איז שווייגנדיק בטבע, טריב,
אַזוי אַז ביידע האָבן נישט קיין מיסט פון שטוב אַרויסגעטראָגן.
נאָר, ווי דאָס זאָל נישט זיין, דער נזיר האָט געשיינט,
וואָס גאָט האָט אים געשיקט אַן אוצר אין אַ פריינט.
וו בערקע — דאָרט אויך ער, אַן בערקען — אַלץ איז אים דערווידער,
און בערקען שבחים זאָגן ווערט נישט מיד ער.
איז איינמאָל אין אַ הייסן טאָג די פריינט פאַלט איין
אַרומצוואַנדלען איבער לאָנקעס, גיין וואַלד־אויס, וואַלד־איין,
שפּאַצירן איבער בערג און טאָל, פאַרגאַסענע מיט שיין;
און ווייל דער נזיר שוואַכער פון דעם בער איז,
איז נישט קיין חידוש, וואָס דער ערשטער ע ר איז,
דער נזיר אונדזערער, געוואָרן מיד,
און הינטערשטעליק קעגן בערקעס — זיינע טריט.
באַמערקט עס, זאָגט רב בער באַדענקט זיין פריינט: — מיין טרייער,
נעם שפּאַר זיך צו, רו אָפּ, מיין שיין,
און אויב דו ווילסט, שלאָף איין;
און איך וועל דאָ דיך היטן אין דער צייט דער פרייער. —
דער נזיר, פאָלגעוודיק, שפּאַרט צו זיך, גיט אַ גענעץ פיין,
און תיכף שלאָפט ער איין.
און בערקע אויף דער וואַך איז אויך מיט עפּעס־וואָס פאַרנומען;
אַ פליג איז אויף דער נאָז פון פריינט זיינעם צו גאַסט געקומען:
ער האָט זי פון זיין פריינטס געזיכט געטאָן אַ פאָך,
און טוט אַ קוק — אַ בראָך!
זי איז שוין אויף זיין באַק; ער טרייבט זי גאַנץ אַנטשידן,
נאָר זי שטייט ווידער אויף דער נאָז, פאַרשייט
און זלידניער אַלץ פון צייט צו צייט.

מיט בײדע לאַפּעס, נישט קײן װאָרט צו רײדן,
טוט בערקע פון דער ערד אַ שטײן אַ כאַפּ,
ער הויערט, ס׳אָטעמען פאַרהאַלט ער
און טראַכט: „װאָרט, װאָרט, דו גזלן קאַלטער!"
און, אָפּגעװאָרט זי אויפן שטערן פון דעם פרײַנט, באַפאַלט ער
די פליג מיט אַלע כוחות — צאַפּ!
דער זעץ איז פלינק געװען, צעשמעטערט שאַרבן און געהירן,
און בערקעס פרײַנט װעט זיך פונדאַנען שוין נישט רירן!

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1948

בלומען

עס שטייען אויפן פענצטער פון א רייכן צימער
אין פאַרפאָרנע געבלימטע טעפלעך, זייט ביי זייט
מיט וואַרע בלומען — פאַלשע; מיט געפּעלשטן שימער
אויף דראָטן-שטענגלעך גאוהדיק-פאַרשייט
זיי וויגן זיך און וויגן,
מע זאָל פאַר זייער שיינקייט דרך-ארץ קריגן.
ווי דאָ — א רעגנדל טראָפּ-טראָפּ!
די טאָפּט-בלומען — מיט תפילה צו דעם גאָט יופּיטער,
דאָס רעגנדל זאָל טאָן א שטעל זיך אָפּ;
דאָס רעגנדל זיי זידלען ביטער.
— יופּיטער — בעטן זיי: דאָס רעגנדל שטיל איין;
צי ברענגט עס עפּעס-וואָס אריין?
איז ערגערס דאָ נאָך אויף דער וועלט? און סאַרא מעלות האָט עס?

די גאָס אדורכצוגיין איז דאָך א פּיין:
בלויז לוזשעס מאַכט עס אָן און בלאָטעס. —
נאָר צעאוס הערט צו זייער תפילה זיך נישט איין,
דאָס רעגנדל טריפט ווייטער זיך גאַנץ פיין
און טרייבט די היץ, די בייזע פּיין,
און די נאַטור הייבט אָן זיך צו אָטכייען,
און ס'גרינס, ווי ס'וואָלט אינגאַנצן זיך באַנייען.
די וואַרע בלומען אויפן פענצטער האָבן אויך דערוואַכט,
איעדע לעבעדיקע בלום צעעפנט שטייט אין פראַכט,
זיי זיינען פון דעם רעגן, זע נאָר,
געוואָרן פרישער, פוביקער און שענער.
נאָר פון די פאַלשע בלומען קיינער מער שוין נישט געניסט,
מע וואַרפט אַרוים זיי אויפן הויף, זיי ליגן עלנט, וויסט,
ווי מיסט.

עס ווערן נישט טאַלענטן וואָרע פון קריטיק פאַרביטערט:
זי קאָן נישט שאַדן ברענגען זייער פּראַכט;
בלויז יענע בלום, וואָס איז פון טאָפּט געמאַכט,
פאַר רעגן ציטערט.

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1948.

דער נייגעריקער

— גוט העלף דיר, גוטערברודער! ווו געווען?
— אין מענאַזשעריע, פריינט! דריי שעה; דאָרט אַלץ געזען,
באַטראַכט אַלץ; פון פאַרווונדערונג צעטראָגן,
כ׳בין נישט אימשטאַנד עס גאָר ארויסצוזאָגן,
אַזעלכעס אָפּמשלען ווער קען!
באמת, ס׳איז אַ פּאַלאַץ פון נפלאות!
ווי די נאַטור פאַרשווענדעט עם המצאות!
אַך, סאָרא חיות, פייגל דאָרט, אַ שלל!
וואָס פאַר אַ פלאַטערלעך און זשיקלעך,
און פליגעלעך, און קריכערלעך, און מיקלעך!
זע, איינס — שמאַראַגד, דאָס אַנדערע — קאָראַל!
און קיעלעך אַזוינע ברויזעניוניע, זע נאָר!
אַזעלכע, כ׳לעבן, פון אַ שפּילקע-קעפּל קלענער!
— דעם העלפאַנט האָסט געזען? שוין איינמאָל אַ פאַרשוין!
איך מיין, דו האָסט געטראַכט — אַ באַרג אַקעגן ליליפּוטן.
— איז אויך דען ער פאַראַן?
— פאַראַן.
— זיי מוחל, ברודער-קרוין!
דעם העלפאַנט האָב איך נישט באַמערקט לחלוטין.

אופא, 1942 — דושניקי-זדרוי, 1947

דער לייב אויף יאַגד

אַ לייב, אַ וואָלף, אַ פוקס צוזאמען מיט אַ הונט
געלעבט האָבן אַמאָל אַלס שכנים.
אויף דעם־אַ גרונט
געשלאָסן האָבן זיי אַזאַ מין בונד
אַנומלט אין אַ טאָג אַ שיינעם:
צוזאמען גיין אויף יאַגד, און וואָס מ'עט ברענגען מיט די ציין,
צעטיילן גלייך אויף גלייך אָן אונטערשיד פון גרויס און קליין.
איך וויים נישט ווי, מיט וואָס, נאָר תחילת, ווייס איך
איז געגאַנגען
דעם פוקס — ער האָט אַ הירש געפאַנגען;
ער לאָזט שטאָפּעטן צו די פריינט אין גאַנג:
קומט, ליבע, זיך צעטיילן מיטן פאַנג;
אַ זאַקרויב, וואָס מע קאָן מיט אים זיך פילן נישט געפאַלן!
געקומען, אויך דער לייב. צעשפּרייטנדיק די קראַלן,
באַטראַכט ער די חברים רונד־אַרום,
ווי גלייך ער נעמט זיי פאַר דער חלוקה ציילן:
— מיר זיינען, ברידער, זאַלבעפערט, — ער טוט אַ ברום,
און ער צערייסט דעם הירש אויף פיר אַלציינע טיילן:
אַצינדער צו דער חלוקה! זעט זשע, פריינט, און הערט —
אָט דער טייל **מיר** געהערט
לויט אונדזער אָפּמאַך, ווי געשלאָסן;
און דער קומט **מיר** אַלס לייב גאָר אָן פאַרוואָסן;
און דער איז **מיין**, ווייל איך דער שטאַרקסטער בין אויף דרערד;
און דער — ווער ס'וועט אים וואַגן מיט אַ לאַפע אָנצורירן,
דער וועט דאָ אונטער **מיינע** אויפן אָרט קראַפּירן.

מאָסקווע, 1945 — לאָדזש, 1947.

די פויערים און דער טייך

די פויערים, נישט קאָנענדיק שוין מער אריבערטראָגן
דעם אונטערגאַנג פון אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן,
צוליב די טייכלעך, ריטשקעלעך, אין וואַסער רייך,
וואָס האָבן אין געוויסער אַלץ פאַרגאָסן, —
געגאַנגען זיינען מיט אַן אָנקלאָג צו דעם טייך,
אין וועלכן ס׳האָבן אַט די ריטשקעלעך אריינגעפלאָסן.
און ס׳איז געווען פאַר וואָס זיי צו פאַרקלאָגן אויפן קול!
אַוו צעגראָבן ווינטער-תבואות, ווו צעשלאָגן,
אַוועקגעריסן מילן און פאַרטראָגן,
און פי דערטרונקען אָן אַ צאָל!
...דער טייך, הגם אַ היפּשער, שטראָמט ער שטיל, באַלעגאַנטשן;
אויף זיינע ברעגעס דאָ און דאָרט אַ שטאָט אַ גרויסע שטייט,
און ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין רייד,
ער זאָל אַזוי-אַ שאָדן טאָן די מענטשן:
וועט ער אוודאי צוימען זיי, די שלעק, —
די פויערים צעווישן זיך אַזוי-אַ ברומען.
נאָר וואָס? קוים נעענטער צום טייך געקומען,
וואָס זעען זיי? עס איז אויף אים ארומגעשוואומען
אַ העלפט פון זייער צוגערויבט פאַרמעג.
נישט מיענדיק זיך מער, זיין שטראָמענדיקן וועג
בלויז מיט די אויגן שטום די פויערים באַגלייטן:
דערנאָכדעם קוקן זיי זיך איבער מיטן בליק
און, מיט די קעפּ געטאָן אַ וויג,
זיי לאָזן זיך אהיים צוריק.
נאָר אָפּגעגאַנגען, איינער טוט אַ זאָג צום צווייטן:
— צו וואָס גאָר פּטרן די צייט!
אומזיסט דאָס קלאָגן זיך אויף יענע נידעריקע לייט,
וואָס טיילן אויף דער העלפט זיך מיטן עלטסטן אויף דער זייט.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947

די גוטע פוקסעכע

עס האָט אַ שיסער פרילינגצייט אַ רויטבריסטל געטייט.
וואָלט כאָטש מיט איר אַליין אַ סוף צום אומגליק שוין גע־
נומען,
איז ניין; אויף דריי נאָך איז באַשערט עס זאָל דער אומקום
קומען:
פאַריתומט נאָך דריי עופעלעך אויף צער און לייד.
דאָס קליינוואַרג אָקאָרשט פון דער שאָלעכץ — וואָס נעבעך
פאַרשטייט?

און שוואַך — פון קעלט און הונגער ליידט עס,
מיט יאָמערלעכן פּיפּסן שרייט עס
און רופט אומזיסט די מוטער צריק.
— „ווי קאָן מען צוקוקן אָן פּיין אין בליק,
אָן זאָרג אין האַרץ פון זייערטוועגן,
די עופעלעך, וואָס רופן מיט געבעט? —
האָט צו די פייגל שטיל אַ פוקסעכע גערעדט,
וואָס איז געזיצן אויף אַ שטיינדל דער יתומים-נעסט אַקעגן:
אַ, לאָזט נישט איבער, ליבענקע, די קינדערלעך אָן שוץ;
זאָל יעדער פאַר די עלנטע אַ קערנדל באַהאַלטן,
אַ שטרויעלע — פאַר זייער נעסטלם שפּאַלטן:
ביים לעבן וועט איר זיי דערמיט דערהאַלטן;
צי איז פאַראַן נאָך הייליקערם פון טון טאָן גוטס!
קוקאַווקע, זע, דו האַלטסט דאָך סיוויסיי אין לינען:
צו לאָזן אונטערצופּן זיך — וואָלט גלייכער דען נישט זיין,
און אויסבעטן מיט דיין געפעדער זייער בעטל פיין;
צעפּטרסט דאָך אַזוי עס אויך בחינם.
און דו, לארך, שטאָט צו פליען תמיד אין דער הויך
און קרייזלען אין דער לופט, זיך איבערקערן,
וואָלסט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פעלדער, לאָנקעס אויך,
אַ קערנדל צו זוכן די יתומים צו דערנערן.
דו, גאָרלינקע, דיין יונגוואַרג איז שוין אויסגעוואַקסן שיין,
זיי קאָנען איינשאַפן זיך שפּייז אַליין:

כיי וואָלסטו פון דיין נעסט אַראָפּגעפלויגן
און, שטאָט דער מוטער, ס׳פּיצלוואָרג דערצויגן,
און דיינע קינדערלעך דערפאַר
וואָלט אויסגעהיטן גאָט פאַר צער.
און דו, שוואַלב, פליגעלעך וואָלסט דאַרפן פאַנגען
און נאַשוואַרג די פאַריתומטע דערלאַנגען.
און דו, מיין ליבער סאָלאָוויי — עס ווערט אַנטציקט,
באַצויבערט יעדער פון דיין שטים, נשתומם, —
בעת דער זעפיר שאָקלט צו די נעסט מיט די יתומים,
דו וואָלסט זיי מיט דיין ליד פאַרוויגט.
איך גלייב, אַז מיט איר צערטלעכקייט די פייגל־עדה
וואָלט זיי פאַרטווישט די ביטערע אבידה.
פאָלגט מיך: דערוויילן לאָמיר, אַז די וועלדער הי
פאַרמאָגן הערצער, וועלכע...״ — ביי די ווערטער ד י
די עופעלעך, נישט קאָנענדיק פון הונגער רואיק ליגן,
שוין אַלע דריי פאַרגליווערט און פאַרשוויגן —
אַ פאַל אַראָפּ צו פוקסעכען אויף דרערד.
און זי, די האַרציקע? האָט באַלד זיי איינגעשלונגען,
און שוין די מוסער־דרשות נישט דערזונגען.

איר זענט פאַרוואונדערט, לייענער? איז הערט:
ווער גוט עס איז באמת פלאַדיעט נישט קיין ווערטער
און פירט זיין גוטן טאָט אוים אין דער שטיל;
און ווער ס׳מאָלט ווערטער אויפן אויער, ווי אַ מיל,
אויף פרעמדן חשבון גוט זיין אָפּט באַגערט ער —
זוייל וואָס? בדלות דערפון ווערט ער?
אַזעלכע מענטשן וואָלטן כמעט אַלע, כ׳זאָג אייך וואָר,
מיין פוקסעכען געפּאַסט זיך פאַר אַ פאָר.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947

א דאָרפישע אסיפה

א וואָסער סדר זאָלסט נישט צוטראַכטן, ווי פיין,
אויב נאָר ביי מענטשן אָן געוויסן שטייט ער איין,
זיי וועלן תמיד שוין א הינטערוועגעלע געפינען,
וואָס זאָל צו זייער נוץ זיי דינען.

עס האָט דער וואָלף זיך מיט א ביטע פאַרן לייב געשטעלט:
— באַשטים מיך פאַר א שעפסן־פירער. — לויטן פוקס פאַרלאַנגען
איז צו דער לייבין וועגן וואָלף א טובה־וואָרט דערגאַנגען.
כאָטש אָבער וועגן וואָלף רעדט שלעכט די וועלט,
און ס׳זאָלן וועגן לייב נישט אומגיין שלעכטע קלאַנגען,
ווערט אָפּגעגעבן א באַפעל, דאָס חיות־פאָלק זאָל באַלד
אויף אַן אסיפה זיך צונויפקומען אין וואַלד ,
און זאָל מען יעדן איינעם אויספרעגן און זיך דערשלאָגן,
וואָס ווייסט ער וועגן וואָלף, סיי גוטס, סיי שלעכטס, צו זאָגן.
באַפעל איז אויסגעפירט: די חיות קומען קינד און קייט,
און לויטן ראַנגען־עלטער ווערן אויסגעהערט די רייד,
נאָר וועגן וואָלף קיין שלעכטס האָט קיינער נישט דערטראָגן,
און מ׳האָט דעם וואָלף באַשטימט אין שעפסן־שטאָל דעם אויבנאָן.

און ווי האָבן די שעפסן זיך אַרויסגעזאָגט? דעריגען,
אויף דער אסיפה זיינען זיי געווען דאָך? לאָזט אייך דינען,
שוין גראָדע נישט! די שעפסן האָט מען נישט געהאַט אין זינען.
און קודם וואָלט מען זיי דאָך דאַרפן פרעגן וואָס צו טאָן.

אופא, 1942 — ווארשע, 1950

פון דעם פינפטן בוך

לויס פיש־יויך

— אָך, שכן־לעב, מיין קרוין!
פאַרזוך, געניס, מיין ליבער!
— אַ, פריינט! כ׳בין זאַט שוין ביזן האַלדז! — נו, שוין,
עס נאָך אַ טעלערל, נאָר לאָז נישט איבער.
ס׳אַ פיש־יויך אויף חידושים — קוק זי אָן און קוועל!
— כ׳האָב אויפגענאַשט אַ טעלער דריי שוין. — וואָס פאַר
אַ חשבונות!
דער עיקר, האָב נאָר אַפּעטיט צו די מזונות —
נו, עס געזונט, נו, שנעלער, שנעל!
אַ פיש־יויך! זע, ווי פעט און געל!
ווי מיט בורשטין באַצויגן, גלאַנציק, העל!

טו, ליבער שכן, אָן אַ נחת־רוח מיר, באמת;
ט'אַ לעשטשיקל, אַ רויג, אַ שטיקל סטערלעץ — נעם עס.
כאָטש נאָך אַ לעפל נעם... וואָס שטייסטו, ווייב, ווי אַ
גלמעל?! —

אזוי האָט לוי שמעונען, זיין שכן, אויפגענומען,
געאיילט אים, נישט געלאָזט צו זיך אים קומען,
און לאַנג שוין ווי פון שמעונען דער שוויים, ווי האָגל, פאַלט...
דאָך נעמט ער נאָך אַ טעלערל בגוואַלד
און, שוין די לעצטע כוחות אָנגעזאַמלט,
ער ליידיקט אוים עס. — אָט אַזוי האָב ליב איך, שכן מיין!—
שרייט לוי אוים: דערפאַר בעל־גאַוותם זיינען פאַר מיר פיין.
נו, נעם זשע נאָך אַ טעלערל, מיין ליבער — נישט גע־
שטאַמלט! —
ווי שטאַרק מיין שמעון האָט נישט ליב קיין פיש־יויך, דאָך
פאַר דעם־אַ בראָך,
אַ כאַפּ געטאָן דעם גאַרטל און די היטל אין אַ הויפן,
ער לאָזט אַהיים זיך לויפן,
ווי חסר־דעה, שנעל —
און ס'טרעט זיין פוס נישט איבער מער זיין שכן לוים שוועל.

ביסט גליקלעך, שריפטשטעלער, מיט דיין טאַלענט דעם וואָרן.
נאָר קוים פאַרשטייסטו נישט, ווען נייטיק איז, דאָס וואָרט
צו שפּאָרן,
און פייניקסט פרעמדע אויערן — איך וואָרן —
ווערט מיט דיין פּראָזע און פּאָעזיע זיין דער זעלבער פאַל:
נאָך מער פון לוים פיש־יויך וועט זי שלאָגן צו דער גאַל.

די מויז און דער עכבר

— האָט, שכן, שוין דערגרייכט די בשורה צו דיין פלאַץ? —
צום עכבר איז די מויז אַריינגעלאָפן:
אַז צו דעם לייב אַריינגעפאַלן איז די קאַץ?
אַצינד אויך מיר אויף רו שוין קאָנען האָפן!
— אומזיסט, מיין שיין, דיין פרייד, —
דער עכבר זאָגט אויף אירע רייד:
די פאַלשע האָפנונג זאָלסטו פון זיך טרייבן!
אויב ביז די נעגל וועט עס צווישן זיי דערגיין,
ביים לעבן וועט דער לייב געוויס נישט בלייבן:
די שטאַרקסטע חיה איז די קאַץ דאָך, ניין?!

כ'האָב וויפל מאָל געזען, באַמערקט עס אויך אַליין:
דעם פחדן — ווער עס שרעקט נאָר וועך אים,
דאַכט אוים זיך, אַז אויף יענעם
מיט זיינע אויגן קוקן גרוים און קליין.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948.

דער זיסיק און די טויב

דאָס פֿאַנגערל, דער גזלן, טוט זיך אַ פֿאַרשלאָג;
אַ זיסיק רייסט און וואַרפֿט אין דעם זיך — אַ רחמנות;
נאָר ס'טרייבט פֿון אים, דעם עלנטן, אַ יונגע טויב לצנות:
— ווי ס'האָט קיין חרפּה נישט! אינמיטן העלן טאָג
נישט קאָנען מיידן קיין סכּנות!
וואָלט עמעץ מיך אַזוי פֿאַרנאַרט? איך זאָג
און דרייסט פֿאַרזיכער — קיינמאָל! —
נאָר ווי זי רעדט, פֿאַרפּלאָנטערט זי זיך אין אַ נעץ דאָ גראָד.
ס'איז גוט אַזוי, שוין איינמאָל!
להבא, טייבעלע, פֿון פֿרעמדע אומגליקן נישט שפּאָט.

דער שטיין און דער חאָרעם

— ווי ער האָט עס צערווישט זיך דאָ! ווי דאָס געמיין איז! —
מכוח דעם רעגן אויף דער לאַנקע זאָגט דער שטיין עס:
און ווי צופרידן אַלע — קוקט נאָר אָן!
און אָפּגעוואַרט אים, ווי אַ גאַסט אַן אָנגעלייגטן,
נאָר וואָס האָט אויפגעטאָן ער, פרעגט׳ן?
געגאַנגען בסך־הכול צוויי־דריי שעה.
אָט וועגן מיר זיך נאָכפרעגן וואָלט עמעץ דאַרפן!
איך בין שוין דאָ יאָרהונדערטער; באַשיידן תמיד, שטיל,
איך ליג אַ פרידלעכער, וווהין מע זאָל מיך אַלץ נישט וואַרפן,
און ס׳זאָל מיר עמעץ אויסדריקן אַ דאַנקבאַרן געפיל!
מע זידלט נישט אומזיסט די וועלט, און מער נאָך וואָלט מען דאַרפן!
איך זע נישט איין אין איר קיין יושר, נישט קיין בראָק.
— שווייג שטיל! — האָט אים אַ וואָרעם דאָ געטאָן אַ זאָג:
אָט דאָס־אָ רעגנדל, ווי וויניק צייט ס׳האָט נישט געגאָסן,
האָט פאַרט די לאַנקע, וואָס איז אויסגעטרוקנט־קראַנק,
דערקוויקט בשפע מיט געטראַנק
און אָפּגעפרישט דעם פויערס האָפנונג און געדאַנק;
פון דיר אָבער, אומזיסטע משא, וואָס האָט ווער גענאָסן?

אַזוי לויבט ווער זיך, אַז ער דינט שוין פערציק יאָר,
נאָר נוצן ברענגט ער — וויפל יענער שטיין, און גאָר.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948

דער בער ביי די בינען

די חיות האָבן איינמאָל פרילינגצייט, איר מעגט עס הערן,
באַשטימט פאַר אַ משגיח פון די בינשטאָקן רב בערן.
כאָטש פאַר אַ צווייטן וואָלט דער אַמט געפּאַסט זיך מיין,
ווייל האָניק איז די ליבסטע שפּייז פון בערן,
און ס׳וואָלט נישט זיין דאָן וואָס צו איבערקלערן,
נאָר ווען ס׳טו ביי די חיות דען אַ טאָלק דערגיין!
ווער ס׳האָט זיך אַלץ נישט אין די בינשטאָקן געבעטן,
מ׳האָט אַלע מיט אַן אָפּזאָג צריקגעשיקט, און ס׳האָט,
ווי אויף געלעכטער און אויף שפּאָט,
דער בער דעם אַמט באַטרעטן.
נאָר אָט אַ צרה, אָט:
אוועקגעשלעפּט דער בער צו זיך אין הייל דעם גאַנצן האָניק.
מע ווערט געוואָר, און ס׳הייבט זיך אויף אַ טומל טויזנט-
טאָניק.
מע האָט אַ משפּט אויסגעריכט און אים כדת געפירט,
אַראָפּגעזעצט פון אַמט רב בערן,
געפּסקנט ס׳זאָל דער אַלטער שווינדלער ווערן
אויף ווינטער אין זיין הייל-הויז אַרעסטירט.
באַשלאָסן, קאָנטראָלירט, באַפּעסטיקט;
נאָר אָפּנעמען דעם האָניק האָט זיך קיינער נישט באַלעסטיקט.
און ער, רב בער, ווי אים וואָלט עס לחלוטין נישט גערירט,
רב בער האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט, נאָר נישט גע-
בראָכן,
ער איז צו זיך אין הייל אין וואַרעמער פאַרקראָכן,
און נאָגט די לאַפּע מיטן האָניק מעשה-תם,
און וואַרט אויף גוטן וועטער ביי דעם ים.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948

דער שפּיגל און די מאַלפּע

צום ערשטן מאָל דערזען אין שפּיגל איר פּאָרטרעט,
די מאַלפּע טוט דעם בער אַ טאָרקע שטילינקע, אַ גלעט:
— מיין ליבער פריינט, באַטראַכט אָקאָרשט, — זי רעדט:
וואָס איז עס דאָרטן פאַר אַ מיסע צורה?
קוק אָן העוויהלעך, און סיגעלעך, און שטיק!
איך וואָלט זיך אויפגעהאָנגען אויף אַ שטריק,
ווען כ'וואָלט אַ האָר כאָטש ענלעך זיין אויף דער אָרורה.
און ס'זיינען דאָ דאָך צווישן מיינע פריינט, זיי מודה, קרוין,
אַזעלעכע קלאָונען פינף, צי זעקס פאַרשווין —
אָט גיב איך זיי אַ צייל דיר אויף די פינגער שוין.
— צי איז נישט גלייכער, פריינט, אָנשטאָט דער טירחא
די פריינט צו ציילן — זוכן גאָר אויף זיך אַליין די סירכא? —
דער בער איר ענטפערט אָפּ מיט שפּאָט.
נאָר ס'איז אַ ברכה־לבטלה בערלס ראָט.

עס קאָן די וועלט אַזעלכע ביישפּילן פאַרמערן:
ס'דערקענט אין דער סאַטירע קיינער זיך נישט גערן,
כ'האָב נעכטן ערשט זיך איבערצייגט אין דעם:
עס ווייסן אַלע, אַז רב קלמן איז אַ נעמער,
מע לייענט וועגן נעמען שוחד פון באַלעמער,
און ער בגנבה ווינקט אויף דנען מיט אַ ברעם.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947

דער קאַמאַר און דער פּאַסטעך

אין צוטרוי צו די הינט שלאָפט איין דער פּאַסטעך שווער.
באַמערקט עס, קריכט צו אים אַ שלאַנג אַפּער
פון אונטער קוסטעס, גרייט אים גיפטן מיטן דאָרן;
און ס׳וואָלט פון פּאַסטעך באַלד אַ בר-מינן געוואָרן.
דערבאַרעמט זיך אויף אים דער קאָמאַר אין דער נויט,
און טוט מיט גאָרער קראַפט אַ שטאָך אין פּעפּערם הויט.
דער פּאַסטעך כאַפּט זיך אויף, דערשלאָגט די שלאַנג צו טויט;
נאָר קודם האָט ער פונעם שלאָף דעם קאָמאַר זעלבסט צעריבן,
אַז ס׳איז פון אים קיין זכר נישט געבליבן.

כ׳וואָלט ביישפּילן אַזעלכע פיל אייך צוגעקליבן:
דער שוואַכער, כאָטש פון גוטסקייט וועגן, אַז ער פּריוווט זיך ווען
צו טאָן דעם שטאַרקנס אויגן אויפן אמת אַ צעעפן,
מעג ריכטן זיך, עס זאָל מיט אים דאָס זעלבע טרעפן,
וואָס מיטן קאָמאַר איז געשען.

אופּאַ, 1943 — לאָדזש, 1948

דער פויער און דער טויט

אַ זקן, אָפּגעצערט פון נויט און אַרבעט אַלע יאָרן,
האָט אָנגעקליבן צווייגן־אָפּפאַל ווינטער־צייט אין וואַלד
און, לאַנגזאַם טראָגנדיק אהיים די לאַסט, איז ער געוואָרן
פאַרמאַטערט, האָט געקרעכצט, געקייכט, זיך אָפּגעשטעלט
און באַלד

געשלעפּט, געשלעפּט זיך ווידער.
דערנאָך האָט ער, שוין גאָר אַ מידער,
אַראָפּגעלאָזט די משא פון די פּלייצעס אויף דער ערד,
געזעצט זיך אויף די צווייגן, אָפּגעזיפצט און שטיל געקלערט:
„ס׳אַ לעבן, גאָט מיינער, ס׳איז מיר באַשערט!
כ׳לייד נויט אין אַלץ; דערצו נאָך ווייב און קינדער,
דערצו נאָך קאָפּ־שטייער און שטייער פאַרן פּריץ; זאָג,
צי האָט מיין לעבן אויף דער וועלט געמאַכט מיר לינדער
כאָטש איינער אַ מיט פרייד געבענטשטער טאָג?”
באַוויינענדיק זיין מזל מיט אַזאַ מין קלאָג,
ער רופט דעם טויט; און ע ר, נישט ווייס־איך־ווו־דאָרט
שטייט ער,

נאָר הינטער אונדזער פּלייצע גייט ער:
אָן אויגנבליק — און ע ר איז דאָ פאַראַן
און זאָגט: — צו וואָס האָסטו באַדאַרפט מיך, אַלטער מאַן?—
דערזען זיין גרויזאַמע געשטאַלט דערלעבן,
האָט קוים אַרויסגערעדט דער זקן ציטעריק און בלאַס:
— כ׳האָב דיך גערופן, ווער, חלילה, נישט אין כעס,
דו זאָלסט דאָס בינטל צווייגן אויף די פּלייצעס מיר פאַרגעבן.

פון דעם־אַ משל וועגן גרויסער נויט
גיט קלאָר אַ שיין אונדז,
אַז ווי דאָס לעבן זאָל נישט אומדערטרעגלעך זיין אונדז,
אַלץ אומדערטרעגלעכער איז אונדז דער טויט.

אופאַ, 1943 — וואַרשע, 1950

דער פויער און די האַק

אַ פויער, בויענדיק אַ כאַטע, איז אין כעס געוואָרן:
די האַק ווערט טעמפּ. דער פויער פאַלט אַריין אין צאָרן —
ער גופא בראַקט אַן טאָלק און אַן געדולד,
און ס'איז דער האַקס די גאַנצע שולד.
ער זידלט זי אַ שרעק, און אים קיין אויסריידן נישט פעלן.
און איינמאָל טוט ער אַ געשריי: — שלימזל דו!
צו טעסען פלעקענער איך וועל דיך שטעלן.
און איך, מיט מיין געניטשאַפט, מי — דערצו
פעלט אויך מיר נישט קיין פרייע צייט אוים, כ'לעבן, —
אויך אַן דיר וועל זיך זייער שיין אַן עצה געבן,
און מיט אַ פשוט מעסער וועל איך אויפטאָן מיטן קנאַק,
וואָס מאַכן וועט עס נישט קיין צווייטער מיט קיין האַק.
— צו פאָלגן דיין באַפעל איז אויסגעפאַלן אויף מיין חלק, —
באַשיידן ענטפערט אים די האַק אויף זיין געשריי:
דעריבער פאָלג איך דיר און גיי,
עס איז מיר, באַלעבאָס, דיין ווילן הייליק,
כ'וועל טאָן דיר אַלץ לויט דיין פאַרלאַנג,
נאָר זע, עס זאָל נישט טאָן דיר שפּעטער באַנג:
דו וועסט אומזיסט בלויז אויסטעמפּן מיין אייזן,
און מיט אַ מעסער אויפבויען אַ הויז וועסט נישט באַווייזן.

אופא, 1943 — ווארשע, 1949

א הונט, א מענטש, א קאַץ און א פאַלק

א הונט, א מענטש, א קאַץ, א פאַלק — אַנומלט האָבן פעסט
פאַרבונדן זיך אין פריינטשאַפט אייביקער און זיך געשווירן,
אַז זי וועט זיין אָן חניפה, וואָר, פון ריינעם האַרץ געבוירן.
געוועזן בשותפות זייער הויז און שיר נישט אויך די קעסט.
זיי האָבן צוגעשווירן טיילן זיך מיט פרייד און זאָרגן,
אַז איינער זאָל דעם צווייטן אויסהעלפן אין נויט,
אַז איינער פאַרן צווייטן גיבן זאָל זיין הויט,
און, וועט מען דאַרפן — פאַרן צווייטן גיין אַקעגן טויט.
איז איינמאָל, לאָזנדיק זיך גיין אויף יאַגד, אין א פרימאָרגן,
עס זיינען מיינע פריינט, ווי ברידער גלייך,
צו ווייט פון זייער היים פאַרקראָכן,
זיך אָנגעמאַרדעוועט און זיך דערפילט צעבראָכן,
און אָפּצורוען אָפּגעשטעלט זיך ביי א טייך.
מע כאַפּט א דרימל, ליגנדיק און זיצנדיק, ווי איינער,
ווי פּלוצעם פונעם וואַלד אַרויס צו זיי אַהער
מיט פיסק צעעפנטן — א בער.
דערזען דעם בראָך (א בראָך איז צו די ביינער!),
דער פאַלק — אין רוים, די קאַץ — אין וואַלד,
און ס׳וואָלט דער מענטש געמעגט א זיי־געזונט דעם לעבן זאָגן,
נאָר ס׳האָט דער טרייער הונט זיך באַלד
גענומען מיט דער בייזער חיה שלאָגן,
צון איר אין לייב זיך מיט די ציין דערקראָגן,
און ווי דער בער האָט נישט געבראָכן ווילד אים דאָס געביין,
פון ווייַ גערעוועט, מיט רציחה זיך געריסן —
דער הונט, וואָס האָט זיך ביזן ביין אין אים אריינגעביסן,
איז אַלץ אויף אים געהאָנגען, נישט צענעמענדיק די ציין,
ביז גאָר די כוחות צו פאַרלירן, ביזקל צום דערגיין.
און ער, דער מענטש? מע קאָן נישט, צו דעם מענטש בזיון,
זיין פריינטשאַפט צו דעם הונטס פאַרגלייכן, אים געטרויען!

בעת דעם בערם געראַנגל און דעם הונטס געוואַיען,
האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די ביקס מיט זיך,
זיך אָפּגעטראָגן קוים מיט דער נשמה גיך.

ס'איז לייכט צו זיין אַ מילדער, אַ בעל־טובה אינעם רייידן,
נאָר ווארע גוטפריינט אין נויט בלויז וועסטו אונטערשיידן.
ווי זעלטן טרעפט מען עס אַזעלכע פריינט, ווי זעלטן־ווען!
און זאָל געזאָגט ווערן, איך האָב דאָס אָפט געזען,
ווי ס'ווערט אין משל דאָ דער הונט פאַראַטן,
אַז עמעצער — דעם זעלבן פריינט,
וואָס האָט אים היינט
געהאָלפן און ארויפגעפירט אים אויף אַ וועג אַ גלאַטן,
גראָד אים האָט ער פאַרלאָזן אין דער נויט,
גראָד אים באַוואָרפן אומעטום מיט קויט.

אופא, 1943 — וואַרשע, 1949

האָפּן

עס האָבן זיך באַוויזן האָפּן אויף אַ גאָרטן,
אַרום אַ טיטשקע זיך גענומען דרייען און געדרייט;
דערזען — נישט ווייט אין פעלד אַ דעמב אַ יונגער שטייט:
— ווער נייטיקט זיך אין קאַליעקעס אַזעלכע סאָרטן
און אין זיין מין דעם גאַנצן דאָרטן? —
זיי זיינען פאַר דער טיטשקע קעגן דעמב אַרויס מיט רייד:
נו, קאָן מען אים צו דיר פאַרגלייכן? אָן מליצה,
שוין מיט דיין בלויזער שלאַנקייט ביסטו קעגן אים אַ פּריצה.
הגם ער טראָגט, וואָס אמת איז, אַ בלעטער־ציר,
נאָר סאָרא הארטקייט, סאָרא מין קאָליר!
צו וואָס דערנערט אים גאָר דער באָדן? היתכן! —
דערווייל איז קוים אַוועק אַ וואָך, ווי ס'האָט צעבראָכן
דער באַלעבאָס אויף האָלץ די טיטשקע, און מיט איר איז אויס,
און איינגעפלאַנצט דאָס יונגע דעמבל אינעם גאָרטנס שויס.
און ס'האָט זיין מי געהאַט אַ גרויסע פּעולה:
דאָס דעמבל האָט זיך אָנגענומען און מיט שפּראָץ אַרויס;
און זע, די האָפּן פלעכטן אים אַרום שוין מיט גדולה,
און פאָרן דעמבל — גאָר זייער פאַרערונג און געזאַנג.

אַזוי זיינען די מעשים פונעם חונף און זיין גאַנג:
ער שיט מיט פלוידערייען נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן;
און ווי דו זאָלסט זיך נישט באַמיען, רעד זיך גאָרנישט איין,
אַז צווישן די געליבטע זיינע וועסטו זיין;
נאָר קוים וועסטו נאָר אין די פעדערן אַריין, —
וועט ער דער ערשטער אין דיין פאָדערצימער שטיין געבויגן.

אופאַ, 1943 — וואַרשע, 1950

דער העלפאַנט און גנאָד

דער העלפאַנט האָט דערשלאָגן זיך צו גנאָד ביים לייב. און באַלד
האָט וועגן דעם דער קלאַנג פאַרשפּרייט זיך איבער גאָר דעם וואַלד,
און ס'איז אַוועק אַ טרעפּעניש, ווי ס'פירט זיך דאָס ביי לייטן,
מיט וואָס האָט דאָס אַרויסגענאַרט דער העלפאַנט דעם גענאַד,
ער איז דאָך נישט, נישט שיין און נישט טשעקאַווע גראָד;
קוקט אָן דעם גאַנג זיינעם, זיין האַלטונג פון דער ווייטן!
די חיות שמועסן צעווישן זיך.
— ווען ער וואָלט, — זאָגט דער פוקס און מיטן עק אַ רודער:
אָן עק אַ פוכיקן פאַרמאָגט, ווי איך,
וואָלט איך זיך נישט געחידושט. — אָדער, ברודער,
ווען כאָטש צוליב די קראַלן, — רעדט דער בער פון ברוסט:
וואָלט ביי דעם לייב זיך איינגעקויפט אין חן ער,
פאַר אומגעוויינלעך וואָלט עס נישט געהאַלטן קיינער;
נאָר אַז קיין קראַלן האָט ער אויך נישט, איז אונדז גוט באַוווּסט.
— צי האָט ער נישט צוליב די שטויסציינער דעם גנאָד באַקומען? —
שטעלט אויף דער אָקס אין שמועס זיך אַריין:
צי האָט מען זיי צומאָל נישט פאַר קיין הערנער אָנגענומען?
— איז ווייסט איר נישט מיט וואָס, — רופט אויס דאָס אייזל קלוג, טוט פיין
אַ שאָקל מיט די אויערן: ער האָט געקאָנט געווינען
די ליבשאַפט פונעם לייב און צו באַרימטקייט זיך דערדינען?
און איך אַנטפּלעק אייך שוין דעם סוד
ווען נישט די לאַנגע אויערן, וואָלט ער נישט זוכה זיין דעם גנאָד.

נישט זעלטן, כאָטש מיר זיינען, דאַכט זיך, דאָס נישט אויסן,
גאַנץ גערן זיך אַליין אין אַנדערע מיר גרויסן.

אופאַ, 1943 — וואַרשע, 1949

אַ כמאַרע

עס טראָגט אַ כמאַרע זיך אַריבער
אַ קאַנט, וואָס אויסגעשרפּעט איז און וויסט;
קיין טראָפּן וואַסער לאָזט זי דאָ נישט איבער,
נאָר אויפן ים זי מיט אַ מבול זיך צעגיסט
און רימט זיך פאַר אַ באַרג מיט איר נדיבות.
— ס'איז אמת, ביסט נישט קאַרג,
נאָר האָט דיין מילדקייט דען אַוואָסער חשיבות? —
איר טוט אַ זאָג דער באַרג:
ווי קאָן מען עס גאָר צוקוקן אַזוינס אָן ווייטיק!
ווען דו וואָלסט אויסגיסן דיין רעגן אויפן פעלד אין נויט,
דעם גאַנצן קאַנט וואָלסטו געראַטעוועט פון הונגער-טויט;
דעם ים אָבער, מיין פריינט, דיין וואַסער איז נישט נייטיק.

דער רכילותניק און די שלאַנג

עס טוען לייט אומזיסט זיך אויף די שדים קלאָגן,
אַז פון גערעכטיקייט זיי ווייסן נישט צו זאָגן;
פאַרקערט, נישט זעלטן ווילן זיי צום אמת זיך דערשלאָגן:
איך וועל אַ ביישפּיל ברענגען דאָ פאַר דעם געדאַנק.
אַנומלטן אין גיהנום, בעת אַ פייערלעכן גאַנג
לכבוד עפּעס, האָבן דער רכילותניק, די שלאַנג
איינאַנדער נישט געוואָלט זיך אָפּטרעטן די בכורה
און זיך צעקריגט אַ מורא:
צו גיין אַפריער וועמען פון זיי פּאַסט זיך מער?
און ס'איז אין גיהנום, ווי באַוווּסט, דער מנהג — וועד
זיין נאָענטן ברענגט אומגליק מיין, די בכורה דעם געהער.
ווען ס'איז דאָס וויכטיקע מחלוקת היציקער געוואָרן,
האָט דער רכילותניק אַרויסגעשטעקט דער שלאַנג
זיין צונג, ווי גרויס זי איז און לאַנג,
און ס'האָט די שלאַנג פאַר אים גערימט זיך מיט איר גיפט
אין צאָרן;
זי האָט געשיפּיעט, אַז זי האַלט אַזאַ באַליידיקונג נישט אויס,
און אָנגעשטרענגט געקראָכן אים פאַרויס.
ס'איז שיר נישט דער רכילותניק געבליבן הינטערשטעליק;
נאָר וועלזעוווּל*) האָט דאָס געהאַלטן פאַר געמיין,
און ער אַליין
האָט אָנגענומען זיך פאַר אים געפעליק.
די שלאַנג געטאָן צוריק אַ שטויס:
— כאָטש ס'זיינען, איך בין מודה, די פאַרדינסטן דיינע גרויס,
נאָר לויטן אמת קומט די בכורה אים דורכויס:
ביסט שלעכט, דיין גיפט געפערלעך פאַרן לעבן,
געפאַר דיין נאָענטקייט באַטייט,
דו בייסט אומשולדיקע (און דאָס נישט ווייניק, כ'לעבן!) —

*) בעל־זבוב, דער „פּירשט פון פינצטערניש", דער הערשט פון די בייזע גייסטער.

צי קאָנסטו אָבער גיפּטן פון דער ווייט,
ווי די רכילותדיקע בייזע צונג צו יעדער צייט,
פאַר וועלכער איבער בערגער וועסטו נישט אַנטרינען,
און איבער ימען וועט זי דיך געפינען?
איז ער דאָך שעדלעכער פון דיר, ווי ס'דרינגט דערפון אַרויס:
איז קריך־זשע הינטער אים און שטופ זיך ווייטער נישט פאַרויס. —
און דער רכילותניק פאַרבליבן איז אין גיהנום גרויס.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948

פאָרטונע*) און דער בעטלער

אַן אָרעמאַן, וואָס בעטלט הינטער פענצטער ברויט
און אויף אַן אויסגעריבענער און אַלטער טאָרבע שלאָפט ער,
באַקלאָגנדיק זיין מזל אין דער גרויסער נויט,
האָט זיך געוווּנדערט אָפטער
אויף יענע לייט, וואָס וווינען אין פּאַלאַצן רייך און פיין
און באָדן זיך אין גאָלד, געניסן זיסקייטן און וויין —
וואָס ווי עס זאָל זיי שוין די טאַשן נישט צעשפּאָרן,
זיי הערן אָלץ נישט אויף צו מערער לוקסוס גאָרן!
און נאָך אפילו מיין,
אין זייער גיריקן באַגערן
און אין געראַנגל דאָס עשירות צו פאַרמערן
פאַרלירן זיי נישט זעלטן זייער הון אַליין
און בלייבן נקי — ריין.
דער ערשטער ווירט פון יענעם הויז א ביישפּיל איז א גרייטער:
האָט אָנגעהויבן מסחרן מיט גליק און איז אריין,
ווי זאָגט מען, אין די פעדערן. איז נעם און לייג זיך איין,
און לעב זיך אוים דאָס רעשטל יאָרן אין מנוחה פיין,
און מיט דיין מסחר זאָל פאַרנעמען זיך אַ צווייטער, —
נאָר ניין, אום פרילינג שיקט ער שיפן אויפן ים אַרויס;
ער האָפט אויף בערג מיט גאָלד; נאָר ס׳איז די רייזע נישט געלונגען
די שיפן מיט די אוצרות האָט דער ים פאַרשלונגען;
זיי ליגן איצטער אויפן אָפּגרונטס שוים,
און אַלס אַן עושר זעט ער זיך אין חלום בלויז.
אַ צווייטער, זיך אריינגעלאָזן אין אַרענדעס, האָט ער
שוין אָנגעלעבט זיך א מיליאָן און עפּעס מער,
נאָר ס׳איז אים ווייניק: טאָפּלען אים איז זיין באַגער,
פאַרקריכט ער ביזן גאָרגל, און אָט איז באַנקראָט ער.
בקיצור, ביישפּילן אַזעלכע טויזנטער פאַראַן
און רעכט אַזוי: פאַרשטייי צו זאָגן זיך — עד כאן!

*) די קעניגין פון גליק (ביי די אַלטע רוימער).

ווי דאָ איז פאַרן בעטלער אומגעריכט דערשינען
פאָרטונע מיט אַזעלכע רייד:
— הער אויס, איך וויל פון לאַנג שוין מיט מיין הילף דיר דינען;

אַ הויפן רענדלעך איז געלונגען מיר געפינען;
שטעל אונטער נאָר דיין טאָרבע אָפן־ברייט.
איך וועל זי אָנשיטן, נאָר מיט אַ תנאי: לויט דיין באַגערן
וועט גאָלד אַלין זיין, וואָס פאַלט אַריין אין טאָרבע, נאָר פאַרקערט,
אויב עפּעס וועט ארויספאַלן פון טאָרבע אויף דער ערד —
פון דעם וועט מיסט בלויז ווערן.
געדענק זשע, אַז איך האָב געוואָרנט דיך, און כ׳זאָג:
איך בין באַפוילן אָפּצוהיטן שטרענג דעם תנאי, מיין ליבער,
דיין טאָרבע איז אַן אַלטע שוין, איז כאַפּ די מאָס נישט איבער,
אַז זי זאָל קאָנען אויסהאַלטן די שווערע וואָג. —
מיין בעטלער אָטעמט קוים פון פרייד פון זיסער,
דעם באָדן שפּירט נישט אונטער זיינע פיס ער!
ער האָט די טאָרבע ברייט צעעפנט, און עס האָט אין איר
א פלייץ געטאָן א גאָלד־רעגן פון רענדלעך אָן אַ שיעור.
די טאָרבע הייבט שוין אָן צו ווערן שווערלעך.
— גענוג? — נאָך, נאָך! — זי זאָל נישט פּלאַצן. — לאָז צורו.
— דו ביזט דאָך שוין אַ קרעזי*). — איז וואָס איז דאָ געפערלעך?

כאָטש נאָך אַ ביסעטשקע ווארף צו.
— גענוג! די טאָרבע זי צעקריכט שוין ווו־נישט־ווו.
— א טראָפּעטשקע. — נאָר דאָ צערייסט די טאָרבע זיך אויף שטיקער,

עס שיט זיך אויס דאָס געלט און ווערט גלייך מיסט;
פאָרטונע איז פאַרשוואונדן, בלויז די טאָרבע ליגט דאָ וויסט,
און אונדזער בעטלער, ווי געווען — אַ בעטלער בלייבט צוריק ער.

אופאַ, 1943 — ווארשע 1949

*) אַ קעניג, וואָס האָט געשמט מיט זיינע רייכטימער.

די פראש און יופיטער

אַ פֿראָש, וואָס האָט געלעבט אין זומפּ צופֿוסנס פֿון אַ באַרג,
האָט, ווען דער פֿרילינג איז געקומען, זיך געשטאַרקט
און אויפֿן באַרג פֿאַרקליבן;
האָט אין אַ וועלדל אָפּגעזוכט אַ העק אַ זומפּיקן דורכווייס
און דאָ אונטער אַ קוסט פֿאַרלייגט איר הויז
אין גראָזן — אַ גן־עדן־שווים.
נאָר ביי דער פֿרייד מיט איר נישט לאַנג איז זי פֿאַרבליבן:
דער זומער איז געקומען, און מיט אים די היצן אויך,
די קוואַקער־דאָטשעס אויסגעטריקנטע אַזוי שוין ליגן,
אַז איבער זיי, נישט נעצנדיק די פֿיסלעך, קריכן פֿליגן.
— אָ, געטער! — שרייט די פֿראָש פֿון נאָרע הויך:
אָ, ראַטעוועט מיך! זענט איר מיך פֿאַרטיליקן קאַפּאַבל?
כאָטש ביזן באַרג־שפּיץ לאָזט אַראָפּ אויף דרערד אַ מבול:
עס זאָל אין מיינע גיטער וואַסער תמיד זיין,
קיין טריקעניש זאָל קיינמאָל נישט אין זיי אַריין! —
עס יעלהט אַן אַ סוף די פֿראָש אויף קולי־קולות,
און ענדלעך זידלט זי יופּיטערן שוין גאַרנישט אויף קיין
שפּאַס —
נישטאָ קיין רחמים אין זיין האַרץ, זיין שאַרבן הויל איז.
— דו שוטה, — זאָגט יופּיטער: משוגעת!
(משמעות, ער איז דענסטמאָל נישט געווען אין כּעס)
ווי ס'האָט דיר נישט דערעסן נאָך דאָס קוואַקען אַלץ פֿאַר־
דומפּן!
און, איידער, דיינע חפציות צוליב,
דערטרינקען מענטשן, לעבנס מאַכן טריב,
צי איז נישט גלייכער, דו זאָלסט שלעפּן צריק זיך צו די זומפּן?

פֿאַראַנען אויף דער וועלט אַ סך אַזעלכע מענטשן — שלעק,
וואָס אויסער זיך פֿון קיינעם ווילן זיי נישט וויסן
און טראַכטן זיך: אַבי נאָר איך וועל גוטס געניסן,
מעג מיטן פֿייער גאָר די וועלט אַוועק.

אופֿא, 1942 — לאָדזש, 1947

דער פוקס דער בוי־מייסטער

עס האָט אַ לייב געהאַט צו הינער גאָר אַ ווויל געפיל;
דאָך האָבן זיי געכאַוועט זיך ביי אים אויף צרות:
און ס'איז קיין ווונדער נישט, וואָס וואָר איז!
עס איז געווען צו זיי דער צוטריט פריי צו פיל.
אָט ווערן זיי דורך גנבות מינער,
און אָט־אָ ווערן זיי אליין פאַרפאַלן גאָר, די הינער.
כדי עס זאָל אים מער צו ליידן שוין נישט זיין באַשערט,
אַ גרויסן הינער־הויף צו בויען האָט דער לייב באַקלערט,
אים אויסריכטן, באַוואָרענען, עס זאָל פאַרוים דערשפּירן
דער גנב, אַז ס'איז איבריק צו פּרובירן,
און — הינער, לעבט אין ווילטאָג פריי און אומגעשטערט!
און דאָ האָט מען געזאָגט דעם לייב: דער פוקס — אַ מייסטער,
וואָס נאָר ער נעמט זיך אונטער אויסצובויען, דאָס באַ־
ווייזט ער —
און מ'האָט די אונטערנעמונג אים פאַרטרויט,
ער האָט זי אָנגעהויבן מיט דערפאָלג און זי דערבויט:
עס האָט דער פוקס ביי איר געמיט זיך, נישט אוים נויט,
מיט פליים און קענטעניש, אַז זי זאָל טויגן.
באַטראַכט, האָט מען דערזען: אַ נחת פאַר די אויגן!
און חוץ דעם — וואָס דו ווינטשט זיך, שטייט דאָ גרייט:
דערנערונג — פאַר דער נאָז, און סידעלעס אין אַלע זייטן,
פאַר קעלט און היץ באַהעלטעניש, ווו מע גייט און שטייט,
און פאַר די קוואָקעס ערטעלעך פאַרבאָרגענע פאַר לייטן.
אַ, רום און כבוד פאַרן פוקס פון קליין און גרויס!
ער קריגט אַ לוין אַ ווויל,
און תיכף ווערט באַפוילן:
די הינער איבערפירן גלייך אין נייעם הויז.
נאָר האָט זיך מיט דער ענדערונג דער מצב דאָ פאַרבעסערט?
דאָס נישט: דער הויף איז, דאַכט זיך, פעסט,
דער צוים געדיכט און הויך פאַר אומגעווינטשטע געסט,

און דאַך דעם אומגליק מיט די הינער יעדער טאָג פאַר־
גרעסערט.
אווו עס שטעקט דער בראָך האָט קיינער נישט דערשנאַפּט.
נאָר ס׳האָט דער לייב געהייסן היטן. און מע האָט געכאַפּט —
דעם פוקס אַליין. דעם שווינדלער מאַכט אַ ווארע!
הגם ער האָט דעם הויף געבויעט לויטן זין,
אַז קיינער זאָל נישט קאָנען זיך אריינקריגן אַהין,
פאַר זיך אַליין האָט ער געלאָזט אַ שפּאַרע.

אופּאַ, 1943 — ווארשע, 1950

א בלבול

עס טרעפט זיך אָפט, ווען מיר אַ חטא באַגייען,
מיר זאָלן אונדזער שולד אויף וועמען איבערדרייען,
און גאָרנישט זעלטן הערט מען עמעץ רעדט:
— עס וואָלט מיר, ווען נישט יענער, נישט ארויף גאָר אויפן זינען! —

און ווען ער קאָן קיין מענטשן נישט דערויף געפינען,
דעם טייוול מאַכט ער שולדיק אין דעם חטא,
הגם דער טייוול איז לחלוטין נישט געווען דערינען.
כ'האָב ביישפּילן דערויף אַ תהום, הערט איינעם פון דעם מין.
געלעבט האָט איינמאָל אין אַ לאַנד אויף מזרח אַ בראַמין,
כאָטש אויפן וואָרט אַ גלויביק-הייסער דינער,
איז ער געווען אין זיינע מעשים גאָר פאַרקערט
(פאַראַן צבועקעס אויך צעווישן די בראַמינער),
נאָר דאָס איז אגב-אורחא, און דער תוך איז, הערט,
וואָס אין דער ברודערשאַפט, צו וועלכער ער געהערט,
געהאַט אזאַ מין דרך האָט בלויז ער, ער איינער,
די אַנדערע — זיך אויסגעלעבט אין הייליקייט און ריינער,
און, וואָס שוין שלימער קאָן פאַר אים נישט זיין,
דער מדריך — אַ כאַראַקטער האָט פון שטיין ער:
און עובר זיין אויף די מנהגים שטעל זיך גאָר נישט איין.
נאָר ס'קימערט זיך נישט מיין בראַמין צעווישן די בראַמינער.
אָט איז אַ תענית היינט, דאָך טוט זיך אַ באַזין ער:
צו קאָן מען נישט בסוד פאַרגרייטן עפּעס אַ געריכט?
אַ זוך געטאָן, און ס'איז אָן איי געפינען אים געראָטן,
אויף נאַכט דערוואַרט זיך, צינדט ער אָן אַ ליכט
און נעמט זיך אויפן ליכט עס בראָטן;
ער דרייט עס לייכט אַקעגן פלעמל מיט געדולד,
ער ווענדט דערפון נישט אָפּ קיין אויג און עסט עס מיטן רעיון;

און ווען מדריך מיט אַ שמייכל נעמט ער ברייען:
— דו וועסט זיך דאָך נישט כאַפּן אויף מיין שולד,

לאַנגבערדיקער ידיד מײנער! אַט ברי איך
און שלינג עס באַלד אַראָפּ, דאָס איי, מיט אַפּעטיט. —
אין דעם מיט שטילע טריט
אַרײַן איז צום בראָמין אין צעלע דער משגיח
און, זעענדיק אַ חטא אַזאַ,
אָן ענטפער פאָדערט גרויזאַם. ס'איז בעשײמפערלעך דער חטא שוין,

און אים פארלײקענען איז שפּעט שוין!
— זײַ מוחל, פּאַטער הײליקער, מײַן האַר;
פאַרגיב מײַן חטא! — ווי מיט בזיון,
דורך טרערן דער בראָמין אים בעט:
איך ווײס אַלײן נישט, ווי איך בין געקומען צום נסיון;
אָך, ס'האָט מיך אָנגערעדט אַ בײזער שד! —
ווי דאָ פון צווישן אויוון שרײַט אַ שדל גרימיק זײער:
— ווי שעמסטו זיך נישט תמיד אונדז באַרײדן? און פאַרוואָס?
איך האָב אַלײן געלערנט עס בײַ דיר נאָר וואָס,
און, כ'לעבן, ס'ערשטע מאָל איך זע אָט דאָס,
ווי אויף אַ ליכטל בראָט מען אײער.

אופּאַ, 1942 — לאָדזש, 1947



פון זעקסטן בוך

דער וואָלף און די פּאַסטעכער

אַגומלט גייט אַ וואָלף אַ פּאַסטעך־הויף פאַרביי
און זעט אַדורכן פּלויט — די פּאַסטעכער גאַנץ פריי
פון טשערדע קלייבן אויס דאָס שעפּסעלע דאָס בעסטע
און קוילען עס, צעטרייבערן און גרייטן צו,
און פרידלעך ליגן זיך די הינט אויף רו.
ער גייט געקרענקט אַוועק און זאָגט זיך דורך די ציין פאַר־
פרעסטע:
— וואָס פאַר אַ טומל וואָלט איר אויפגעהויבן אַלע גלייך,
ווען א י ך וואָלט, חברה, דאָס געטאָן שטאָט אייך!

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1947

דאָס האָר־קעמל

דאָס קעפּל פון איר קינד צו קעמען האָט די מוטער
געקויפט א קעמל א געדיכטס און גרויס.
דאָס קינד — קיין איין מינוט נישט מיטן נייעם חפץ רוט ער:
צי שפּילט עס זיך, צי׳ם אלף־בית עס חזרט אויס,
כסדר זיינע לאָקן די אנטבלויזטע,
די גאָלדענע, צעכוואַליעטע און שעפּסלדיק־געקרויזטע,
און ווייכינקע, ווי איידלער ליין —
צעקוואָלן קעמט ער מיטן קעמל פיין.
און סאַראַ קעמעלע! נישט נאָר עס רייסט נישט,
ס׳פאַרטשעפּעט נישט אפילו, מיט קיין ציינדל בייסט נישט:
עס שלייכט אזוי זיך לייכט און גלאַטיק אין די האָר,
אַז ווי עס אַפּצושאַצן שטעלט דאָס קינד זיך גאַרנישט פאָר.
און דאָך האָט געפּאַסירט, דאָס קעמל איז אַנטקומען.
מיין קינד האָט זיך פאַרשטופּט, מיט שפּילערייען זיך פאַר־
נומען,
און ס׳האָבן זיך די האָר זיינע פאַרקאָלטנט אין אַ קנויל.
קוים רירט די ניאָניע אָן די האָר, שרייט אויף דאָס קינד
אַ גרויל:
— מיין קעמעלע ווו איז? — איז טאַקע גוט און ווויל,
וואָס ס׳האָט דאָס קעמעלע זיך אַפּגעפונען; אַ גדולה!
נישט מער, וואָס אין די האָר — נישט צריק און נישט פאָרויס,
ביז טרערן רייסט עס בלויז.
— ווי שלעכט דו ביסט, קעמולע! —
שרייט בייז דאָס קינד מיט אויגן טרערן־פולע.
דאָס קעמל זאָגט אים: — איך דער זעלבער בין און גאָר,
נאָר וואָס? פאַרקאָלטנט זיינען דיינע האָר. —
נאָר ס׳האָט דאָס קינד, פון צאָרן אַזש אַ בלאַסער,
אריינגעוואָרפן ס׳קעמל אינעם טייך —
און איצט דערמיט זיך קעמען די נאַיאַדן*) אינעם וואַסער.

---

*) וואַסער־נימפן, וואַסער־מיידלעך.

איך האָב עס אין מיין לעבן צוגעזען: אַזוי־אַ גלייך
די מענטשן מיטן אמת זיך באַגייען.
כל־זמן עס איז אונדז דאָס געוויסן ריין,
איז אונדז דער אמת ליב, דער אמת הייליק־שיין,
מיר פאָלגן אים, אויף אים באַשטייען;
נאָר קוים געפעלשט מיט דער נשמה אויף אַ האָר,
איז — אמת, גיי צון אַלדי שוואַרצע יאָר!
און ס'לאָזט זיך, ווי דאָס קינד, נישט קעמען קיינער,
ווען ס'ווערט פון זיינע האָר אַ קאָלטן איינער.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1948

דער קאַרגער און די הון

דער קאַרגער, וועלנדיק פאַרמאָגן אַלץ, ווערט אַלץ גאָר אָן.
כדי נישט האָבן לאַנג מיט זוכן בײַשפּילן צו טאָן —
הגם זיי זײַנען דאָ אַ סך, איך ווייס עס זיכער,
נאָר כ'פּויל זיך זוכן, — איז עס מיר שוין ניחאר
דערציילן אײַך אַן אַלטן משל, וואָס איך קאָן.

געווען אַמאָל אַ קאַרגער מאַן אַזעלכער,
געלייענט האָב איך אין מײַן קינדהייט, וועלכער
האָט נישט געהאַט קיין פאַך און קיין געשעפט.
נאָר פּולער ווערן זײַנע קופּערטעס. פונוואַנען?
ער האָט פאַרמאָגט אַ הון (גיי זיי אים נישט מקנא!),
וואָס האָט געלייגט אים אייער — האַרט און ווערט געפּלעפט,
נישט פּראָסטע צום פאַרצערן,
נאָר גאָלדענע, ווי שטערן.
אַן אַנדערער צופרידן וואָלט געווען פון דעם
צו ווערן ביסלעכווייז אַן עושר מיט אַ שם,
נאָר אים, דעם קאַרגן, טוט דאָס אַלץ נישט סטייען,
עס האָט אים אויפגעבליצט אַן רעיון:
אַן אוצר ליגט אין איר — שנייד אויף די הון און נעם!
און, גאָר פאַרגעסנדיק די חסדים, וואָס זי האָט געטאָן אים,
באַגאַן איז ער דעם חטא פון זײַן אומדאַנקבאַר און
געקוילעט זי. און וואָס? ער האָט, אַלס לוין אַפּנים,
אַרויסגעשלעפּט פון איר געדערים פון אַ פּראָסטער הון.

אופא, 1944 — ווארשע, 1949

צוויי פעסער

עס קויקלען זיך צוויי פעסער: איינע אנגעפילט מיט וויין,
די צווייטע — פארצושטעלן אייך איך האב די ערע —
א לערע.
די ערשטע אן געררויש קרייז־אויס, קרייז־איין
זיך דרייט פאמעלעכן ארויף, ארונטער,
די צווייטע שפרינגט, עס טראגט זי אונטער;
זי הילכט אויפן שאסיי מיט טראסק אין איר געאייל,
און ס'הייבט א שטויב זיך, ווי א זייל;
איר אפטרעטן דעם וועג האלט יעדער פאר געזונטער,
זי שרעקט די דורכגייער פון ווייט.
נאר ווי זי זאל נישט טומלען, אט די פאס, פארשייט,
פארמאגט זי נישט אין נוצלעכקייט דער ערשטער פאס בא־
טייט.

ווער אן אן אויפהער וועגן זיינע מעשים שרייט ער,
זייט זיכער, אז פון עפעס תוכיקס איז גאר ווייט ער;
ווער אמת טיכטיק איז, איז אפט אין ווערטער דעליקאט.
דער גרויסער מענטש צעקלינגט זיך בלויז מיט טאט,
און זיינע וויכטיקע געדאנקען קלערט ער,
נישט טומלענדיק מיט ווערטער.

אפעלעס*) און דאָס אײזעלע

װער ס׳לײדט אױף אײגנליבע היפּש און שפּאָר,
זײַן לעכערלעכסטער פעלער ליב איז אים גאָר־גאָר;
און אָפטער טרעפט, ער זאָל זיך איבערנעמען
מיט װאָס ער דאַרף זיך גאָר צו שעמען.

דאָס אײזעלע געטראָפן אײנמאָל אױף דער פרײ,
אפּעלעס אים פאַרבעט — צו אים אין גאַסט צו קומען;
דאָס אײזעלע װערט ביזן בײַן אַדורכגענומען!
ס׳װערט ענג אין װאַלד פון אײזעלעס באַרימערײ:
— װי ס׳האָט אַפּעלעס מיך דערעסן, — רעדט עס צו די חיות:
ער האָט מיך שױן פאַרפײניקט! — פראַװועט עס העװיות:
אַז װו ער טרעפט מיך, לאָזט ער נישט צו רו,
פאַרבעט צו זיך. מיר דאַכט זיך, פרײַנט, הערט צו,
ער דענקט אװדאי נאָכמאָלן פון מיר פעגאָסן.**)
— אָ, נײן, — באַװײַזנדיק זיך גראָד, אַפּעלעס זאָגט מיט שפּאָס:
פאַרטראַכטנדיק אַ בילד „דער אורטײל פון מידאָס",***)
מיר גלוסט זיך דײַנע אױערן אַרױפמאָלן מידאָסן;
באַװיליקסטו צו מיר צו קומען, װעל איך זײַן אַנטציקט.
כאָטש אײזל־אױערן אַ צאָל אַ היפּשע קען איך,
נאָר אױערן װי די, מיט װעלכע דו ביסט עס באַגליקט,
נישט נאָר בײַ אײזעלעך כ׳האָב קײנמאָל נישט דערבליקט,
נאָר אױך בײַ אײזלען האָב עס נישט געזען איך.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1948

---

*) אַ באַרימטער מאָלער אין דעם אַלטן גריכנלאַנד.

**) אַ באַפליגלט פערד, דער סימבאָל פון פּאָעטישער באַגײַסטערונג.

***) אַ לעגענדאַרער פריגישער מלך.

א יעגער

ווי אָפֿט מע זאָגט: איך וועל דאָס נאָך באַווייזן.
מע מוז זיך אָבער מודה זיין די וואָר —
ס'איז נישט די עצה פֿונעם שכל, נאָר
פֿון אונדזער פֿוילקייט, וואָס דערפֿירט צו מאַכן גרייזן.
דיין אַרבעט זאָלסטו שנעלער ענדיקן בכן,
און האָב קיין טענות נישט צום צופֿאַל, רק צו זיך אַליין,
ווען פּלוצעם פֿאַרן מוז זי אויסצופֿירן בלייבסטו שטיין.
איך וועל דאָס מיט אַ משל אייך באַווייזן.

אַ יעגער האָט געלאָזט זיך מיט דער ביקס אין וואַלד,
מיט אַלץ, וואָס נייטיק איז, באַגלייט פֿון זיין העקטאָרן,
זיין טרייען הונט; בלויז דאָס איז אַ חסרון —
ער האָט די ביקס נישט אָנגעלאָדן באַלד,
כאָטש עמעץ האָט עס אים געעצהט: וואָרן...
— עך, שטותים! — זאָגט ער: כ'קאָן דעם וועג שוין לאַנגע יאָרן,
קיין שפּערל איז נאָך זינט איך לעב נישט דורכגעפֿלויגן דאָרט,
און ס'איז אַ גאַנצע שעה נאָך גאַנג צום אָרט,
אויף הונדערט מאָל זי אָנצולאָדן איז מיר צייט פֿאַרבליבן. —
נאָר וואָס? ווי נאָר עס ענדיקט זיך די שטאָט, דערזעט ער פּאָרט —
(ווי ס'וואָלט פֿון אים פֿאַרטונע שפּאַס געטריבן),
אַ הערטל קאַטשקעס שווימט,
שפּאַצירט זיך אויף דער אָזיערע דער קליינער;
ס'וואָלט דעמלט אונדזער שיסער גאַנץ באַשטימט
שוין מיט דער ערשטער אָנלאָדונג, מיט איינער
אַוועקגעלייגט אַ טוץ אַ האַלבע טויט
און וואָלט באַזאָרגט געווען אַ וואָך מיט ברויט,
ווען אָנגעלאָדן וואָלט געווען זיין ביקס מיט שרויט.

ערשט איצט האָט ער די אָנלאָדונג גענומען איילּיק מאַכן,
נאָר קאָטשקעס זײַנען וואַכזאַם אויף אַזעלכע זאַכן:
און ווי ער האָט זיך דאָ געעסקט, האָבן זיי אין שרעק
גענומען שרײַען, ציטערן און אינדערהויך געפֿלויגן —
צו יענער זײַט פֿון וואַלד זיך, ווי אַ שנירל, אויסגעצויגן
און דאָרט פֿאַרשווּנדן בײַ זײַן ברעג.
דער שיסער איז דערנאָך אין וואַלד אומזיסט אַרומגעלאָפֿן,
ער האָט אַפֿילו נישט קיין שפּערל דאָרט געטראָפֿן;
און דאָ צום אומגליק נאָך אַ בראָך:
ס׳האָט זיך געמאַכט דערנאָך
אַ מיאוס וועטער.
און ס׳האָט דער יעגער דער בר־דעת
זיך אומגעקערט אַהיים פּיטש־נאַס,
די טאָרבע — לער; און אויסגעלאָזט דעם כעס
גראָד נישט צו זיך — צום מזל, דעם פֿאַרעטער.

אופֿאַ, 1943 — וואַרשע, 1950

דער אייזל און דער פויער

א פויער האָט געדונגען זיך אַן אייזל מיטן צוועק,
ער זאָל אים זומערצייט דעם גאָרטן היטן —
אויף חצופים שפּערלעך און וואָראָנעס אַנצוּוואַרפן שרעק.
דער אייזל איז א מאַן פון לויטער אָרנטלעכע זיטן.
ער ווייסט נישט וואָס הייסט רויב, גנבה, אָדער ענלעכס וואָס;
ער זאָל א בלעטל כאַטש געניסן פונעם באַלעבאָס!
ער זאָל די פייגל עפּעס שענקען, איז א זינד צו זאָגן;
נאָר שלעכט פאַרדינט פון גאָרטן האָט דער פויער פּאָרט.
די פייגל יאָגנדיק און די רגלים נישט געשפּאָרט,
דער אייזל האָט זיך איבער לענג און ברייט פון יעדן אָרט,
דורך אַלע בייטן, ווילד אַזוי געטראָגן,
אַז אַלץ האָט ער צעמורשט, צעטרעטן אויף דער שטעל.
דערזען זיין האָרעוואַניע — תּיל־און־תּל,
דער פויער נעמט נקמה פאַרן שאָדן גאָר מסוכן
מיט א דובינקע אויפן אייזלס רוקן.
עס שרייען אַלע: — גוט! די בהמה איז עס ווערט!
מיט זיין פאַרשטאַנד — אַז ווו האָט מען אַזוינס געהערט? —
ווי וואַגט ער פאַר אַזאַ מין אַרבעט זיך צו שטעלן?

און איך זאָג — נישט ווייל ס׳איז דעם אייזלס שטראָף מיר נישט געפעלן,
זיין שולד איז קלאָר (און רעכט, וואָס אָפּגעקומען פאַר איר שווער),
נאָר, דאַכט זיך, אומגערעכט איז אויכעט דער,
וואָס האָט געבראַכט דעם אייזל פאַר א שומר דאָ אַהער.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1948

דער וואָלף און דער באַטשאַן

אַז גיריק זיינען וועלף ווייסט יעדער איינער:
עס פרעסט דער וואָלף מיט ברען
און קלייבט נישט אויס די ביינער.
איז איינעם אַט דערפאַר אַ בראָך געשען:
ער האָט זיך וואָרגן מיט אַ ביין גענומען.
עס קאָן דער וואָלף קיין קרעכץ נישט טאָן, קיין זיפץ, קיין נים,
כאָטש נעם צי אויס די פים!
צום מזל איז אַ באָטשאַן דאָ אַהער געקומען.
האָט אים גענומען בעטן מיט סימנים און געוויין
דער וואָלף, ער זאָל אים ראַטעווען פון ביין.
דער באָטשאַן האָט דעם שנאָבל אין זיין פּיסק אַריינגעבויגן,
און פון זיין האַלדז מיט צרות קוים דעם ביין אַרויסגעצויגן,
און פאַר זיין טרחה בעטן בלייבט ער שטיין.
— דו טרייבסט קאַטאָוועס! — האָט די פאַלשע חיה זיך צעשריגן:
שכר־טרחה? דו וואָלסט בעסער שוין, אומדאַנקבאַרער, געשוויגן!
און דאָס איז פאַר דיר גאַרנישט, וואָס עס איז דיר גלאַט אַראָפּ —
אַרויסגעצויגן גאַנץ די לאַנגע נאָז און טעמפּן קאָפּ!
איז, גוטערברודער, אותו־רגע אָפּגעצויגן,
און היט זיך: קום נישט נאָכאַמאָל מיר פאַר די אויגן.

אופא, יון, 1944 — וואַרשע, 1950

די מוראַשקע

געווען אַמאָל אַ מוראַשקע מיט ריזידיקע כּוחות,
וואָס אויך פאָרציימנס האָט מען נישט אַזוינס געהערט;
זי האָט געקאָנט (און איר היסטאָריקער באַשטעטיקט אויך עס)
אַפילו אויפהייבן צוויי גערשטן פון דער ערד!
דערצו איר דרייסטקייט האָט אַ וויטן שם געקראָגן:
אַ וואָרעם קריכט ווּהין — ער וועט שוין נישט דערגיין:
אין אים זיך איינגעזויגן און גענומען נאָגן;
זי פלעגט אַפילו אויף אַ שפּין זיך לאָזן איין־אַליין.
דערמיט איז אונדזער מוראַשקע אַזוי באַרימט געוואָרן
ביי זיך אין מוראַשניק, אַז רעדעריי אַן שיר
געגאַן איז דאָרטן נייערט וועגן איר.
איך האַלט, אַז שבחים זיינען סם — מע דאַרף זיי שפּאָרן;
נאָר איר כאַראַקטער האָט געהאַט אָט דעם חסרון:
זי האָט די שבחים ליב געהאַט לרוב
און לויט איר גאווה זיי געוויגן,
מיט גלויבן זיך צו זיי באַצויגן
און אָנגעשטאָפּט זיך פול אַזוי מיט זיי דעם קאָפּ לסוף,
אַז ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט אין שטאָט אַריין אַ פאָר טאָן,
כּדי מיט אירע כּוחות זיך אַ גרויס טאָן דאָרטן.
איז טוט זי צון אַ פויער שטאָלץ אַ גיי,
און קריכט אַרויף זיך אויף דער סאַמע העכסטער פור מיט היי,
און פאָרט אַריין אין שטאָט מיט פּאָמפּע איבער גאַסן;
נאָר, אַך, עס קריגט אַ זעץ איר גאווה אינעם קאַרק!
זי האָט געמיינט, עס וועט צוזאַמענלויפן זיך דאָרט שטאַרק,
ווי אויף אַ שׂרפה, אָנצוקוקן זי דער גאַנצער מאַרק;
לסוף איז שטיל מיט איר, עס קומען נישט די מאַסן:
ס׳איז יעדער דאָרט פאַרטאָן מיט זיך אַליין.
עס נעמט מיין מוראַשקע אַ בלעטעלע און ציט זיך אויסעט,
זי שטעלט זיך אויף, און פאַלט אַנידער, און זי פּויזעט,

נאָר לעם דער מוראַשקע קיין איינער בלייבט נישט שטיין.
פון אויסציען און גלייכן זיך פאַרמאַטערט, האָט דערשלאָגן
אַ זאָג געטאָן לסוף די מוראַשקע צום הונט באַרבאָס,
וואָס האָט געהיט די פור פון באַלעבאָס:
— מע מוז דעם אמת זאָגן,
ס'איז בלינד און אָן אַ טאָלק
דאָס שטאָטיש פאָלק!
איז מיגלעך דען, עס זאָל מיך נישט באַמערקן קיינער,
ווי פיל איך שטרעק זיך נישט די גאַנצע צייט?
אין מוראַשניק, מיר דאַכט זיך, צווישן מיינע לייט
מיך קאָן איעדער איינער. —
און מיט בזיון האָט זי זיך צוריק אַהיים געקערט.

אַזוי־אַ קלערט
אַוועלכער יונג מיט ביינער —
עס קלינגט מיט אים די גאַרע וועלט,
און עס באַוואונדערט אים, דעם העלד,
זיין מוראַשניק אַליין נאָר.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1947

דער פאסטעך און דער ים

אין שכנות פון נעפּטונען*): אויפן ברעג פון אָקעאַן
געמיטלעך האָט געלעבט אַ פאַסטעך אין זיין הייזל;
ער האָט פאַרמאָגט אַ קליינע טשערדע, און איר קרייזל
איז אין מנוחה אים דאָס לעבן זיינס פאַרגאַן.
קיין שפע האָט ער נישט געהאַט, נאָר אויך קיין זאָרגן,
און איז געווען מיט דעם, וואָס ס'האָט דער גורל אים באַשערט,
צופרידענער, קאָן זיין, פון פיל קיסרים אויף דער ערד.
נאָר זעענדיק, ווי ס'ברענגען פונעם ים אַ יעדן מאָרגן
די שיפן בערג מיט אוצרות פראַכט,
ווי ס'ווערן סחורות טייערע אַראָפּגעלאָדן,
און אונטער זיי אין שפּייכלערס ברעכט זיך איין דער באָדן,
ווי ס'באָדן זיך די אייגנטימער זייערע אין פּראַכט,
איז ער, דער פאַסטעך, מער נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון;
ער האָט אויף סחורות אויסגעטוישט זיין קנאַפּלעכן פאַרמעג,
געזעצט זיך אויף אַ שיף — איך מעג דעם ים געטרויען.
נאָר ס'איז נישט לאַנג אים אויסגעקומען זיין אין וועג;
ער האָט גאָר גיך דערפילט די פאַלשקייט פון די ימען:
ווי נאָר עס איז פאַרשוווּנדן פאַרן אויג דער ברעג,
האָט אויפגעהויבן זיך אַ שטורעמווינט אַ שרעק,
צעקלאַפּט די שיף, וואָס איז צום גרונט געגאַן מיט אַלץ צו־
זאַמען,
און קוים מיט צרות האָט ער זיך געראַטעוועט אַליין.
ער האָט אַצינד, אַדאַנק די ימען, ווידער געמוזט גיין
אַ פאַסטעך ווערן, מיטן חילוק בלויז, וואָס פריער
געפּאַשעט האָט ער שעפּסן אייגענע מיט שטאַלץ,
און איצטער — פרעמדע שעפּסן פאַר געצאָלטס.
נאָר ווען די נויט איז גרויס אפילו אָן אַ שיעור —

*) דער גאָט פון די ימים (לויטן גלויבן פון די אַלטע רוימער).

צי איז מען זי נישט גובר מיט געדולד און מי לרוב?
פון עסן און פון טרינקען אָפּגעשפּאַרט, האָט ער געקראָגן
אַ ביסל געלט און צו אַ פרישער טשערדע זיך דערשלאָגן,
און ווידער איז אַ פּאַסטעך ער צו זיינע שאָף.
און איינמאָל אין אַ לויטערן פרימאָרגן
געזיצן איז דער פּאַסטעך אויפן ברעג פון זאָרגן
און צוגעהיט די שעפסן, וועלכע שטייען זאַט.
עס האָט קיין שאָטן זיך אין ערגעץ נישט פאַרבאָרגן,
ער האָט געזען: דער ים באַוועגט זיך נישט כמעט;
(אַזוי האָט זיך דער ים באַרואיקט — שלווה, שלום).
און ס'לויפן לייכט פון האַפן שיפן אויף זיין גלאַט.
— ווילסט ווידער געלט שוין, — האָט אַ זאָג געטאָן ער
אויף אַ קול אים:
נאָר מיינסטו מיינס — איז דאָס אַ פוסטער חלום!
זוך אוים אַ צווייטן, וועמען צו פאַרפירן, דו,
און אונדז, גענוג שוין, לאָז צו רו.
מיר וועלן זען, ווי וועסט אַנדערע פאַרנאַרן,
פון אונדז אָבער דו וועסט זיך אויף קיין פּרוטה נישט דעראַרן.

כ'וואָלט האַלטן, אַז ס'איז איבריק פאַר דעם משל אַ באַשייד,
ווי זאָגט מען עס נישט אָבער, ווען עס קומט צו רייד —
ס'איז כאַרעוועער אַ ביין אַ זיכערן צו נאָגן,
ווי איידער נאָך דער פאַלשער האָפנונג זיך צו יאָגן?
אויף איינעם, וועלכן זי האָט נישט פאַרפירט, באַטראָגן,
פאַראומגליקלעכטע טויזנט וועלן זיין,
און וואָס מע זאָל מיר וועגן דעם נישט זאָגן,
וועל איך אַלץ טענהן מיינס: נו, גוט און פיין,
נאָר וואָס עס זעט זיך פאַר — ווייסט גאָט; וואָס מיינס
אָבער — איז מיין.

אופּאַ. יול, 1944, וואַרשע — 1950

דער פויער און די שלאַנג

אַנומלט איז פאַרקראָכן צון אַ פויערל אַ שלאַנג
און זאָגט אים: — לאָמיר פריינטשאַפט אָנהייבן צו פירן!
דו דאַרפסט זיך שוין פאַר מיר נישט, שכן, פאַרסטראַכירן;
אָט זע, וואָס כ'בין געווען, דאָס טוט מיר באַנג,
און כ'האָב די הויט פאַרטוישט אום פרילינג היי־יאָר. —
נאָר ס'האָט נישט איבערציינגט די שלאַנג דעם פויער.
דער פויער כאַפּט אַ האַק
און זאָגט: — כאָטש טראָגסט אַ הויט אַ נייע,
דיין האַרץ דאָס זעלבע איז, געטרייע! —
און טייט די שכנה מיטן קנאַק.

קוים שאַפסטו אומצוטרוי זיך איין ביי לייטן,
איז ווי דו זאָלסט שוין נישט דיין מאַסקע בייטן,
היעסטו נישט ראַטעווען זיך הינטער איר,
און דאָס, וואָס מיט דער שלאַנג, קאָן טרעפן אויך מיט דיר.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1947

דער פוקס און די ווינטרויבן

פאַרקראָכן אין אַ סאָד, שטייט הונגעריק דער פוקס, פאַר־בלענדט:

עס רויטלען זיך די ווײַנטרויב־הענגלעך, ווינקען, ציען.
דעם פּיקסלס ציין און אויגן נעמען גליען;
איעדעס זאַפטיק הענגל, ווי אַ יאַספּיס, ברענט;
נאָר דאָס די צרה איז, זיי זײַנען הויך געשטויגן:
אַז ווי, פון וועלכער זייט דו זאָלסט דאָ נישט פאַרגיין,
הגם עס זעען קלאָר די אויגן,
דערלאַנגען נישט די ציין.
אַזוי געמאַטערט לאַנג זיך אָן אַ פּעולה,
ער גייט אַוועק און זאָגט פאַרדריסלעך זיך אַליין:
— זיי זײַנען אויפן אָנבליק שיין, נאָר וואָס איז די גדולה,
אַז ס'איז קיין טרויב קיין איינציקע נישט צייטיק; גרין, געמיין —
זיי וואָלטן אייליק מיר געמאַכט די ציין.

אופא, 1949 — לאָדזש, 1947

די שאָף און די הינט

אין אַ געוויסער שעפּסן־טשערדע ווערט באַשטימט אַמאָל,
כּדי עס זאָלן מער די וועלף איר רו נישט שטערן,
דעם מספּר פון די כּלבים צו פאַרמערן.
נו, וואָס? זיי האָבן זיך צעפלאַדיעט אין אַזאַ מין צאָל,
אַז, אמת, פון קיין וועלף די שאָף שוין מער נישט הערן,
נאָר כּלבים דאַרפן אויך דאָך עסן סוף־כּל־סוף —
איז תּחילת פּליקן זיי די וואָל אויס פון די שאָף,
דערנאָך די פעלעכלעך געשונדן, לויט אַ גורל, ווערן,
דערנאָך פאַרבלייבן בלויז אַ פיר־פינף שעפּסן, און לסוף
אויך זיי די הינט פאַרצערן.

אופּאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

דער בער אין פאַנג-נעץ

עס האָט זיך אין אַ נעץ אַריינגעוואַליעט שווער
אַ בער.
פֿון טויט פֿונוויטנס קאָנסטו שפּעטן זיך פֿאַרגינען,
דער טויט דערלעבנס — עפּעס אַנדערש ליגט דיר שוין אין
זינען.
צו שטאַרבן האָט דער בער נישט קיין באַגער.
מיין בער וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו ברעכן ביינער,
נאָר ס'האָט די פֿאַנג-נעץ אים פֿאַרפּלאָנטערט גאָר און גאַנץ,
און ס'רינגלט אים אַרום אַ קראַנץ
פֿון פּיקעס, ביקסן, הינט מיט קריצנדיקע ציינער.
אַזוי, אַז אַ געשלעג איז איצט נישט פֿאַר זיין כוח.
איז וויל מיין בער זיך העלפֿן מיטן מוח
און זאָגט צום פֿאַנגער: — ליבער, איך בין גערן וויסן,
פֿאַר וועלכע זינד מיינע אָקעגן דיר ביסטו פֿאַרביסן,
פֿאַרלאַנגסט מיין קאָפּ — פֿאַר וואָס? וואָס האָב איך דיר
געטאָן?
צי גלייבסטו אין די פֿאַלשע לשון-הרע-ריידעס,
אַז בערן זיינען שלעכט? אָך! ס'הייבט לחלוטין זיך נישט אָן!
עס וועלן אַלע מיינע שכנים זאָגן עדות,
אַז איך בלויז צווישן חיות בין פֿון יעדן פֿירהאַלט ריין,
איך זאָל עס האָבן ווען, אַפֿילו אין די גרעסטע נויטן,
כאָטש אָנגערירט אַ טויטן. —
אויף דעם דער יעגער ענטפֿערט: — אמת, כ'זאָג נישט ניין.
איך לויב אַזאַ מין אַכטונג צו די טויטע.
נישט מער, אויב דו געהאַט אַ מיגלעכקייט האָסט בלויז,
קיין לעבעדיקער גאַנץ פֿון דיר איז נישט אַרויס.
אַז ליבערשט וואָלט געווען דיין אַפּעטיט צו טויטע גרויס
און וואָלסט צורו געלאָזט די לעבעדיקע, בערל שוטה.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1948

דאָס ייִנגל און דער וואָרעם

דו האָפּסט אומזיסט—דיין גליק זיך איינצושאַפן דורך פּאַראַט.
אויך די פּאָר שפּל האַלטן דעם פּאַרעטער, וואָס באַגייען
אוים נויט דעם חטא צו גלעטן אים נאָך פּאָר זיין טאַט!
צום נאָענטסטן צום אומגליק די פּאַרעטער שטייען.

א וואָרעם האָט געבעטן ביי א פּויער גנאָד —
אריינצולאָזן אים אין געסט אויף זומער אין זיין סאָד.
ער האָט אים צוגעזאָגט זיך אויפצופירן ערלעך,
ניט אָנרירן קיין פּרוכט, נישט אָנעסן זיך זאַט,
נאָר זעלטן נאָגן בלויז א וועלקנדיקע בלאַט.
דער פּויער טראַכט: „ווי זאָגט מען אָפּ עם גלאַט:
ער וועט מיר ענג מאַכן אין סאָד? ס'איז נישט געפערלעך.
אַט זאָל ער וווינען דאָ געזונטערהייט.
דערצו קאָן אויך מיין שאָדן דאָך נישט גרוים זיין,
אויב זיין דערנערונג וועט א בלעטל בלויז זיין".
דערלויבט ער אים און מיטן בליק אים אויף א בוים באַגלייט!
א צווייגל שיצט פון אומוועטער דאָס ערטל, ווו ער שטייט.
דער וואָרעם לעבט נישט שלעכט, הגם נישט גרויסאַרטיק —
באַשיידן,
און קיינעם הערט מען וועגן אים קיין וואָרט נישט ריידן.
דערווייל די שטראַלן-קיניגין די פּרוכט באַגילדט,
און אַט אין פּויערס סאָד, ווו ס'נעמען שוין די פּרוכטן רייפן,
ווערט צייטיק אויפן צווייגל דאָ אַן עפּל, וועלכער שפּילט,
א זאַפטיקער, א לויטערער בורשטין, מיט שטראַלן-שטרייפן.
צום עפּל ברענט שוין לאַנג א ייִנגל מיט באַגער:
צעווישן טויזנטער בלויז אים באַמערקט האָט ער,
נאָר צו דערקריגן זיך צון אים איז זייער שווער.
צו קריכן אויפן עפּלבוים דאָס ייִנגל טוט זיך שרעקן,
א טרייסל טאָן דעם בוים קיין כוחות אים נישט קלעקן,

בקיצור, ווי באַקומט מען פּאָרט דעם עפּל? שאַט —
אין דער גנבה העלפֿן נעמט דער וואָרעם אים, דעם יאַט.
— הער אוים, איך ווייס געננוי, — אים זאָגט דער קריכער:
די עפּל אָפּרייסן — געוווען דעם באַלעבאָס באַפֿעל,
איז מיט דעם עפּל זיינען ביידע מיר נישט זיכער.
כ׳נעם דאָך זיך אונטער צו באַקומען אים דיר שנעל,
נאָר זאָלסט מיט מיר זיך טיילן. קאָנסט זיך נעמען אויף דער שטעל
כאָטש צען מאָל אַזויפֿיל פֿון דעם וואָס מיר וועסט געבן,
ווייל אויף דער קלענסטער טייל וועט קלעקן ווייל כ׳וועל לעבן
פֿאַר מיר צו נאָגן און באַפֿרידיקן מיין זעל.
איז אָפּגעמאַכט: דער יאַט איז מסכים אויפֿן עסק:
דער וואָרעם טוט א נעם זיך פֿאַר דער ארבעט שווייסיק,
און אין א רגע אָפּגעזעגט דעם עפּל — שוין.
און וואָס האָט ער געקריגן פֿאַר א לוין?
ווי נאָר דער עפּל איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף די גראָזן,
איז מיט די יאַדערן אריין ער אינעם יינגלס מויל;
און ווען דער וואָרעם קומט זיין טייל געניסן —
— אוי, א גרויל!
צעטרעט דאָס יינגל גלייך דעם וואָרעם מיטן זויל:
דער עפּל און דער וואָרעם האָבן נישט קיין שפּור געלאָזן.

אופּא, 1944 — לאָדזש, 1948.

א לויה

פּאַרצייטנס איז געווען אַ מנהג אינעם לאַנד מצרים,
קוים וויל מען עמעצן באַהאַלטן גרויסאַרטיק און שיין,
צו דינגען קלאָגערינס, זיי זאָלן נאָכן אָרון גיין.
איז איינמאָל, ביי אַ גאַר באַרימטן מאַנס לויה,
אַ מחנה קלאָגערינס באַגלייט אַרוים
מיט גרוים געיאָמער פונעם שנעל־פאַרשווינדנדיקן לעבן
דעם בר־מינן, אים אָפּצוגעבן
דער אייביקער מנוחה אויפן שוים.
אַ וואַנדערער, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען דאָ דערלעבן,
געמיינט — דעם בר־מיננס משפחה שינדט אַזוי דער וויי,
האָט זיי אַ זאָג געטאָן: — צי וואָלט עס פרייד אייך געבן,
ווען עמעץ קערט אים אום צוריק צום לעבן?
איך בין אַ מאַגיקער; איך קאָן עס מאַכן איינס און צוויי;
השבעות טראָגן מיר אַזעלעכע אין דער הלבשה —
ס׳וועט תיכף אויפלעבן דער מת.
— אַ, פּאַטער! — שרייען אַלע אוים: דערפריי אונדז מיטן נס!
מיר האָבן בלויז דערביי נאָך איין בקשה,
אַז נאָך אַרום אַ פינף מעת־לעת
זאָל ווידער ווערן ער אַ מת.
אַלם לעבעדיקער האָט ער נישט געבראַכט קיין נוצן קיינע
און וועט להבא אויך מסתם פאַרבלייבן הארב;
נאָר וועט ער מאַכן נאָכאַמאָל אַ שטאַרב,
דאַן וועט מען זיכער ווידער דינגען אונדז אים צו באַוויינען.

פאַראַן פיל רייכע לייט ,וואָס בלויז מיט זייער טויט
זיי לינדערן אַ קאָפּעטשקע דעם צווייטנס נויט .

אופא, 1944 — לאָדזש, 1948

דער ארבעטזאַמער בער

אַ בער געזוען האָט ביי אַ פּויער ס׳מזל-ברכה
פון מאַכן דוהעס (דוהעס מאַכן איז אַ זאַך,
צו וואָס עס פאָדערט זיך געדולד אַ סך),
און ער באַקלערט: איך נעם זיך אויך פאַר דער מלאכה.
און ס׳איז אַוועק אין וואַלד אַ רויש, אַ טראַסק, אַ טראַך —
אַ וויאָרסט אַרום האָט אָפּגעהילכט די שפּיל מיט עזות.
פון ניסביימער אָן צאָל, בערעזקעלעך און וויאַזעס
מיין בערל האָט געמאַכט אַ תל-און-תל,
נאָר די מלאכה רירט זיך נישט פון שטעל.
איז ער געגאַנגען צו דעם פּויער זיך אָן עצה האַלטן:
— דערקלער מיר, שכן, — זאָגט ער: וווּ די סיבה איז באַ-
האַלטן?
צעברעכן ביימער קאָן איך, גאָרנישט אָבער קומט אַרויס —
עס בייגט קיין איינער אין קיין דוהע זיך נישט אויס.
אין וואָס באַשטייט די קענטעניש אין תוך געשפּראָכן?
— אין דעם, דער פּויער ענטפערט קליפּ און קלאָר:
וואָס דו פאַרמאָגסט נישט אויף קיין האָר —
אין גרויס געדולד, מיין שכן.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1948



פון דעם זיבעטן בוך

דער ראַט פון די מייז

די מייז איז איינמאָל זיך באַרימט צו מאַכן איינגעפאַלן —
הגם די קעץ און קאָטערס טוען אָן אין דין:
אַראָפּפירן די קעכערס, דינסטמיידלעך פון זין,
עס זאָלן פון די קעלערס ביז די בוידעמס שאַלן
די גרויסע אויפטוען פון זייער מין.
צו דעם־אָ צוועק באַשטימען זיי אַ ראַט צו שאַפן. וואַלן!
אין אים נאָר ד ע ר באַטייליקן זיך מעג,
וואָס, ווי זיין גאַנצע וווקס, איז לאַנג זיין עק:

אַ סימן ביי די מייז — וואָס לענגער ס'איז דער עק ביי וועמען,
אַלץ מערער זיך פאַרלאָזן אויף זיין שכל קען מען,
און ער געשיקטער איז אויף יעדן אָרט.
צי דאָס איז קלוג, מיר וועלן איצטער וועגן דעם נישט קנעלן;
און ווידער, טוט דאָך אונדז אַליין דער שכל ווילגעפעלן
לויט די מלבושים, אָדער לויט דער באָרד.
ס'איז נייטיק נאָר צו וויסן, אַז מיט אַלעמענס הסכמה
פון בלויז לאַנגעקיקע געווײלט געוואָרן איז דער ראָט;
און ווער עס האָט קיין עק צום אומגליק נישט געהאַט,
אַפילו אויב ער האָט פאַרלוירן אים אין אַ מלחמה —
ווייל דאָס באַווייזט, אַז אָדער טויג ער נישט צו גאָרנישט
גלאַט,

צי ס'פעלט אים ברען אין דער נשמה —
אַזעלכער קאָן אין ראָט נישט גיין,
מע זאָל די עקן צוליב אים נישט פּטרן אַליין.
ס'איז אַלץ שוין גרייט צו דער פאַרזאַמלונג דער געערטער,
ווי נאָר די נאַכט וועט צופאַלן אין הויף;
און ענדלעך קומט מען זיך אין מעל-קאַסטן צונויף
און מע פאַרנעמט די ערטער.
נאָר גלייך ווי ס'עפנט זיך די זיצונג אויפן קאַסטנס דעק,
קוק אָן, עס זיצט אַ מויז דאָ אָן אַן עק.
באַמערקט דאָס, טוט אַ יונגע מויז אַ טאָרע
אַן אַלטע גרויע מויז
און זאָגט: — ווי פאַלט עס אויס
אָט דער אָנעקיקער מיט אונדז צו זיצן, ווי אַ שררה?
און ווו איז דאָס געזעץ דאָס מייזענע אַוועק?
הייב אויף דיין שטים, מע זאָל וואָס שנעלער געבן איר דעם
וועג.
דו ווייסט ווי אונדזער פאָלק האָט פיינט אַזעלכע תכלית-שנאה;
זי האָט דעם עק דעם אייגענעם נישט איינגעהיט — אַזאַ
ווי קאָן אונדז ברענגען נוצן? זי איז אַ געפאַר,

נישט בלויז פֿאַר אונדז, פֿאַר אונדזער גאַנצער אונטער־דיל־
מדינה! —
און ס׳ענטפֿערט איר די מויז: — דו שווייג! איך ווייס עס
נישט פֿון היינט,
נאָר ס׳קער מיר אָן די מויז אַ פֿריינט.

אופֿאַ, 1944 — ווארשע, 1949

דער מילנער

דאָס וואַסער האָט אַדורכגעגעצט די דאַמבע ביי דעם מילנער;
דאָס אומגליק וואָלט נישט גרויס געווען פון אָנהייב, ווען
ער וויל נאָר,
ווען צולייגן אַ האַנט וואָלט ער געווען נישט פויל.
צו וואָס אָבער? מיין מילנער זאָרגט נישט, לעבט זיך ווייל.
דער דורכגעניץ ווידער שטאַרקט פון טאָג אויף טאָג זיך:
דאָס וואַסער, ווי פון עמערס, שלאָגט פאַרשייט.
— העי, מילנער, געניץ נישט! שוין העכסטע צייט
דו זאָלסט צום שכל קומען. יאָג זיך! —
און ער, דער מילנער, זאָגט: — צום אומגליק איז נאָך ווייט;
קיין ימען דאַרף איך נישט — איז האָב איך צייט,
עס וועט מיר וואַסער אויף מיין גאַנצן לעבן קלעקן. —
ער דרימלט, און דאָס וואַסער דורך דער לאָך,
ווי פון אַ צעבער, לויפט דערווייל פון אַלע עקן.
און אָט געקומען איז דער גאָרער בראָך:
דער מילשטיין שטייט, נישטאָ וואָס מיט דער מיל צו מאַכן.
דער מילנער כאַפּט זיך מיט אַן אָכעניש און אַכן;
ווי היט מען איין דאָס וואַסער? — אונדזער מילנער טראַכט.
דערזעט ער איינמאָל, פאַרשנדיק דעם דורכגעניץ, ווי באַדאַכט
קומט צו צום טייך אַ טרונק צו טאָן אַ פּאָרל הינער.
— כאָכלאַטע שוטים! — זיך צעשרייט אַן זין ער:
אויך אָן אייך ווייס איך נישט, וווּ קריגט מען וואַסער? וווּ?
קומט איר דאָס לעצטע אויסצוטרינקען נאָך דערצו! —
און טוט אַ פלעם זיי מיט אַ דרענגל. נו,
האָט ער דערמיט געמאַכט זיין לאַגע לייכטער?
אָן הינער און אָן וואַסער צו זיין פּאָדוויר שלייכט ער.

עס איז מיר אויסגעקומען זען פון צייט צו צייט
אַזעלכע לייט

(פאַר זיי דער משל אַ געשאַנק איז),
וואָס טויזנטער אויף שטויב פאַרשוועגדן איז זיי נישט קיין
צער,
נאָר ווען דאָס באַלעבאַטישקייט געפינט זיך אין געפאַר —
אַ ליכט-שנויץ איינצושפּאָרן זייער הויפּט-געדאַנק איז,
און זייגען גרייט אַראָפּדרייען פאַר אים אַ קאָפּ.
ביי שפּאָרזאַמקייט אַזעלכער גייט אַ סך דען אָפּ,
עס זאָל אַ הויז זיך שטעלן קאָפּ-אַראָפּ.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1947

דער פארשטעגדער און די שוואלב

אנומלט האט א בראווער יונגערמאן
צעטרענצלען פלייסיק זיך גענומען
זיין רייכן גוט, אלס ארב באקומען,
און ביז צו ארעמקייט דערגאן;
פארבליבן איז אים בלויז א פוטער איינער,
און דאס דערפאר — ס׳איז ווינטער דאן געווען,
האט ער פאר פרעסט געהיט די ביינער.
נאר ווי עס האט מיין יאט א שוואלב דערזען,
צעטרענצלט האט ער אויך דעם פוטער.
אז מיט די שוואלבן קומט דער גוטער
און ליבער פרילינג, ווייסן וועלט און לייט,
איז טראכט ער: ס׳האט שוין נישט דער פוטער קיין באטייט:
צו וואס אין אים זיך טוליען, ווען מיט אלע וועגן
קומט אן די זיסע פרילינג-לופט אנטקעגן,
די פרעסט, פאריאגט קיין צפון, האבן נישט קיין מאכט! —
דער יאט האט אויסגערעכנט קלוג, באדאכט;
נאר אויך דאס שפריכווארט פארגעדענקען וואלט ער מעגן:
איין שוואלב איז פרילינג מאכן נישט בכוח.
און ווירקלעך: ווידער קומען פרעסט, זאווייען,
עס סקריפען איבער הארטע שנייען פורן-רייען,
פון קוימענס ציען זיך אין זיילן רויך,
און ס׳פרירן אן אויף שויבן דעסענעס פון הויך.
דער יונג — פון קעלט מיט טרערן זיינע אויגן אזש פארגייען,
און דעם מבשר פון דער ווארעמקייט, זיין שוואלב, ער זעט —
געפרוירן אויפן שניי. איז ווענדט ער זיך צו איר און רעדט
דורך שוידער און פארקלעמטע ציין מיט ווייטיק:
— פארשאלטענע! דו האסט געקוילעט זיך,
און, זיך פארלאזנדיק אויף דיר, בין איך
געבליבן אן א פוטער, ווען ער איז מיר נייטיק.

אופא, 1944 — לאדוש, 1947

דער פויער און די שלאנג

אויב ווילסטו צווישן לייט געאַכטעט זיין —
באַקאַנטשאַפטן און פריינט מיט אויסוואַל שאַף זיך איין.

עס זיינען גוטע־פריינט אַ פויער מיט אַ שלאַנג געוואָרן.
עס ווייסט איטעדער, אַז די שלאַנג איז קלוג:
האָט זי פאַרגנבעט זיך צום אים אין האַרצן מיט באַטרוג,
אַזוי אַז בלויז אויף איר האָט ער כסדר זיך געשוואָרן.
פון דעמלט אָן די פריינט און אייגענע אים מיידן אויס,
עס טרעט נישט קיינעמס פוס אַריין צום אים אין שטיבל.
— איך בעט אייך, — זאָגט דער פויער מיט פאַריבל:
פאַרוואָס איז אַלע אייך געוואָרן פרעמד מיין הויז?
צי האָט מיין ווייב מיט כיבוד שלעכט אייך אויפגענומען?
צי קאָן אייך נישט מיין ברויט־און־זאַלץ, חלילה, וויל באַקומען?
— מיין פריינט! — מאַטוויי אים ענטפערט, גיט אים צו פאַרשטיין:
מיר וואָלטן, שכן, גערן צו דיר גיין,
האָסטו קיינמאָל נישט (עס קאָן קיין רייד נישט זיין דער־
וועגן, ניין)
פאַרשאַפט קיין עגמת־נפש, קרענקונג קיינעם, נאָר באַרעכן,
וואָס קאָן עס פאַר אַ פאַרגעניגן האָבן ווער,
ווען זיצנדיק ביי דיר, קאָן יעדע ווײַלע ער,
דיין פריינט, אַפּעקריכן און מיט זיין גיפט אים שטעכן?

אופּאַ, 1944 — וואַרשע, 1949

דער חזיר אונטערן דעמב

אַ חזיר האָט צופֿוסנס פֿון אַן אור־דעמב, רייך מיט נים,
מיט זיי ביז צו דער זעט זיך אָנגעפֿרעסן, ביז צו איבל;
זיך אָנגעפֿרעסן, אונטער אים פּאַפּט איין ער זים;
דערנאָך, די אויגן אויפֿגעזשמורעט, הייבט ער אויף זיך מיט פאַריבל
און ראַיעט ביי די וואָרצלען אוים אַ גריבל נאָך אַ גריבל.
— דו שאַדסט דעם בוים דאָך, הער, —
פֿון דעמב אַ קראָ זיך טוט צו אים אַ קער:
ווי נאָר דעקסט אָפּ די וואָרצלען, קאָן ער נעמען דאַרן.
— אַז דאַרן זאָל ער! — זאָגט דער שוויין מיט גרים:
עס הייבט מיר נישט לחלוטין אָן צו אַרן;
די גרויסע טובות, וואָס מע האָט פֿון אים;
ער זאָל בכלל נישט זיין, וועל איך פֿאַרזאָרגט נישט ווערן,
די נים בלויז דאַרף איך: זיי מיט פעטס מיך נערן.
— דו, — זאָגט דער דעמב אים: דאַנקבאַרלאָזער גביר!
וואָלסטו געקאָנט און וואָלסט דעם שנויץ אַרויף געבויגן,
געזען עס וואָלטן דיינע אויגן,
אַז ס'וואַקסן אָט די נים אויף מיר.

אַזוי אויך דער עם־הארץ אין זיין בלינדקייט און פֿאַרווילדונג
די וויסנשאַפֿטן טאַדלט און די בילדונג
און אַלע ווערק פֿון גייסט,
נישט פֿילנדיק, אַז ער מיט זייער פּרוכט זיך שפּייזט.

אופא, 1944 — לאָדזש, 1947

דער שפּין און די בין

עס טויגן נישט נאָך מיר נאָך די טאַלענטן בשום-אופן,
וואָס ברענגען נישט דער וועלט קיין נוץ,
הגם די וועלט באַוואונדערט טיילמאָל זייער פּוץ.

אַ סוחר האָט צום יאַרמאַרק לייוונטן געבראַכט פאַרקויפן;
די סחורה איז אַ נייטיקע פאַר מאַן און קינד.
זיך קלאָגן אויפן פדיון וואָלט פון סוחר זיין אַ זינד:
נישט אָפּצוטשעפּען זיך פון קונים; אַ געזעמל
אין ענגשאַפט שטיקט זיך טיילמאָל ביי זיין קרעמל.
דערזען, מע רייסט אַזוי די סחורה פון די הענט,
האָט אינעם שפּין די קנאה זיך צעברענט
צום סוחרס שפּעדיקן לעבן;
ער האָט פאַרקלערט צו וועבן אויף פאַרקויף,
דער סוחר זאָל נישט גיין מער בארג אַרויף —
אין פענצטער עפענען אַ קרעמל פון געוועבן.
האָט איינגעלייגט די קעטע און געוועבט אַ גאַנצע נאַכט,
און אויסגעשטעלט זיין סחורה צום פאַרזיסן,
געזעצט זיך, אָנגעבלאָזן זיך, פאַרריסן
און, נישט פון קרעמל אָפּצוטרעטן, זיך געטראַכט:
איך וועל, ווי נאָר עס וועט דער טאָג זיך שטעלן,
אַריבערציען אַלע קונים — איינער זאָל דאָס פעלן!
און אָט איז טאָג. און וואָס-זשע? מיט אַ בעזעם ווערט
צוזאַמען מיט זיין קרעמל אונדזער לץ פאַרקערט.
פון ערגערניש קאַכט אויף דער שפּין זיך:
— נו, גיי צו אַ גערעכטן שכר דערדין זיך!
ווער סחורה פיינערע עס האָט דאָ אויסגעשטעלט,
דער סוחר אָדער איך, זאָל פּסקענען די וועלט.

— פאַרשטייט זיך, ד. ה. ווער וועט זיך עם דערוועגן אַנדערש זאָגן? —

אים זאָגט די בין: איעדער ווייסט עם און פאַרשטייט,
נאָר אויב דיין סחורה וואַרעמט נישט און נישט באַקליידט,
איז ווער־זשע וועט זי טראָגן?

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1947

די פוקסעכע און דאס אייזל

— פון וואַנען שלעפּסטו זיך עס, קלוגער קאָפּ, פאַרקלערט? —
האָט שפּעטן פונעם אייזל זיך די פוקסעכע גענומען.
— איך קום נאָר וואָס פון לייב! האָסט זיכער שוין געהערט...
וווּ זיינען, סערדצע, זיינע כוחות דאָס אהינגעקומען:
ס׳פלעגט טרעפן, ס׳ברילט דער לייב — און ס׳קרעכצט דער
וואַלד אַרום,
אויך איך מאַך פּיס, און פונעם קריפּל צי אָפּ דום,
וווּהין די אויגן טראָגן;
און היינט איז שוואַך ער, שלאַבעריק אויף זיינע אַלטע יאָר,
פאַרמאָגט קיין קראַפט נישט אויף קיין האָר
און, ווי אַ קלאָץ, זיך וואַלגערט אין דער הייל דערשלאָגן.
צי ווייסטו גלייבן, ס׳איז געקומען שוין זיין עק —
ער וואַרפט אויף חיות מער נישט אָן קיין שרעק,
און האָט שוין אַלע אַלטע חובות אָפּגעסילוקט! וואָרן
ווער ס׳איז דעם לייב פאַרבייגעגאַן, זיין רעכט האָט אים געטאָן,
איעדער ווי ער קאָן:
אַווער מיט צאָן, און ווער מיט האָרן...
— נאָר דו האָסט אויפגעווים דעם לייב פאַרטשעפּען נישט
געוואַגט? —
דעם אייזלס רייד די פוקסעכע שלאָגט איבער.
— נו, זעסטו! — ענטפערט איר דאָס אייזל, ווי אַ גיבור:
און איך וואָס דאַרף זיך שרעקן? אָ, אויך איך האָב אים גע-
האַקט:
אויך אייזל-קאָפּיטעס מעג אַנעמען פאַר ליב ער!

אַזוי דערוועגט זיך נישט אַרויפהייבן צו דיר דעם בליק
דער גראָבער נפש, ווען ביסט שטאַרק, באַרימט, צעווישן
שררות;
קוים פאַלסטו אָבער פון דער הייך צוריק,
וועט ער דער ערשטער דיך באַליידיקן און אָנטאָן צרות.

אופאַ, 1944 — וואַרשע 1949

די פליג און די בין

אין סאַד אום פרילינג, ווען אַ שטילינק ווינטל וויט,
אַ פליג דאָ אויף אַ שטענגעלע אַן אײדלם שטײט
און הוידעט זיך צווישן ערד און הימל;
ווי דאָ אַ בין דערזעט זי אויף אַ בלימל
און ריידן נעמט מיט שטאָלץ: — ווי קלעקט עס ביי דיר חשק, זאָג,
צו האָרעווען אַ קיילעכיקן טאָג?!
בלויז איין מעת-לעת ווי דו, און כ'הייב אָן קרענקען.
אַ לעבן אָט אַזאַ ווי מיינס איז פיין,
ווי דער גן-עדן, כ'לעבן, פול איז עס מיט שיין!
כ'האָב בלויז צו טאָן און צו געדענקען —
אויף בעלער פליען און פאַרווײלן זיך אין געסט;
איך בין אין שטאָט, זיך נישט צו רימען, קאָן איך זאָגן,
מיט אַלע יחוסדיקע, רייכע הייזער גוט פאַרטראָגן.
וואָלסטו געזען די שמחות, וואָס איך פראַווע, מיינע קעסט!
ווו חתונות, ווו נאָמענס-טעג עס זיינען —
בין איך פון גאָר די ערשטע דאָרט געווים,
פון רייך געשיר פון פאַרפאַרנעם כ'געניס
און טרינק פון פרעכטיקע קריסטאַלן זיסע ווײנען,
די ערשטע כ'נעם פאַר אַלע געסט וואָס מיר געפעלט
פון אַלדי זיסקייטן, וואָס דאָרט זיינען צעשטעלט;
און וווילגענייגט צום צאַרטן מין, בעת-מעשה
אַרום די יונגע פרויען שוועב איך אין געדריי
און שטעל מיך אָפּרוען אויף זיי,
אויף בעקלעך ראָזעווע און העלדזלעך שנייאיק-ווייסע.
— דאָס אַלץ איז מיר באַוווסט, — אים ענטפערט אָפּ די בין:
געהערט,
נאָר ס'האָבן זיך צו מיר אויך קלאַנגען אַנדערע דערקריגן,
אַז ביסט פון קיינעם נישט באַגערט,
און אַז אויף שמחות טרייסלט מען זיך אָפּ פון פליגן,

אַז זייער אָפּט, ווען דו באַווייזט זיך אין אַ הויז,
מע טרייבט אַפילו דיך מיט שאַנד אַרויס.
— נו, זעסטו! זאָגט די פליג: מע טרייבט מיך! נאַרישקייטן!
מע טרייבט מיר דורך אַ פענצטער — פלי צוריק איך דורך
אַ צווייטן.

די שלאַנג און די לאַם

אַ שלאַנג איז אונטער אַ שטיק האָלץ געליגן
און בייז געוועזן אויף דער גאַרער וועלט.
דער שלאַנג אַ צווייט געפיל חוץ בייזקייט פעלט:
פון דער נאַטור האָט זי אַזאַ געמיט געקריגן.
דערלעבן האָט אַ לאַם אין שטיפעריי פאַרבראַכט
און וועגן איר, דער שלאַנג, לחלוטין נישט געטראַכט.
אַפּערגעקראָכן, לאָזט זי איר אַריין דעם גיפטל־דאָרן.
דער הימל איז אין קרבנס אויגן כמאַרעדיק געוואָרן;
פון גיפט דאָס גאַנצע בלוט אירס ברענט...
— וואָס האָב איך דיר געטאָן? — די לאַם צו איר זיך ווענדט.
— ווער ווייסט? ביסט אפשר מיט דעם מיין געקומען,
זאָלסט מיך צעטרעטן, — מיט געשיפּ די שלאַנג לאָזט אויס:
באַשטראָף איך מחמת פאַרזיכט דיך פאָרויס.
— אָך, ניין! — אַ שעפּטשע טוט די לאַם, און ס׳מאַכט דער
טויט זי שטומען.

ביי וועמען ס׳איז דאָס האַרץ אַזוי שוין פון געבוירן אָן,
אַז נישט מיט פריינטשאַפט, נישט מיט ליבע האָט עס נישט
צו טאָן,
און אויסער שנאה שפירט עס גאַרנישט נישט צו קיינעם, —
דער זעט זיין מערדער אין איעדן איינעם.

אופא, 1943 — לאָדזש, 1947.

צווי הינט

דער הויפהונט, וועלכער דינט זיין באַלעבאָס
געטריי אָן מאָס,
באַרבאָס,
דערזעט אַמאָל אַן אַלט-באַקאַנטע זיינע,
די קרוויזיקע באַלאַנעטשקע, זשוזשו, די פיינע;
אין פענצטער אויף אַ קישעלע פון פוך זי זיצט און רוט.
זיך לאַשטשענדיק צו איר, ווי גאַר צו אייגן פלייש און בלוט,
ביז טרערן איז ער אַ גערירטער,
און דאַ לעם פענצטער, ווו ער שטייט,
סקאַוווטשעט ער און מיטן ווידל דרייט,
שפּרינגט אונטער, שיר דעם זין פאַרלירט ער.
— זשוזשוליענקע, ווי לעבט זיך דיר פון זינט
די הערשאַפט האָט אין פּאַלאַץ דיך גענומען?
געדענקסט דאָך: אויפן הויף פלעגט אָפט דער הונגער צון
אונדז קומען.
אין וואָס באַשטייט דיין דינסט אַצינד?
— סאַ זינד, — זשוזשו אים ענטפערט: זיך אין גליק צו קלאָגן,
מיין פריץ וואָלט מיך אויף די הענט רק אומגעטראָגן;
איך לעב אין שפע און אין כל-דאָס-גוטס;
צום עסן, טרינקען — כלים זילבערנע צו מיין באַנוץ;
איך שפּיל זיך מיטן פריץ זעלבסט; און פיל איך איינגע-
מידט זיך,
אויף טעפּיכער, דיוואַנען קייקל איך זיך, ליג און זיץ איך.
און דיר ווי לעבט זיך?
— מיר? — איר זאָגט באַרבאָס
און, ווי אַ קאַנטשיק, לאָזט אַראָפּ דעם עק און אויך די נאָז:
מע לעבט זיך אויפן אַלטן שטייגער —
כ'לייד קעלט, פאַר הונגער פייגער,
און, ווען איך היט דעם פריצס הויז,
איך שלאָף הינטערן פאַרקאַן, און דער רעגן ווייקט מיך אויס,

און הייב איך אָן צו בילן נישט געהעריק,
באַקום איך אויך אַ נעריק.
דורך וואָס־זשע, זאָג, זשוזשו, ביסטו געשטויגן אַזוי הויך,
הגם ביסט קליין און שוואַכלעך אויך,
ווען איך קריך ממש פון דער פעל אומזיסט איעדע ווײַלע?
אין וואָס באַשטייט דײַן דינסט?
— מײַן דינסט? אַ שיינע שאלה! —
זשוזשו אים ענטפערט אָפּ מיט חוזק אויף די ציין:
אויף מײַנע הינטערפיסלעך גיי איך פײַן און שיין.

נישט איינער האָט אין לעבן בלויז דערפאַר הצלחה,
ווײַל גיין אויף הינטערפיסלעך איז זײַן קונסט־מלאכה.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947.

די קאַץ און דער סאָלאָוויי

עס האָט אַ קאַץ געכאַפּט אַ סאָלאָוויי און איז אַריין
אין ליב זיינעם מיט אירע נעגל ביז די אינגעווייד,
נאָר, ליב אַרומגעהאַלדזט אים, אָנגעהויבן ריידן:
— נשמה מיינע! סאָלאָוויטשיקל דו מיין!
כ'הער רימען דיך פאַר דיין געזאַנג פון אַלע זייטן,
מיט בעסטע זינגער ווערסטו גלייכגעשטעלט ביי לייטן.
מיין שכנטע, די פוקסעכע, דערציילט מיר דורכאַנאַנד —
דיין שטימעלע איז קלינגעוודיק אַ חיות,
פון דיינע פּרעכטיק-שיינע מעלאָדיעס
די פּאַסטעכלעך פאַרלירן אַלע דעם פאַרשטאַנד.
וואָלט איך אַליין אויך גערן
דיך זינגען הערן.
נו, צאַפּל נישט אַזוי-אַ, עקשן זיך נישט איין,
און שרעק זיך נישט, מיין פריינט: כ'וויל כלל דיך נישט פאַרצערן.
בלויז זינג מיר עפּעס-וואָס — און וועסט אַ פרייער זיין,
און כ'לאָז דיך איבער פעלדער, וועלדער באָדן זיך אין שיין.
אין ליב האָבן מוזיק איך שטיי נישט אָפּ פון דיר אַפילו,
און כ'שלאָף אָפט איין, מורליקענדיק ניגונים שטילע. —
און אין די נעגל אירע אונדזער סאָלאָוויי
האָט קוים דערווייל געאָטעמט אין זיין ווינד-און-ווי.
— נו, וואָס? — הויבט ווידער אָן די קאַץ מורליקען-ריידן:
אַביסל זינג מיר כאָטש, דו זינגער פון גן-עדן. —
נאָר אונדזער זינגער זינגט נישט — מיט אַ פּישטש זיך שטיקט.
— איז אָט דערמיט האָסטו די וועלדער עם אַנטציקט?
האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט שפּאָט: אָן עין-הרע!
אַוור-זשע איז די ריינקייט און די קראַפט די וואָרע,

וואָס אַלע ריידן וועגן זיי אַן אויפהער? זעסט,
אַזאַ מין פישטש אַפילו פון די קעצעלעך די אייגענע דערעסט.
ניין, כ'זע, דו ביסט צו מייסטערשאַפט אין זינגען נישט גע־
קומען.
נישט ס'האָט ביי דיר אַן אָנהויב, נישט עס לאָזט זיך אויס.
איז וויל איך פרוּוון דיין געשמאַק איצט אויפן גומען! —
און גלייך האָט זי פאַרצערט דעם אומגליקלעכן זינגער — ביז
אַ ברויז,
און זי באַלעקט זיך זויבער.

אייך קלאָרער זאָגן אויפן אויער מיין געדאַנק?
ס'איז שלעכט דעם סאָלאָוויים געזאַנג
אין נעגל פון אַ רויבער.

דער פּישן־טאַנץ

צוליב די אָנקלאַגן פון נאָענט און פון ווייט
אויף ריכטער, און אויף שטאַרקע, רייכע לייט,
האָט זיך דער לייב — ס'געדולד שוין לענגער נישט פאַר־
היט ער —
אַליין אַרויסגעלאָזט באַקוקן זיינע גיטער.
אין גאַנג דערזעט ער, ווי עס כאַפּט אַ פּויער פיש און אויך,
צעלייגט אַ פייער דאָ — זיי בראָטן זיך געגומען.
די עלנטע — פון היץ אַזש שפּרינגען, יעדער לויט זיין כּוח;
איעדער וואַרפט זיך, פּילנדיק — זיין סוף איז שוין געקומען.
דעם פּיסק צעעפנט אויפן פויער אין דער גאַנצער גריים:
— ווער ביסטו? און וואָס טוסטו? — פרעגט דער לייב אים
בייז.
— אַלמעכטיקער! — דער פויער זאָגט אין אַנגסט און שוויים:
איך בין דער סטאַראָסטע ביים פאָלק פון טייכן, און פון פליסן;
און די — די סטאַרשינאַס, אַלץ וואַסער־איינוווינער אין לאַנד:
געקומען זיינען מיר אַהער ביינאַנד
דיין קומען מיט אַ ברוך־הבא צו באַגריסן.
— נו, לעבן זיי אין ווילטאָג? איז די היגע געגנט רייך?
— אָ, גרויסער קעניג! צום גן־עדן איז זי גלייך.
די געטער האָבן מיר דערפאַר נישט אויפגעהערט צו בעטן,
דיין טייער לעבן זאָלן זיי מיט לאַנגע יאָרן זעטן.
(די פיש דערווייל די קעפּ זיך אין דער סקאָוואָראָדע פלעטן).
— פאַרוואָס־זשע, — פרעגט דער לייב אים: גיב מיר אַ
באַשייד,
מיט קעפּ און עקן פאָכען זיי, צעציטערטע אינגאַנצן?
— אָ, קלוגער הערשער! — זאָגט דער פויער: מחמת פרייד
פון זעען דיך זיי טאַנצן. —
דאָ האָט דער לייב דעם סטאַראָסטע אין ברוסט געטאָן
אַ לעק,
באַוויליקט, נאָך אַ בליק דעם טאַנץ און איז אַוועק
אין ווייטערדיקן וועג.

אופאַ, 1943 — לאָדזש, 1947

פון דעם אכטן בוך

אַ לייב אויף דער עלטער

די אימה פונעם וואַלד — דער שטאַרקער לייב אַליין
פאַרלוירן האָט די כוחות אויף דער עלטער:
אָן קראַפט — די קראַלן, און נישטאָ די שאַרפע ציין,
פאַר וועלכע ס׳פלעגן פיינט פאַרציטערט שטיין,
און זיינע שלאַבעריקע פיס קוים שטעלט ער.
נאָר שמערצלעכער וואָס ס׳איז פון אַלץ,
נישט בלויז ער שרעקט שוין נישט די איינוווינער דעם וואַלדס,
נאָר וועמען ס׳האָט דער לייב געקריוודעט ווען-נאָר,
באַליידיקט אים כסדר אויס נקמה יענער:
אָט שלאָגט דאָס פערד אים שטאָלן מיט שטאַרקער קאָפּיטע
אין שוים,
אָט רייסט דער וואָלף מיט ציין אַ לעבעדיק שטיק לייב אים
אויס,
אָט טוט דער אָקס מיט שאַרפן האָרן אים אַ שטויס.
דער אומגליקלעכער לייב, פאַרקלעמט אין האַרצן די געפילן,
געדולדיק קוקט זיין בייזן סוף שוין אויס,
אַנטפּלעקנדיק זיין טענה בלויז
מיט דומפן, שמאַכטנדיקן ברילן.

דערזעט ער איינמאָל, מיט געשפּאַנטער ברוסט עס קומט אַהער
דער אייזל: ס'קלייבט זיך אים, דעם לייב, א בוכטשע טאָן אויך ער
און קוקט נאָר אוים אַן אָרט, ווו ס'איז דער ווייטיק גרעסער.
— אָ, געטער! — ציטערט אויף פון לייבס געקרעכץ דאָס לאַנד:

אַז נישט דערלעבן זאָל איך אָט די שאַנד,
וואָס שנעלער שיקט דעם טויט מיר בעסער!
ווי גרוים עס זאָל נישט זיין פון טויט די פּיין,
אַלץ לייכטער, ווי באַליידיקט פון אַן אייזל זיין.

אופּאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

דער וועהריק

אַ וועווריק איז ביים לייב אין דינסט געשטאַנען.
און ס׳האָט — מיט וואָס און ווי איז קשה צו דערגיין —
דעם וועווריקס דינסט ביים לייב געפונען חן;
און נושא־חן זיין ביי דעם לייב, קיין שווערערס נישט
פאַראַנען.
מע האָט דעם וועווריק צוגעזאָגט אַ וואָגן ניס דערפאַר;
אים צוגעזאָגט — די צייט אָבער דערווייל פליט זיך,
און אָפט מיין וועווריקל אין הונגערן געניט זיך
און שטשירעט מיט די ציינדלעך קעגן לייב דורך טרער אין
צער.
אָט זעט ער: דאָ און דאָרט אין וואלד חברים שפרינגען
אויףביימער אינדערהויך אין שווינדל און געדריי;
ער פינטלט מיט די אייגעלעך, און זיי
כסדר קנאַקן ניסלעך, קנאַקן ניס און שלינגען.
נאָר ער, דער וועווריק, קוים צום ניסנבוים אַ שפּאַן,
איז ניין — קיין מעגלעכקייט איז נישט פאַראַן:
דעם לייב באַדינען טוט מען גלייך אים צווינגען.
און אָט איז שוין דער וועווריק אַלט לסוף; דערביי
האָט ער דעם לייב דערעסן אויך. שוין צייט אים לאָזן פריי.
די שעה פון פרייהייט האָט פאַר אים געשלאָגן,
און זעט, מע ברענגט פאַר אים מיט ניס אַ פולן וואָגן...
ניס וווּנדערלעכע, נישט געזען אַזעלכע האָט די וועלט;
געקליבן נוס ביי נוס — הידושים גאָרע!
דאָס איינע בלויז די צרה —
דעם וועווריק האָבן אַלע ציין שוין לאַנג געפעלט.

דער העכט

ס'האָט זיך באַקומען אויפֿן העכט אַן אָנקלאָג אין געריכט:
דורך אים דאָס לעבן איז אין טײַך דערשלאָגן;
באַוויזן — פֿאַרגעשטעלט אַ וואָגן שיכט אויף שיכט.
און דעם באַשולדיקטן מע ברענגט צו טראָגן
צום משפּט אין אַ גרויסן צעבער, ווי עס קער צו זײַן.
די ריכטער האָבן זיך נישט־ווײַט צונויפֿגעקליבן —
אויף נאָנטער לאָנקע האָט מען זיי געפּיטערט פֿײַן;
דאָך זײַנען אין אַרכיוו די נעמען זייערע פֿאַרבליבן:
צוויי אַלטע קליאַטשעס, צוויי־דרײַ ציגן, און מיט זיי
אויך אייזלען צוויי;
די נייטיקע השגחה ווידער אויף דער זאַך צו גיבן,
צו זיי אַלס פּראָקוראָר דער פֿוקס געוואָרן איז געקליבן.
און צווישן פֿאָלק אַרומגעגאַנגען איז אַ קלאַנג —
דער העכט באַזאָרגט דעם פּיקסלס טיש מיט פֿיש שוין לאַנג.
אָן פּניות אָבער זעצן זיך די ריכטער אויף די ערטער.
ס'איז אמת אויך — דעם העכטלס שלעכטן שם
איז דאָס מאָל שוין צו דעקן נישט געווען באַקוועם.
פֿאַרפֿאַלן — שרײַבן אַ פֿאַראָרדנונג איז מען אין דער קלעם:
דער העכט — פֿאַרמשפּט צון אַ שאַנד־שטראָף ווערט ער:
אַלס שרעק פֿאַר אַנדערע אים הענגען אויף אַ סענק.
— געערטע ריכטער! — טרעט אַרויס דער פֿוקס אַצינדער:
ס'איז ווייניק הענגען — איך וואָלט אים באַשטימט אַ שטראָף,
דעם זינדער,
אַזאַ, וואָס קיינער פֿאַר זײַן לעבן נישט געדענקט:
עס זאָל להבֿא זײַן פֿאַר שווינדלער שרעקלעך און געפֿערלעך,
דערטרינקען זאָל מען אים אין טײַך.
— ווי הערלעך! —
די ריכטער שרײַען. אַלע איינינקן זיך ערלעך.
און מ'האָט דעם העכט — אין טײַך געוואָרפֿן שטרענג.

אופֿאַ, 1942 — לאָדזש, 1947.

די קוקאווקע און דער אָדלער

עס האָט אַמאָל דערהויבן צו דעם ראַנג פון סאָלאָוויי
דער אָדלער אַ קוקאָווקע. מיט אַ וואַזשנער מינע
עס שטעלט זיך די קוקאָווקע דאָן אויף אַן אַסינע,
און זי צעלאָזט זיך מיט געזאַנג, כדי
איר מוזיקאַלישקייט דערהערן זאָל די וועלט די גאַנצע;
נאָר זע — עס ציט דער עולם אָפּ,
ווער ס'לאַכט, און ווער עס זידלט אָפּ.
דאָס ערגערט מיין קוקאָווקע — אָט אַ צרה!
און מיט אַן אָנקלאָג אויף די פייגל צו דעם אָדלער פליט זי שנעל.

— זייט גנעדיק, קיסר! — זאָגט זי: כ'האָב אין וואַלד געקריגן
דעם נאָמען סאָלאָוויי לויט דיין באַפעל,
און ס'ווערט מיין זינגען אויסגעלאַכט, באַשפּיגן!
— מיין פריינט! — דער אָדלער ענטפערט: כ'בין אַ גאָט דען?
גיי שוין גיי!

וואָס קאָן איך העלפן אין דיין אומגליק דיר דעם שווערן?
כ'קאָן צווינגען — אַ קוקאָווקע זיי אַ סאָלאָוויי באַערן,
נאָר נישט צו מאַכן אַ קוקאָווקע פאַר אַ סאָלאָוויי.

אופאַ, 1944 — לאָדזש 1947

בריטוועס

אין וועג זיך מיט אַן אומבאַקאַנטן מאַן צונויפגעפּאָרן,
אויף איין געלעגער קומט אונדז אויס צו שלאָפן יעדע נאַכט.
גאַנצפרי, די אויגן קוים זיך אויסגעריבן און דערוואַכט,
וואָס זע איך? ס'האָט מיין פריינט די רו פאַרלאָרן:
דורך שפּאַסערייען, אויפגעלייגט מיר שלאָפן נעכטן איין,
און איצטער הער איך — זאָל ער גאָר דערזעלבער זיין?
אָט טוט ער א געשריי, אָט קרעכצט ער, זיפצט פון פּיין.
— מיין פריינט! — איך פרעג אים: וואָס פאַרלויפט ביי דיר זיך?

דו ביסט, חלילה, קראַנק?

— אַך! גאָרנישט. איך ראַזיר זיך.
— אזוי? דאָס גאָר! — כ'שטיי אויף, איך טו א קוק — א קלאָג!
ער קרימט אַזוי, דער יאַט, די צורה פאַרן שפּיגל זויער,
ווי עמעץ וואָלט אים רייסן בלוטיק פאַר אַן אויער.
זיך קלאָר געמאַכט לסוף די סיבה פון זיין פּלאָג,
— איז וואָס דאָס חידוש? — זאָג איך: פּייניקסט זיך אליין און מאַטערסט.

נו, כלעבן, נעם באַקלער —
ס'אַ בריטווע דען? אַ קאָסע, גאָרנישט מער!
ראַזירסט זיך דען? די כוחות בלויז מיט איר צעפּטרסט.
— אַך, ברודערקע! איך לייקן דיר עס ניט —
די בריטווע טעמפּ איז צום ראַזירן.
אַז ווער פאַרשטייט עס נישט? מיר האָבן נאָך דערויף געהירן.
נאָר מיט אַ שאַרפער האָב איך מורא פאַר אַ שניט.
— און איך, מיין פריינט, וועל זיך דערוועגן זאָגן דיר אַן פּוצן—
זיך איינצושניידן מיט א טעמפּער בריטווע ריזיקירסט,
און מיט א שאַרפער זיכערער דו זיך ראַזירסט;
נאָר קאָן מיט איר זיך גוט באַנוצן.

כ'בין גרייט אייך אויסצוטייטשן מיין דערציילונג קלאָר:
פאַראַן א סך, הגם זיי שעמען זיך עס אויפצודעקן,
וואָס פאַר א מענטשן מיט פאַרשטאַנד זיך שרעקן
און דולדן גערנער שוטים לעבן זיך. נישט וואָר?

מאָסקווע, יאַנואר 1945 — לאָדזש, 1947

דער אָרעמער עושר

—נו, לוינט זיך צו פאַרמאָגן געלט א פולן זאַק,
קיין צייט נישט האָבן אויסצושלאָפן זיך געשמאַק,
נישט אָפּצועסן, און עשירות זאַמלען רק?
און פרעגט, צו וואָס? צי נעמען וואָס אין קבר מיט די מויטע?
מע קלעמט בלויז זיך אַליין, מע שטעלט זיך אויס צום שוטה.
נו, ניין, וואָלט מיר אַן עושר זיין געוועזן באַשערט,
נישט איין רובל, נאָר טויזנט וואָלט איך אומגעקלערט
געפּטרט, און געלעבט אין לוקסוס און אין פריידן,
און וועגן מיינע בעלער וואָלט די וועלט געהאַט צו ריידן;
און אויך פאַר אַנדערע וואָלט איך געשטעלט זיך שיין;
דאָס לעבן אָבער פון עשירים קאַרגע — פּיין און איבל. —
אַזוי האָט זיך צערעדט אַן אָרעמאַן מיט זיך אַליין
אויף הוילער באַנק אין נידריק-חושכדיקן שטיבל.
ווי פּלוצעם איז אַריין דורך א שפּאַרונע אין א ברעט,
זאָגט איינער — א מכשף, און א צווייטער זאָגט — א שד;
דאָס לעצטע איז מסתמא וואָרער:
ס׳וועט פון די מעשים ווערן קלאָרער;
ער טרעט פאַר אים אַרויס און זאָגט: — ווילסט ווערן רייך,
איך האָב געהערט צו וואָס; איך דין דיך גערן גלייך.
אָט נאַ דעם בייטל דיר: אין אים איין רענדל בלויז מזומן,
נאָר נעמסטו עס אַרויס — א צווייטס שוין ליגט.
דערום, מיין פריינט, דאָס בלויזע ווען דיר גענוגט
אַן עשרות צו באַקומען.
נו, נאַ — און אַן א חשבון נעם פון אים אַרויס
ווי פיל עס גלוסט זיך דיר פאַרשווענדן;
נאָר איין תנאי נעם איך אויס:
קיין איינציק רענדל טאָרסטו נישט פאַרווענדן,
כל-זמן דו וואַרפסט דעם בייטל נישט אַריין אין טייך. —
געזאָגט — און לאָזט אים איבער מיטן בייטל גלייך.

פֿין פרייד איז שיר דער אָרעמאַן פון זינען נישט אַנטקומען,
נאָר קומענדיק צו זיך, זיך פּאַרן בייטל גלייך גענומען,
און וואָס? עס גלייבט זיך אים נישט, ס'זאָל נישט זיין קיין טרוים:
דאָס רענדל קוים אַרויסגענומען, קוים,
און ס'נעמט אַן אַנדער רענדל אינעם בייטל גליען.
— אַך, זאָל דאָס גליק זיך ביז גאַנצפרי כאָטש ציען! —
רעדט היים דער אָרעמאַן און גליט:
איך וועל אַרויסשלעפּן א גאַנצן הויפן רענדלעך,
און מאָרגן וועל איך זיין שוין רייך, און ענדלעך
אַ לעב טאָן, ווי א סיבאַריט*) —
גאַנצפרי אָבער שוין אַנדערש נעמט ער קלערן.
— וואָס אמת, — זאָגט ער: איך בין איצט אַ גביר;
מיט רייכקייט פרייט זיך יעדער אָן א שיר!
פאַרוואָס זאָל איך נישט טאָפּל רייכער ווערן?
נישט שוין זשע איז די טרחא אַזוי גרויס
צו האַלטן נאָך אַ טאָג דעם בייטל אויפן שויס!
כ'פאַרמאָג שוין אויף א הויז, אַן עקיפּאַזש — איך בין אַן עושר;
נאָר אויב אויך דערפער איינצוקויפן משל זיך אויס,
צי וואָלט נישט נאַריש זיין אַדורכלאָזן דעם שעת-הכושר?
ובכן, דעם וווּנדערלעכן בייטל איך פאַרהאַלט.
אַז כ'וועל א טאָג אַ פּאַסט טאָן אין מיין לעבן איינמאָל,
איז וואָס דער גוואַלד?
און, איבריקנס, אַ לעב צו טאָן פאַרשפּעטיקט מען נישט קיינמאָל. —
נו, וואָס? אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש און אַ יאָר פאַרגייט —
דער חשבון פון די רענדלעך האָט זיך לאַנג שוין אים פאַרדרייט,
און ס'עסן זיינס, זיין טרינקען איז נישט ווערט די רייד;
נאָר קוים נעמט טאָגן — צו דער זעלבער אַרבעט ווידער.

---

*) א מפונקן מענטש, וואס פירט א ברייט לעבן.

ווערט נאַכט — ער רעכנט תמיד אויס אַ מידער,
אַז צו אַ קיילעכדיקן מספּר עפּעס נישט דערגייט.
ווי נאָר ער טראַכט דעם בייטל שוין אוועקצוטראָגן,
גלייך נעמט דאָס האַרץ אים קלעמען, נאָגן:
ער קומט צום טייך און — קערט זיך אום צוריק.
— ווי קאָן איך, — זאָגט ער: — אָפּרייסן דעם בייטל פון מיין בליק,
בעת אַ קוואַל פון גאָלד פון אים טוט שלאָגן? —
און ענדלעך איז מיין אָרעמאַן געוואָרן גרוי,
מיין אָרעמאַן געוואָרן מאָגער, ווי אַ שטרוי,
ס'איז, ווי זיין גאָלד, מיין אָרעמאַן געוואָרן געל אַזוי.
מכוח לוקסוס לאָזט ער שוין נישט מער קיין פּאַרע:
איז שוואַך און קרענקלעך, קוים שוין וואָס ער לעבט;
נאָר פונעם בייטל שלעפּט ער אַלץ נאָך, שלעפּט
די רענדלעך מיט אַ ציטעריקער האַנט אַ דאַרער.
געשלעפּט, געשלעפּט... און וואָס האָט ער לסוף געטאָן?
אָט דאָ, ווו ער האָט אָנגעקוואָלן אין די רענדעלעך —
זיין עשירות, — אויף דער באַנק, איז ער געשטאָרבן ענדלעך
ביים צוציילן די פולע ניין מיליאָן.

מאָסקווע, 1945 — לאָדזש, 1947.

דער הונט און דאָס פערד

אַ פערדל און אַ הונט, אין דינסט ביים זעלבן באַלעבאָס,
געגומען האָבן זיך אַמאָל אין וויכטיקייט פונאַנדערקלייבן:
— קוקט אָן דעם וואַזשנעם האַר! — געטענהט האָט צום פערד באַרבאָס:
לויט מיר נאָך וואָלט מען דאַרפן דיך בכלל פון הויף פאַרטרייבן.
אַ וואַזשנע חכמה פאָרן, אָדער אַקערן די ערד!
קיין אַנדער בריהשאַפט פון דיר האָט קיינער נישט געהערט;
צי קאָנסטו גלייכן זיך צו מיר, אין עפעס מיך דעריאָגן?
בייטאָג און אויך ביינאַכט איך וויים נישט פון קיין רו צו זאָגן:
בייטאָג די טשערדע אויף דער לאָנקע איז דורכוים
אויף מיין השגחה, און ביינאַכט איך היט דאָס הויז:
— געוויס, דיין רעדע האָט זיך מיטן אמת נישט געמיטן, —
אים ענטפערט אָפּ דאָס פערד:
נאָר דו וואָלסט דאָך נישט האָבן וואָס צו היטן,
ווען איך צעאַקער נישט די ערד.

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

דער וואַסערפֿאַל און דער קוואַל

אַ וואַסערפֿאַל, פֿון פֿעלדזן פֿאַלנדיק מיט ברויז און פֿענד,
האָט צון אַ היילונגס-קוואַל געטאָן זיך שטאָלץ אַ ווענד,
(צופֿוסנס פֿון אַ באַרג איז יענער אומבאַמערקט געליגן,
נאָר מיט זיין היילונגס-קראַפֿט געשמט האָט איבעראַל):
— ביסט קליין, אַ ביסל וואַסער קוים ביי דיר צו קריגן,
צי איז קיין פֿלא נישט, וואָס תמיד האָסטו געסט אַ שלל?
אויב מיך באַוווּנדערן קומט ווער אָהער שפּאַצירן —
קיין חידוש נישט. צו דיר אָבער וואָס קומט מען?
— זיך קורירן, —
אַ פֿלויש געטאָן באַשיידן האָט דער קוואַל.

לאָדזש, 1947 — וואַרשע, 1949.

פון דעם ניינטן בוך

דער לייב און די מויז

באַשיידן האָט רשות געבעטן ביי דעם לייב דאָס מייזל
צו בויען אין דער פויל־הייל אין זיין שכנות זיך אַ הייזל
און האָט דערביי געזאָגט: — כאָטש אין די וועלדער ביז צום
ברעג
ביסטו אַ מעכטיק, אַ באַרימט ביים קלענסטן און ביים גרעסטן;
כאָטש קיינער וועט אין קראַפט זיך מיטן לייב נישט מעסטן,
און זיין געבריל בלויז וואַרפט אויף אַלעמען אַ שרעק, —

דאָך וואָס די צוקונפט ברענגט, צו טרעפן, ווער וואָלט זיך פאַרנומען?
וואָס ווייסט מען, ווער עס וועט נאָך הילף צו וועמען דאַרפן קומען?

און ווי איך זע נישט אויס גאָר קליין,
קאָן טרעפן איך זאָל ברענגען נוצן דיר אַליין.
— דו נישטיק בריאהלע! — שרייט אויס דער לייב געטראָפן:
פאַר דיינע חוצפּהדיקע רייד
דיך קומט מיט טויט באַשטראָפן;
באַצייטנס טראָג זיך אָפּ פונדאַנען לעבעדיקערהייט,
אַזיסט — נאָך דיר בלייבט איבער בלויז דיין נאָמען. —
פון שרעק מבולבל, טראַגנדיק אין לאַפּקע די נשמה,
ציט אָפּ די מויז — פאַרקילט איר שפּור אין שטויב.
נאָר ס׳איז דעם לייב זיין גאווה גלאַט נישט אָפּגעלאָפן:
ער האָט אַרויסגעלאָזט זיך צו באַזאָרגן זיך מיט רויב,
און אין אַ נעץ אַריין געטראָפן.
עס העלפט אים נישט זיין קראַפט, ער ברילט און קרעכצעט בלויז;
און וויפל נישט געוואָרפן זיך, געריסן,
אַלס רויב פון יעגער האָט ער גהאַט אַ סוף אַ מיאוסן —
מע פירט אים אין אַ שטייג שטאָט-איין, שטאָט-אויס.
ערשט איצט דערמאָנט ער זיך די מויז
און טראַכט, אַז זי גראָד וואָלט געקאָנט אים העלפן אין דער צרה,
עס וואָלט נישט אויסגעהאַלטן אירע ציין די נעץ, אַ סברא,
און אַז צוליב זיין גאווה ווערט ער די כפרה.

מיין לייענער, ווייל כ׳האָב דעם אמת ליב, ווי דו,
צום משל, נישט פון זיך אַליין, איך גיב נאָך צו, —
איך וועל ביים פאָלק אַ שפּריכוואָרט לייען:
דו זאָלסט נישט אין קיין ברונעם שפּייען,
ווייסט וועלן טרינקען — וועסט זיך קייען.

אופא, 1942 — לאָדזש, 1947

די קוקאווקע און דער האָן

— ווי הויך דו זינגסט, ווי חשיבותדיק, מיין האַנטשיק ליבער!
— און דו, קוקאָווקע מיינע, שיינענדיק געשטאַלט,
ווען דו פאַרגייסט זיך, און דיין קולכל גיסט זיך איבער,
איז נאָך אַ זינגערין ווי דו נישטאָ אין גאַנצן וואַלד!
— צו הערן דיך כ׳בין תמיד גרייט און גערן!
— און דו, יפה־פיה, איך שווער דיר מיט געפיל,
איך וואַרט מיט אומגעדולד, קוים ווערסטו שטיל,
בערנייעס דיך צו הערן...
פונוואַנען זיך דערנעמט אַזאַ־אַ קולכל און געזאַנג
פון לויטערן און צאַרטן, און פון הויכן קלאַנג?!
געבירטיק זענט איר שוין אַזוי: פון קליינעם גידול,
נאָר זינגט איר — זינגט דער סאָלאָווויי און גאָר!
— אַ דאַנק דיר, פריינט; דערפאַר, איך זאָג עס ערלעך־וואָר,
פון דעם גן־עדן־פייגעלעס איז שענער נאָך דיין לידל.
עס וועלן מסכים זיין אויף דעם סיי גרויס, סיי קליין. —
דאָ רופט זיך אָפּ אַ שפערל, פליענדיק פאַרביי: — נו, ניין!
איר זאָלט מיט אייער לויב אַפילו זיך פאַרטויבן, —
איז אייער זינגען פאָרט געמיין!...

איז גיט־זשע מיר, איך בעט אייך, צו פאַרשטיין,
פאַר וועלכן די קוקאָווקע לויבט עס אַזוי שיין
דעם האָן? פאַר דעם וואָס ער טוט די קוקאָווקע לויבן.

דער מאַכטהאָבער

אַנומלטן פּאַרצייטן
האָט זיך אָוועקגעלאָזט אַ מאַכטהאָבער צום לאַנד צום ווייטן,
ווו ס'הערשט פּלוטאָן *), פֿון זיין פֿאַרפּוצטן רייכן בעט.
ער איז געשטאָרבן — פּשוטער גערעדט.
און לויטן מנהג פֿון פֿאַרצייטן איז ער גלייך געקומען
צום משפּט. — ווו געבוירן? זיך מיט וואָס פֿאַרנומען?
— אין פּערסיע געבוירן, און סאַטראַפּ — מיין ראַנג;
און ווייל אַ חלוש גאָר מיין לעבן לאַנג,
נישט איך אַליין פֿלעג מיט מיין לאַנד רעגירן,
מיין סעקרעטאַר געלאָזן די ענינים אַלע פֿירן.
— און דו אַליין געטאָן וואָס? — כ'עס און טרינק, און שלאָף אין רו,
און שרייב דערצו נאָך אונטער אַלץ, וואָס ער טראָגט צו.
— פֿירט אָפּ אים אין גן־עדן!
— וואָס! גערעכטיקייט ווו איז שוין? —
שרייט אוים מערקור **) גאַנץ גראָב און קלאַפּט אין טיש שוין.
— עך, ברודער! — מאַכט עאַק ***) אָוועק אים מיט דער האַנט:
דו האָסט פֿאַר זאַכן נישט קיין בראָק פֿאַרשטאַנד,
צי זעסטו נישט? דער זעליקער — דער ערשטער נאַר אין לאַנד!
ווען ער וואָלט מיט ענינים זיך געוועזן פֿאַרנומען,
און ביי אַ מאַכט אַזעלכער, וואָס־זשע וואָלט אַרויסגעקומען?

---

*) דער גאָט פֿון אַאיד, דאָס אונטערערדישע קיניגרייך.

**) דער גאָט פֿון האַנדל, באַשיצער פֿון גנבים, באַגלייטער אין אַאיד.

***) דער שופֿט פֿון גהינום.

עס וואָלט זיך אויסגעגאָסן אויפן גאַנצן לאַנד אַ גזר!
דו וואָלסט זיך נישט אַרויסגעזען פון טרערן!
ער איז אַריין אין דעם גן־עדן טאַקע אָט דערפאַר,
וואָס וועגן די ענינים האָט ער נישט געוואָלט גאָר הערן.

כ'בין נעכטן אין געריכט געווען, געזען אַ ריכטער דאָרט:
שוין גרייט פאַר אים אין דעם גן־עדן, דאַכט זיך מיר, אַן אָרט.

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

געשטרייפטע שעפסן*)

דער לייב פאַרטראָגט נישט קיין געשטרייפטע שאָף אַ גוואַלד:
זיי פּשוט צו פאַרטיליקן אים וואָלט נישט שווער זיין,
נאָר דאָס וואָלט נישט געווען געזעצלעך, נישט ווי־ס׳קער־זיין —
ער טראָגט דאָך נישט אויף דעם די קרוין אין וואַלד,
צו דריקן אונטערטאַנען, נייערט זיי מיט רעכט צו פירן;
נאָר אָנצוקוקן די געשטרייפטע שאָף איז גריילעך שווער!
ווי ווערט מען פון זיי פּטור, און דעם רום נישט צו פאַרלירן?
איז אָט־אָ ווערן אויף אַ ראָט גערופן לויטן לייבס באַגער
דער פוקס צוזאַמען מיטן בער;
ער לאָזט בסוד זיי הערן,
אַז קוים דערזעט ער אַ געשטרייפטע שאָף,
דעם גאַנצן טאָג די אויגן זיינע טרערן,
און אָנווערן ער וועט די ראיה גאָר לסוף,
נאָר ווי צו העלפן זיך, דאָס קאָן ער נישט באַקלערן.
— דו לייב אַלמעכטיקער! — בלאָזט אָן זיך בייז דער בער:
צו וואָס צעלאָזן זיך מיט לאַנגע ריידעם?
אָן וויטערע אסיפות נעם אַנטשייד עס —
באַפעל זיי אויסשטיקן, די שאָף. ווער דאַרף זיי האָבן, ווער? —
דערזען, עס כמאַרעט זיך ביים לייב דער שטערן,
באַשיידן זאָגט דער פוקס: — אָ, צעזאַר! גרויס איז דיין גענאָד:
די נעבעכדיקע ברואים זיינען זיכער דיר אַ שאָד,
און בלוט פון אומשולד וועסטו נישט באַגערן.
אָן אַנדער ראָט דערוועגט זיך פירברענגען מיין קעל:
מע זאָל זיי לאָנקעס צוטיילן אויף דיין באַפעל,
די מאַמעס זאָל האָבן זיך בשפע צו דערנערן,
די שעפּסלעך — ווו צו לויפן, שפּרינגען וויפל זיי באַגערן,
און ווי עס איז אין פּאַסטעכער אַ דוחק לאָזט זיך הערן,

---

*) אַ משל, וואָס איז נישט אריין אין די ביין ביכער. נישט געדרוקט געוואָרן פאַר קרילאָווס לעבן צוליב צענזור־טעמים.

איז זאָלן ביי די שעפּסן וועלף פאַרנעמען זייער שטעל.
איך ווייס נישט, נאָר מיר דאַכט זיך אויס, אַז גאָר אײנשנעל:
וועט זייער דור פון זיך אַליין זיך פּעלן.
דערווייל־זשע זאָלן זיי זיך וווילגיין אויף דער פריי,
און וואָס עס קומט נאָר פאָר — ביסטו נישטאָ דערביי. —
די מיינונג פון דעם פוקס אין ראָט ווערט אָנגענומען איינניק,
און ס׳גייט אַוועק אַזוי דערפאַלגרייך, שנעל,
אַז אָפּגערעדט שוין פון די שעפּסן מיט געשטרייפטער פעל —
נאָר אויך די גלאַטע בלייבן איבער ווייניק.
און צווישן חיות וועגן דעם אַוועלכע ריידערייען?
דער לייב וואָלט גוט זיין, נאָר די וועלף באַגייען מערדערייען.

אופאַ, 1942 — לאָדזש, 1947

קאמענטארן צו די משלים

פארנאס.

אין דעם משל „פארנאס" האט קרילאוו אויסגעלאכט דעם „רוסישן פארנאס" — די „רוסישע אקאדעמיע". די „רוסישע אקאדעמיע" איז געווען אן אפיציעלער אנשטאלט, וועלכער האט געדארפט זארגן פאר דער אנטוויקלונג פון דער רוסישער שפראך און ליטעראטור. אינדעראמתן אבער האט די רוסישע אקאדעמיע אין אנהייב 19־טן י. ה. לחלוטין נישט מיטגעווירקט דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור, נאר, אדרבא, זי טארמאזירט. די מיטגלידער פון דער אקאדעמיע זיינען געווען במעט אויסשליסלעך שרייבער־רעאקציאנערן. די רוסישע אקאדעמיע האט זיך פיינטלעך באצויגן צו יעדן פארגעשריטענעם געדאנק אין דער ליטעראטור. דער הויפט־פירער פון דער אקאדעמיע, שישקאוו, האט רעקאמענדירט די שרייבער צו באנוצן זיך מיט אויסטערלישע קוידערוועלשענע ווערטער. אט דעם דאזיקן שווערבאוועגלעכן סטיל לאכט עס אויס קרילאוו אין דעם משל.

דער וואלף אינעם הינטהויף

דער וואלף אין קרילאווס משל מיינט דעם פראנצויזישן אימפעראטאר נאפאלעאן, וועלכער איז אריינגעפאלן אין א שווערער לאגע, בעת זיין קריגסצוג קיין רוסלאנד אין יאר 1812. נאפאלעאנס ארמיי, וועלכע איז אריינגעדרונגען אין דער טיף פון רוסלאנד, האט

פארלוירן די פארבינדונג מיט פראנקרייך. דאס רוסישע פאלק האט זיך געשטעלט אין שוץ פון זיין פאטערלאנד. די פויערישע פארטי־זאנישע אטריאדן האבן דערלאנגט איין קלאפ נאכן צווייטן דער פראנצויזישער ארמיי, וועלכע איז דערשעפט געווארן צוליבן העל־דישן ווידערשטאנד פון די רוסישע אחמייען, און האט געליטן פון מאנגל אין דערנערונג און ווארעם אנטאן.

דער יעגער אין דעם משל מיינט דעם הויפטקאמאנדיר פון די רוסישע ארמייען מ. אי. קוטוזאוו.

ארייננעפאלן אין דער שווערער לאגע, האט נאפאלעאן פארגע־לייגט דער רוסישער קאמאנדשאפט „א סוף צו מאכן צו דעם מחלוקת צווישן די גרויסע פעלקער" און שליסן שלום. נאר אלעקסאנדער דער ערשטער האט אפגעווארפן נאפאלעאנס פארשלאג. אט די האזי־קע פארהאנדלונגען מיינט עס קרילאוו אין זיין משל: „ס'האט זיך אונטהזער כיטרער העלד ארייגעלאזט אין פרידלעכע געשפרעכן..."

דער העכט און דער קאטער

צום סוף יאר 1812 איז נאפאלעאנס ארמיי געצוואונגען געווען אנצוהייבן איר ריקצוג פון רוסלאנד.

אין חודש נאוועמבער, ווען די פראנצויזן, שטארק אפגעשוואכט פאר דער צייט פון זייער ריקצוג, האבן זיך אנגעהויבן צו דערנענ־טערן צום טייך בערעזינע, איז אין פעטערבורג, ביי דער באטייליקונג פון אלעקסאנדער דעם ערשטן (אן א פארשטענדיקונג מיט קוטוזאוון), אויסגעארבעט געווארן א פלאן ארומצורינגלען די רעשטלעך פון דער פראנצויזישער ארמיי מיט נאפאלעאנען אליין און זיי נעמען אין געפאנגענשאפט. די הויפט־ראל אין דער זאך האט געהאט שפילן די דרומדיקע ארמיי פון דעם אדמיראל טשיטשאגאוו.

נאר טשיטשאגאוו האט זיך נישט איינגעגעבן צו פארהאלטן נאפאלעאנען.

דעם מאטראז טשיטשאגאוו, וועלכער האט געליטן א מפלה אין קריג אויף דער יבשה, האט קרילאוו ארויסגעפירט אין געשטאלט פון דעם העכט, וועלכער האט זיך אומזיסט ארויסגערוקט אויף דער יבשה כאפן מייז.

דער אָבאָז

אין דעם דאָזיקן משל באַרעכטיקט קרילאָוו די פּאַרזיכטיקע טאַקטיק פון קוטוזאָוון. אין יאָר 1812, נאָך דעם ווי די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען מאָסקווע, האָט אַלעקסאַנדער דער ערשטער געפאָדערט פון קוטוזאָוון אָנצונעמען שנעלע מאָסמיטלען קעגן דעם שונא, וואָס האָט אַריינגעדרונגען טיף אין לאַנד אַריין. קוטוזאָוו אָבער, געטריי זיין פאַרזיכטיקער טאַקטיק, האָט זיך נישט געאיילט און ביסלעכווייז פאַרווירקלעכט זיין סטראַטעגישן פּלאַן, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אויסצומאַטערן דעם שונא.

דאָס אייזל און דער סאָלאָוויי

איינער קרילאָווס אַ באַקאַנטער האָט דערציילט די פאָלגנדיקע פּאַסירונג, וואָס האָט געדינט אַלס סיבה צו שאַפן דעם דאָזיקן משל: אַ געוויסער מאַגנאַט האָט פאַרבעטן צו זיך קרילאָוון און אים געבעטן פאָרלייענען עטלעכע משלים. קרילאָוו האָט מייסטערהאַפט פאַרגעלייענט עטלעכע משלים, צווישן זיי איינעם, איבערגעזעצט פון לאַפאָנטענען. דער מאַגנאַט האָט אים אויסגעהערט, דערנאָך האָט ער טיפזיניק באַמערקט: „דאָס איז גוט, נאָר פאַרוואָס זעצט איר נישט איבער אַזוי ווי איוואַן איוואַנאָוויטש דמיטריעוו?" — איך קאָן נישט, — האָט באַשיידן געענטפערט קרילאָוו.

אַטואַן איוואַנאָוויטש דמיטריעוו איז געווען אַ פּאָעט, אַ פאַרפאַסער פון סענטימענטאַלע געדיכטן, משלים, לידער, עלעגיעס, וועלכע זיינען געווען זייער פּאָפּולער. לויט זיין טאַלענט איז דמיטריעוו געשטאַנען פיל נידריקער פון קרילאָוון, און לויט זיין ליטעראַרישער איינשטעלונג איז ער געווען זיין קעגנזאַץ. דימיטריעוו האָט געשטרעבט צו שרייבן לייכט, מאַניִרלעך, פאַרפּוצט, קרילאָוו — פשוט, און ווען נייטיק — אפילו שאַרף.

בלויז אַן עם־הארץ האָט געקאָנט פאַרלייגן קרילאָוון צו שרייבן „ווי דמיטריעוו".

דער קאָטער און דער קוכער.

דעם דאָזיקן משל האָט קרילאָוו אָנגעשריבן אין יאָר 1812, בעת דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען. נאַפּאָלעאָנס פּילצאָליקע, גוט באַוואָפנטע אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן קיין רוסלאַנד און זיך באַוועגט פאָרויס. דער רוסישער הויפּט־קאָמאַנדיר באַרקליי דע טאָלי, א דערפאַרענער און פּראַקטישער מיליטער־פירער, האָט אויסגעמיטן אַן אַנטשיידענע שלאַכט און עקשנותדיק אָפּגעטרעטן אין דער טיף פון לאַנד. די טאַקטיק פון באַרקליי דע טאָלי האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט צווישן די אָפיצירן און אין הויף. מע האָט באַרקליי דע טאָלין אומבאַרעכטיקט באַשולדיקט שיר נישט אין פאַראַט, אין נישט וועלן אונטערנעמען קיין אַנטשיידענע מאַסמילען צו באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד, און דער צאַר האָט פאַרטוישט באַרקלייען אויף קוטוזאָוון, סוואָראָווס תלמיד, דעם טאַלענטירטן מיליטער־פירער, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט פאַרלאַנגט צו זען אים בראש פון דער אַרמיי. קעגן באַרקלייען — דעם קוכער, וועלכער האָט, לויט דער מיינונג פון זיינע מיטצייטלער, גענאַנט בלויז חקירהן, אָבער נישט האַנדלען, — איז דאָס געווען געריכטעט דער משל פון קרילאָוון, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק דערוואַרט פון קוטוזאָוון דעם נצחון און האָט זיך אים דערוואַרט.

געגנדז

לויט אַן אוראַלטער מסורה האָבן די געגנדז, וועלכע האָבן געדרימלט אויף די ווענט אַרום דער שטאָט רוים, מודיע געווען מיט זייער געשריי די שטאָט־איינוווינער וועגן דעם אומגעריכטן אָנפאַל פון די גאַלן אויף דער שטאָט, און זיי האָבן דערמיט געהאָלפן ד שטאָט צו ראַטעווען.

לוים פּישריוך

אין יאָר 1811 איז געגרינדעט געוואָרן די ליטעראַטור־געזעלשאַפט „מסיבה פון ליבהאָבער פון רוסישן וואָרט", וואָס קרילאָוו איז געוואָרן איר א מיטגליד.

די „מסיבה" האט פאריניקט די שרייבער־רעאקציאנערן, די אונטערשטיצער פון דער זעלבסט־הערשאפט און דעם ליב־איינגטום, די אנהענגער פון דער אלטער פאעזיע און קעגנער פון די פראגרעסיווע אידייען אינעם לעבן און אין דער ליטעראטור. די זיצונגען פון דער „מסיבה" פלעגן פארקומען פייערלעך און פרעכטיק. אויף די האזיקע זיצונגען פלעגן די מיטגלידער פון דער „מסיבה" אין ביזיין פון זייער א סך צוהערער פארלייענען זייערע ווערק. די שרייבער־„מסיבהניקעס" זיינען מייסטנטייל געווען מענטשן שוין זייער אלטע, פון באאמטנטום און — וואס ערגער פון אלץ — טאלענטלאזע. דערפאר איז אויף די זיצונגען געווען אויסערגעווייניק לאנגווייליק. קרילאוו אליין האט געטריבן חוזק איבער דער טעמפקייט פון די טאלענטלאזע שמירער, מיט וועלכע ער איז געזיצן ארום דעם לאנגן טיש.

איינמאל האבן די „מסיבהניקעס" געבעטן קרילאוון, ער זאל אויף דער קומענדיקער זיצונג פארלייענען זיינעם א משל. קרילאוו האט צוגעזאגט צו לייענען א משל, ער האט אבער נישט געזאגט וועלכן. ס'איז געקומען דער טאג פון דער זיצונג. קרילאוו האט פארשפעטיקט צו דער דערעפענונג און געקומען צו פארן, ווען דאס לייענען האט זיך שוין אנגעהויבן. איינער פון די „מסיבהניקעס" האט געלייענט עפעס א ווערק, א לאנגווייליקס און אן אומענדלעך צעצויגנס. דער פארזיצער האט שטיל א פרעג געטאן קרילאוון: „איר האט געבראכט, איוואן אנדרייעוויטש?" — „געבראכט". — „גיט מיר, כ'בעט איך, א קוק צו טאן". — „נו, דאס שוין שפעטער", — האט געענטפערט קרילאוו.

דער „מסיבהניק" האט אלץ געלייענט און געלייענט, די צוהערער זיינען מיד געווארן, מע האט אנגעהויבן אונטערגענעצן. ענדלעך האט דער „מסיבהניק" געענדיקט. דעמלט האט איוואן אנדרייעוויטש אריינגעשטעקט די האנט אין קעשענע, ארויסגענומען א צעקנייטשט פאפירל און אנגעהויבן לייענען „לוים פיש־יויך".

די צוהערער האבן זיך שנעל אנגעשטויסן, אז אין געשטאלט פון לוין, וואס פארפייניקט שמעונען מיט זיין פיש־יויך, האט קרילאוו ארויסגעפירט די „מסיבהניקעס", וועלכע פייניקן זייערע געסט מיט זייערע לאנגע און לאנגווייליקע שאפונגען.

אַפּעלעס און דאָס אייזעלע

אַז אַלטגריכישער מיט דערציילט, אַז איינמאָל איז מידאַס ביי־געווען בעת אַ געוועט־קאַמף צווישן דעם גאָט פון פּאָעזיע און מוזיק, אַפּאָלאָ, און דעם פּאַסטעכער־גאָט, פּאַן. אַפּאָלאָן האָט געשפּילט אויף אַ לירע, און פּאַן אויף אַ פייפל. מידאַס האָט דערקלערט, אַז פּאַן שפּילט און זינגט בעסער פון אַפּאָלאָ, דער צעצאָרנטער אַפּאָלאָן, וועלנדיק נעמען נקמה פון מידאַסן, האָט פאַרוואַנדלט זיינע אויערן אין אייזלשע.

ווען דעם דאָזיקן משל האָט גרעטש געזאָגט, און אין געשטאַלט פון אייזעלע האָט קרילאָוו געגעבן דעם יונגן פּאָעט פ. א. קאַטענין, וועלכער האָט אַמאָל זייער וואַזשנע געזאָגט גרעטשן: „קרילאָוו האָט מיך דערעסן מיט זיינע שטענדיקע איינלאַדונגען" (קרילאָוו האָט ווירקלעך צוויי מאָל פאַרבעטן צו זיך קאַטענינען). די דאָזיקע חוצפּה איז באַקאַנט געוואָרן דעם משל־שרייבער, און ער האָט זיך אָפּגע־רעכנט מיט קאַטענינען דורכן משל.

די קאַץ און דער סאָלאָוויי

אין דעם דאָזיקן משל האָט קרילאָוו געשילדערט די שווערע לאַגע פון די רוסישע שרייבער: ווי דער סאָלאָוויי אין די נעגל פון דער קאַץ, האָט זיך דער שרייבער פון יענער צייט געמאַטערט אין די נעגל פון דער צענזור.

„ס'איז שלעכט דעם סאָלאָווייס געזאַנג אין נעגל פון אַ רויבער".

ווייניק נאָך, וואָס די צענזור האָט נישט דורכגעלאָזט צום דרוק ווערק, אין וועלכע עס זיינען באַרירט געוואָרן פראַגן פון פּאָליטיק, לייב־אייגנטום־רעכט, אויפקלערונג אא"וו — די טיפּשות און דאָס טשעפּען זיך פון דער צענזור איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט פאַרווערט צו שרייבן אַפילו וועגן דעם שפּילן פון די אַק־טיאָרן פון דער רעזידענץ־שטאָט: די אַקטיאָרן פון די אימפּעראַטאָ־רישע טעאַטערן "זיינען אין דינסט פון זיין מאַיעסטעט" — טאָ ווי קאָן מען זיי קריטיקירן! איינמאָל האָט דער צענזאָר פאַרווערט צו

דרוקן געדיכטן וועגן ליבע אויפֿן גרונט פֿון דעם, וואָס ביי אונדז איז ערב דעם גרויסן יום־טוב, און אַ גוטער קריסט דאַרף מתפּלל זיין און נישט פֿאַנטאַזירן וועגן ליבע.

דער פֿישן־טאַנץ

לויט דער מסורה פֿון קרילאָווס מיטצייטלער, איז אין דעם דאָזיקן משל פֿאַראַן אַ רמז אויף אַן אמתן היסטאָרישן פֿאַקט, וואָס האָט אַ שייכות צו אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס רייזע איבער רוס־לאַנד. אין איינער אַ שטאָט, זיך גרייטנדיק שוין אָפּצופֿאָרן, האָט אַלעקסאַנדער דער ערשטער דערזען דורכן פֿענצטער אַ המון מענטשן, וועלכע דערנענטערן זיך צום הויז. אויפֿן קייסרס פֿראַגע, וואָס דאָס באַדייט, האָט דער גובערנאַטאָר געענטפֿערט, אַז דאָס איז אַ דעפּוטאַציע פֿון די איינוווינער, וועלכע ווילן אויסדריקן זייער דאַנקבאַרקייט פֿאַר דעם ווילשטאַנד אין דער דאָזיקער געגנט. אַלעקסאַנדער, איילנדיק זיך אָפּצופֿאָרן, האָט נישט אויפֿגענומען די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זיינען גאָר געקומען מיט אַן אָנקלאַגע אויפֿן גובערנאַטאָר. — די צענזור האָט דעם דאָזיקן משל פֿאַר־ווערט צו דרוקן.

די קוקאַווקע און דער האָן

אין דעם משל „די קוקאַווקע און דער האָן" דערציילט קרילאָוו וועגן דעם, ווי אַ קוקאַווקע און אַ האָן לויבן זיך איינער דעם אַנ־דערן אין טאָג אַריין.

„איז גיט־זשע מיר, איך בעט אייך, צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וועלכן די קוקאַווקע לויבט עס אַזוי שיין דעם האָן? פֿאַר דעם, וואָס ער טוט די קוקאַווקע לויבן."

און הגם עס גייט דאָ דער שמועס וועגן אַ האָן מיט אַ קוקאַווקע, האָבן די לייענער פֿון יענער צייט אָן מי דערקענט אין דעם משל די צוויי דעמלטיקע זשורנאַליסטן — בולגאַרינען און גרעטשן — די פֿלייסיקע משרתים פֿון דעם צאַר און דער זשאַנדאַמעריע, די צוויי ליטעראַרישע קרעמער, וועלכע האָבן רעקלאַמירט און אויסגע־לויבט אין דער פּרעסע איינער דעם אַנדערנס ווערק.

נאָכוואָרט

מײַן איבערזעצן דעם גרעסטן טייל פון קרילאָווס משלים איז נישט געווען בײַ מיר קיין פּאַרויס פּאַרטראַכטע אַרבעט. ביזן יאָר 1941—1942 האָב איך געהאַט איבערגעזעצט און אָפּגעדרוקט אַ צוויי־דרײַ קרילאָווס משלים, און דאָס אויך — צופעליק. נאָך מײַן אַרויסגעבן אין וואַרשע, אין יאָר 1934, מײַן צווייט משלים ביכל „וועגט האָבן אויערן", האָב איך אַפילו דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז איך וועל זיך שוין, מיגלעך, צום דאָזיקן זשאַנר בכלל נישט אומקערן. און אין משך פון עטלעכע יאָר איז ווירקלעך קיין איינציקער משל נישט אַרויס פון אונטער מײַן פען.

צום משל האָב איך זיך אומגעקערט אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין ערשט אין דער מלחמה־צײַט, אין יאָר 1941—1942. איך האָב דעמלט געטאָן שוואַרצע אַרבעט אין אַ פאַבריק ערגעץ אין אַ העק פון באַשקיריע, ווען און ווו איך האָב נישט נאָר נישט געהאַט קיין צײַט, מיגלעכקייט און כוח פאַר שעפערישער טעטיקייט, נאָר אויך נישט קיין געמיט. דער פאַבריק־ראַדיאָ האָט יעדן טאָג צוגעגומען אַ שטיק געזונט: דער שונא קומט נענטער! עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שאַפונגס־קוואַל האָט שוין אין מיר אויסגעטריקנט; די נשמה איז געווען ווי אַ מדבר. אָבער צוזאַמען מיט דער זיכערקייט, אַז סוף־כל־סוף וועט דער שונא זיך צוריקציען און אויסציען די פיס, האָט אויך געטליעט אין מיר די האָפענונג, אַז איך פערזענלעך וועל צוריקקומען צו זיך שעפעריש. און ווי נאָר דאָס לעבן אויף דער פאַבריק איז מיר אַביסל לײַכטער געוואָרן, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון דעם אוקראַאינישן שרײַבער־פאַריין, וועלכער איז אויך דעמלט געווען אויף עוואַקואַציע, האָט מײַן דאָזיקע האָפענונג אָפּגעקלונגען, ווי אַן עכאָ, גראָד אין אַ משל „דער לייב און די ווערעם", וועלכער פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „דער לייב בלײַבט לייב, דער וואָרעם — וואָרעם".

אין יאָר 1942 בין איך אַריבערגעפאָרן קיין אופאַ, די הויפּט־שטאָט פון באַשקיריע, ווו איך האָב געאַרבעט אַ מעת־לעת איבער אַ מעת־לעת

אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל ווי אַ שוויצער-וואַכטיאָר. אויך דאָן זיינען נאָך מיינע לעבנס-באַדינגונגען נישט געווען אַזעלכע, אַז מיין געמיט זאָל זיין גענייגט זיך אויפצוּוועקן צו שעפערישן טאַט. אָבער גראָד אין דער אַרבעט-צייט האָב איך געהאַט גענוג צייטבלויזן, וועלכע איך האָב גע-גאַרט אויסצופילן מיט שרייבערישער אַרבעט. דעמלט איז מיר אויפן געדאַנק געקומען צו נעמען זיך פאַר איבערזעצן קרילאָווס משלים.

די רוסישע אַלטינקע געוועזענע לערערין, די קולטור-טוערין און ביבליאָטעקאַרין פון אונדזער שפּיטאָל (איר נאָמען געדענק איך נישט אָנצורופן) — אַ ליכטיק געשטאַלט, וואָס האָט מיטן בוך געטראָגן פאַר-לייכטערונג און טרייסט דעם קראַנקן רויטאַרמייער און האָט זיך אין מיין געמיט אַסאָציאירט מיט אונדזער שרה-בת-טובים — האָט מיט גרויס מי איינגעשאַפן פאַר מיר אַן עקזעמפּליאַר קרילאָווס משלים. זיצנדיק ביי מיין דינסטלעכן טיש, אין דערוואַרטונג אויף באַזוכער זיי צו באַדינען, צווישן איין שטערונג און דער צווייטער, האָב איך געטאָן מיין איבער-זעצונגס-אַרבעט. פון צייט צו צייט פלעג איך אָפּשטעלן די אַלטע לערערין, זי זאָל מיר דאָ און דאָרט דערקלערן דעם שווערן טעקסט. זי האָט עס גערן געטאָן. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך זיך גייסטיק אויסגע-לעבט פאַר יענער שווערער צייט פון נסיונות. די אַרבעט איז מיר געווען שווער אָבער טייער, און איך האָב אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן וועגן אַן איבערזעצונג פון אַלע קרילאָווס משלים. אין דעם המשך און קיום פון דער יידישער ליטעראַטור בין איך דעמלט געווען אַזוי זיכער, פונקט ווי אין דעם ענדגילטיקן זיג פון דער רויטער אַרמיי. איך אַרבעט נישט, הייסט עס, פאַרן ווינט.

פון באַקענען זיך מיט די יידישע איבערזעצונגען פון קרילאָווס משלים, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר מיר, כדי אויף זייערע דערגרייכונגען און פעלערן זיך צו לערנען, האָט ביי די דעמלטיקע באַדינגונגען און אויף יענעם אָרט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, הגם אין די צייטונגס-קיאָסקן האָט מען געקאָנט קריגן צו קויפן די ווערק פון די יידישע קלאַסיקער, אָדער פון אַ היינטצייטיקן סאָוועטיש-יידישן שרייבער. איך בין דעריבער אין מיין דאָזיקער אַרבעט געווען אָנגעוויזן בלויז אויף זיך אַליין. און אַליין בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דער פאָלגנדיקער הנחה: ביים איבער-זעצן דאָס ווערק פון אַ קלאַסיקער טאָר מען זיך נישט פאַרגינען קיין צו גרויסע פרייקייט אונטערן אויסרייד פון איבערדיכטונג; מע מוז זיך אומבאַדינגט האַלטן ביי דער פאָרעם פון דעם ווערק, ביי זיין אַרכי-טעקטאָנישן געביי; מע דאַרף זיך באַמיען צו האַלטן וואָס נענטער צום אינהאַלט און אַריינפירן געצוווּנגענע ענדערונגען ביז אַ מינימום; די אידיאָמאַטיק פון דער איבערזעצטער שפּראַך דאַרף אָפּגעהיט ווערן אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי לאָזט זיך נאָר פאַרטוישן מיט דער אידיאָ-מאַטיק פון דער איבערזעצונגס-שפּראַך; אין דער איבערזעצונג טאָרן נישט

זיין נישט מער און נישט ווייניקער שורות ווי אין טעקסט, הגם אָפּצוהיטן די צאָל טראָפּן אין דער שורה איז, דאַכט זיך, נישט מעגלעך בנוגע אַזעלכע שפּראַכן ווי רוסיש און יידיש; קיין שורה טאָר נישט האַלטן מער פון פופצן טראָפּן.

האַלטנדיק זיך ביי די דאָזיקע כללים, בין איך כמעט טאָג־טעגלעך אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט און די אַרבעט איז, צו מיין פרייד, געגאַנגען פאָרויס.

(אויף דעם אָרט וויל איך זיך זייער אַנטשולדיקן פאַר דער ליבער־רוסישער אַלטיטשקער קולטור־טוערין און וויל־טוערין, וועלכער איך האָב זיכער פאַרשאַפט נישט בלויז אומאַנגענעמלעכקייטן, נאָר אויך אַנטוישט אין דער ערלעכקייט פון דעם מענטשן: ווען איך בין אין יאָר 1944 אַרויסגעפאָרן פון אופאַ קיין מאָסקווע, האָב איך נישט גובר געווען אין זיך דעם יצר־הרע און איר נישט אומגעקערט דאָס ביכל משלים, וואָס זי האָט מיר אין איר איידלקייט מיט מי איינגעשאַפן. איך וויל האָפן, אַז זי האָט, אין דער פיינקייט פון איר נשמה, אויסגעזוכט אַ פאַרענטפערונג פאַר מיר, אָבער איך בין דאָך פשוט באַגאַנגען אַ גנבה! אפשר האָב איך פאַר דעם באַקומען שפּעטער אַ שטראָף?).

אין יאָר 1945 האָב איך אין מאָסקווער שרייבער־קלוב פאָרגעלייענט אויף אַ שרייבער־אָוונט, איינגעאָרדנט דורך דער יידישער סעקציע, אַ טייל פון מיינע איבערזעצונגען.

נאָך מיר האָט גענומען אַ וואָרט די קריטיק. דאָס איז געווען אַ שמייסנדיקע קריטיק. מיין געמיט איז אויסגעקומען דורכצולויפן דורך אַ "קאַסטרוי", וואָס האָט ווי געטאָן, פאַרשאַפט עגמת־נפש און פאַרדרוס און אויסבאַהאַלטענע פאַרשעמטקייט. בטבע אַ שווייגער, האָט איך קיין וואָרט זיך צו באַרעכטיקן ווי־עס־איז נישט גענומען. אָבער טייל חברים האָבן מיך באַמוטיקט, איינגעפיבענדיק, אַז איניקע משלים זיינען אַפילו געלונגען איבערגעזעצט.

מיט דער צייט זיינען מיר די קריטישע שמיץ געווען צו רפואה און געזונט. איך האָב זיך נאָכאַמאָל גענומען צו די איבערגעזעצטע משלים, צו מאַכן בעסער דאָס, וואָס איך האָב פריער שלעכט געמאַכט, צו פאַרפולקומער מאַכן דאָס, וואָס איז פריער געווען נישט אין ערגסטן. אַזוי ביזן יאָר 1950.

אָט די דאָזיקע אַרבעט, וואָס דאַטירט פון יאָר 1942 אין דעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד ביז אין יאָר 1950 אין דעם נייעם דעמאָקראַטישן פוילן, וווּ עס איז מיר געגעבן געוואָרן דאָס מיגלעכקייט אַרויסצוברענגען זי צו דער ליכט פון דער עפנטלעכקייט — האָב איך איצט צוגעטראָגן דעם יידישן לייענער און דערוואַרט זיין אָפּשאַצונג.

וואַרשע, 31־טן יאַנואַר, 1950.

אינהאַלט:

אי. א. קרילאָוו (ביאָגראַפיע) . . . . . . 5—12

איוואַן אַנדרייעוויטש קרילאָוו — פון וו. ג. ביעלינסקי (פראַגמענטן) 12—19

* * * — פון רעדאַקציע . . . 19—21

פון דעם ערשטן בוך:

1. די קראָ און דער פוקס . . . . . 21—23
2. מוזיקאַנטן . . . . . . 23—24
3. די וואָראָנע און די הון . . . . . 24—26
4. דאָס שקעטעלע . . . . . . 26—27
5. די זשאַבע און דער אָקס . . . . . 27—28
6. די איבערקלייבערישע כלה . . . . 28—31
7. דער פּאַרנאַס . . . . 31—33
8. דער אָראַקל . . . . 33—34
9. דער וואָלף און דאָס שעפּסל . . . . 34—36
10. מאַלפּעס . . . . 36—38
11. דאָס בלויערל . . . . 38—39
12. דער אייזל . . . . 39—41
13. די מאַלפּע און די ברילן . . . . . 41—42
14. דער אָדלער און די הינער . . . . . 42—45

פון דעם צווייטן בוך:

15. די פּרעש, וואָס בעטן אויף אַ קיסר . . . 45—48
16. די פּעסט אויף חיות . . . . . 48—51

17. הינטישע פריינטשאפט . . . . 51—53
18. די חלוקה . . . . . . 53—54
19. דער וואלף אויפן הינט־הויף . . . 54—56
20. דאס טייכל . . . . . . 56—58
21. דער פוקס און דאס מורמלטיר . . . 58—59
22. די דורכגייער און די הינט . . . 59—60
23. דאס ליבעלע און די מערעשקע . . . 60—61
24. דער ליגנער . . . . . . 61—64
25. דער האז אויף פאנג . . . . 64—65
26. דער העכט און דער קאטער . . . 65—67
27. דער האן און דאס פערלקערנדל . . . 67—68
28. דער פויער און דער באטראק . . . 68—70
29. אן אבאז . . . . . . 70—72
30. די יונגע קרא . . . . . 72—74
31. דער העלפאנט אלס שופט . . . . 74—75
32. דער איזל און דער סאלאווי . . . 75—77

פון דעם דריטן בוך:

33. דער ארענדאר און דער שוסטער . . 77—80
34. דער פויער אין נויט . . . . 80—82
35. דער באלעבאס און די מייז . . . 82—83
36. דער העלפאנט און מאסקע . . . 83—84
37. דער וואלף און דאס וועלפל . . . 84—86
38. די מאלפע . . . . . . 86—87
39. דער זאק . . . . . . 87—89
40. דער קאטער און דער קוכער . . . 89—91
41. דער לייב און דער קאמאר . . . 91—93
42. דער פויער און דער פוקס . . . . 93—95
43. גענדז . . . . 95—97
44. דער חזיר . . . . . . 97—98
45. די פליג און די פאסאזשירן . . . 98—100
46. דער אדלער און דער שפין . . . . 100—102
47. א הונט . . . . . . 102—103
48. דער אדלער און דער קראט . . . 103—105

פון דעם פערטן בוך:

49. דער קוואַרטעט . . . . . . 105—107

50. די בלעטער און די וואָרצלען . . . 107—109

51. דער וואָלף און דער פוקס . . . . 109—110

52. דער פּאַפּיר־שלאַנג . . . . . . 110—111

53. דער שוואַן, דער העכט און דער ראַק . 111—112

54. דער שטאָר . . . . . . 112—113

55. לעמלם קאַפּטן . . . . . . 113—115

56. דער נזיר און דער בער . . . . 115—119

57. בלומען . . . . . . 119—121

58. דער נייגעריקער . . . . . 121—122

59. דער לייב אויף יאַגד . . . . . 122—123

60. די פּויערים און דער טייך . . . . 123—124

61. די גוטע פוקסעכע . . . . . 124—126

62. אַ דאָרפישע אסיפה . . . . . 126—127

פון דעם פינפטן בוך:

63. לוים פיש־יויך . . . . . 127—129

64. די מויז און דער עכבר . . . . 129—130

65. דער זיסיק און די טויב . . . . 130—131

66. דער שטיין און דער וואָרעם . . . 131—132

67. דער בער ביי די בינען . . . . 132—133

68. דער שפּיגל און די מאַלפּע . . . 133—134

69. דער קאָמאַר און דער פּאַסטעך . . . 134—135

70. דער פּויער און דער טויט . . . . 135—136

71. דער פּויער און די האַק . . . . 136—137

72. אַ הונט, אַ מענטש, אַ קאַץ און אַ פאַלק . 137—139

73. האָפּן . . . . . . 139—140

74. דער העלפאַנט אין גנאָד . . . . 140—141

75. אַ כמאַרע . . . . . . 141—142

76. דער רכילותניק און די שלאַנג . . . 142—144

77. פאָרטונע און דער בעטלער . . . . 144—146

78. די פראָש און יופּיטער . . . . . 146—147

79. דער פוקס דער בוימייסטער . . . . 147—149

80. אַ בלבול . . . . . . 149—151

פון דעם זעקסטן בוך:

81. דער וואָלף און די פּאַסטעכער . . . . 152—151
82. דאָס האַר־קעמל . . . . . . 154—152
83. דער קאַרגער און די הון . . . . . 155—154
84. צוויי בעסער . . . . . . 156—155
85. אַפּעלעס און דאָס אייזעלע . . . . . 157—156
86. אַ יעגער . . . . . . 159—157
87. דער אייזל און דער פּויער . . . . 160—159
88. דער וואָלף און דער באַטשאַן . . . . 161—160
89. די מוראַשקע . . . . . . 163—161
90. דער פּאַסטעך און דער ים . . . . . 165—163
91. דער פּויער און די שלאַנג . . . . . 166—165
92. דער פוקס און די ווייַנטרויבן . . . . 167—166
93. דער בער אין פּאַנג־נעץ . . . . . 169—167
94. דאָס ייִנגל און דער וואָרעם . . . . 171—169
95. אַ לויה . . . . . . 172—171
96. דער אַרבעטזאַמער בער . . . . . 175—173

פון דעם זיבעטן בוך:

97. דער ראַט פון די מייז . . . . . 178—175
98. דער מילנער . . . . . . 180—179
99. דער פאַרשווענדער און די שוואַלב . . 181—180
100. דער פּויער און די שלאַנג . . . . . 182—181
101. דער חזיר אונטערן דעמב . . . . . 183—182
102. דער שפּין און די בין . . . . . 185—183
103. די פוקסעכע און דאָס אייזל . . . . 186—185
104 די פליג און די בין . . . . . 188—186
105. די שלאַנג און די לאַם . . . . . 189—188
106. צוויי הינט . . . . . . 191—189
107. די קאַץ און דער סאָלאָוויי . . . . . 193—191
108. דער פישן־טאַנץ . . . . . 195—193

פון דעם אַכטן בוך:

109. אַ לייב אויף דער עלטער . . . 197—195

110. דער וועוורים . . . . . . 199—197
111. די קוקאווקע און דער אדלער . . . 200—199
112. בריטווועס . . . . 202—200
113. דער אָרעמער עושר . . . . 205—202
114. דער וואסערפאַל און דער קוואַל . . . 207—206

פון דעם נײַנטן בוך:

115. דער לייב און די מייז . . . . . 209—207
116. די קוקאווקע און דער האָן . . . 210—209
117. דער מאַכטהאָבער . . . . . 213—210
118. געשטרייפטע שעפּסן . . . . 215—213
קאָמענטאַרן צו די משלים . . . . 222—215
נאָכוואָרט . . . . 224—222

די ווערק פון ל. אליצקי

„אין אַן אָקופּירטן שטעטל". דערציילונג.
פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע, 1924.

„אין שיין פון פלאַמען". נאָוועלן.
פאַרלאַג „ב. קלעצקין" ווילנע—וואַרשע, 1927.

„משלים".
פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע, 1929.

„גערּאַנגל". ראָמאַן אין צוויי בענדער.
פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע, 1932.

„זון אַנטקעגן". דערציילונגען.
פאַרלאַג „ציש"אָ" וואַרשע. 1933.

„הונטמאַן". ראָמאַן.
(אין צוויי אויפלאַגעס). פאַרלאַג „קולטור-ליגע„
וואַרשע 1937.

„דער מענטש וועט גוט זיין". משלים.
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן" לאָדזש, 1947.

„דורך טויט צום לעבן". דערציילונגען.
פאַרלאַג „איקוף" בוענאָס-איירעס, 1949.

„משלים-בוך".
פאַרלאַג „יידיש-בוך" לאָדזש, 1949.

„ציגיינער". דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. י. פושקין.
פאַרלאַג „נידערשלעזיע" ווראָצלאַוו, 1949.

„פון קרילאָוום משלים".
פאַרלאַג „יידיש-בוך וואַרשע, 1950.

ביכער דערשינען אין פארלאג „יידיש בוך"
ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן

1. „מלכות געטאָ" — נאָוועלן פון ישעיהו שפּיגעל
2. „דער מענטש וועט גוט זיין" — משלים פון ל. אָליצקי
3. „מיט אַש אויפן קאָפּ" — לידער פון א. זאַק
4. „אויף די חורבות" — פּאָעמע פון חיים גראַדע
5. „אַ בוים אין ווינט" — דערציילונגען פון י. אָקרוטני
6. „מלך שאול" — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אשענדאָרף
7. „יידן אָן געלע לאַטעס" — סקיצן פון ה. סמאָליאַר
8. „דער אָפּגרונט רופט" — לידער פון גוטע גוטערמאַן
9. „אַ ייד צווישן פויערים" — פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט
10. „דורך שאָטן און שיין" — לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער
11. „אַ פענצטער צו דער וועלט" — לידער פון פּסח בינעצקי
12. „צו לויטערע ברעגן" — לידער פון רייזל זשיכלינסקי
13. „רואינען אין זון" — לידער פון לייב מאָרגנטוי
14. „אין אַ פּוסטער שטאָט" — דערציילונגען פון יצחק גוטערמאַן
15. „דער וועג פון פיין" — דערציילונגען פון ד. האָפנונג
16. „שרייבער און ביכער" — קריטיק פון דוד ספאַרד
17. „פלעמלעך אין דער נאַכט" — לידער פון לייבל קופּערשמיד

18. „משלים־בוך" — פון ל. אַליצקי

19. „יידישע שרייבער אין דער היים" — עסייען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי

20. „דער מענטש האָט געזיגט" — א כראָניק פון א. גאָזשאַנסקי

21. „און געוואָרן איז ליכט" — לידער פון י. שפּיגעל

22. „פרילינג אין פוילן — לידער פון בינעם העלער

23. „די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער" — פון ש. לאַסטיק

24. „די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור" פון ב. מאַרק.

25. „פון קרילאָווס משלים" — ל. אַליצקי.

אין דרוק:

„אַלמאַנאַך פון דער מאָדערנער פוילישער ליטעראַטור", א. אנד.

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:

ל. אַליצקי ד. ספאַרד